אין סעפּטעמבער 1942, האָט דער סאָלטיס פון דאָמבראָוויצע געמאָלדן, אַז אַלע יידן מוזן אַריבערפאָרן קיין בעלזשעץ – און ווער ס׳וועט אַזוי נישט טאָן, וועט געטויט ווערן. נאָך א שווערן מאַרש, זענען מיר אָנגעקומען אין בעלזשעצער געטאָ און דאָרט אַוועקגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן. אָפיציעל האָט געהייסן, אַז מ׳וועט פון דאַנען אַוועקפירן די יידן אויף אַרבעט. דאַקעגן מיינע עלטערן האָבן נישט געהאַט קיין ספק, אַז נאָך איין טראַנספּאָרט, איז נאָר אויף אומצוברענגען די יידן. אַזוי האָט זיי אויך דערציילט א יידישער קריגס־געפאַנגענער, וואָס האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין דאָמבראָוויצע. ער איז מיט אונדז מיטגעגאַנגען קיין בעלזשעץ, נאָר אויפן וועג פאַרשוווּנדן געוואָרן.

א געוויסן טאָג האָט מען באַפוילן אַלע יידן פון שטעטל צו פאַרזאַמלען זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ. קומענדיק אַהין, האָבן די עלטערן געזאָגט, אַז מיר, די דריי קינדער, זאָלן זיך אַריבער באַקומען אויף דער אַנדערער זייט, ווו עס וווינען די פּאָלאַקן. מיר האָבן פּרובירט אַריבערגיין אין שטאָט, נאָר פּלוצעם קומט אונדז אַנטקעגן אַן עס־עס־מאַן און ער פרעגט חיימען אויף אַן אויסווייז. ליידער, אונדזער ברודער האָט נישט געהאַט אַזאַ דאָקומענט און געמוזט מיט אים מיטגיין: מיר און מיין שוועסטער איז געלונגען צו גיין ווייטער און אָנקומען צו א פּוילישן בעקער, וואָס האָט אונדז געגעבן אַן עצה צו באַהאַלטן זיך אין קלויסטער. (היינט ווייסן מיר, אַז דער פּאָלאַק האָט געהערט צו אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע). מיר זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון קלויסטער, ווו ס׳איז גראָד פאָרגעקומען די לוויה פון א גלח. א פרוי אין קלויסטער האָט אונדז געהייסן אַראָפּנעמען די טיכלעך פון קאָפּ, ווייל זיי וועלן אונדז פאַראַטן אַלס יידישע מיידלעך. פאַר דער קירכע זענען געשטאַנען דייטשישע זשאַנדאַרמען און געקוקט יעדן אין די אויגן, צי יידן מאַסקירן זיך נישט. פון שטאָט האָט מען געהערט אָפּטע שיסערייען און נישט ווייט פון אונדז האָט מען אויף וועגענער אַדורכגעפירט טויטע יידן.

מיר זענען געגאַנגען מיט אַלע אָנטיילנעמערס אין דער לוויה, ביז צום בית הקברות. פון דאָרט האָבן מיר פּרובירט צוריקגיין קיין דאָמבראָוויצע, הגם אַזאַ שריט איז געווען געפערלעך. מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז אויך די פּאָלאַקן וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידן, זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן, אָדער מ׳האָט פאַרברענט זייערע הייזער.

דער וועג קיין דאָמבראָוויצע איז געווען א שווערער. מיין שוועסטער איז געווען איבערגעשראָקן פון די לעצטע איבערלעבונגען און איך בין געווען דורשטיק, געלעכצט נאָך א ביסל וואַסער. ערשט אין וואַלד האָבן מיר אַנטדעקט א קליין טייכל און נאָכן אָרומוואַשן זיך און אָנטרונקען, האָט מען זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג. אָנקומענדיק אין דאָרף, האָט מען זיך באַהאַלטן אין דער סטאָדאָלע פון דער פּויערטע, ווו מיר האָבן פריער געוווינט מיט די עלטערן. די פּויערטע האָט אַנטדעקט אונדזער אויפהאַלט, געברענגט עסן, נאָר איר ברודער האָט מורא געהאַט, אַז די דייטשן וועלן זיך דערוויסן, האָט מען אָנגעהויבן וואַנדערן פון איין סטאָדאָלע אין דער צווייטער – ביז מיר זענען אָנגעקומען אין א גרויסן פאָלוואַרק, וואָס האָט געהערט צו דער קירכע. דאָרט האָבן געאַרבעט גלחים, מאָנאַכן און מאָנאַשקעס. נאָר פאַרוואַלטעט מיט דעם פאָלוואַרק האָבן די דייטשן און אַדמיניסטראַטיוו האָט עס געהערט צו דער תפיסה אין לובלין. דאָרט האָבן אויך געאַרבעט מענטשן, וואָס אויף זייער אָנטאָן איז פון פאָרנט און פון אונטן געווען אויסגעמאָלן א ציגן־קאָפּ. זיי האָבן זיך געפינען אונטער א כסדרדיקער, שטרענגער אויפזיכט, תמיד הונגעריק. (היינט ווייסן מיר, אַז דאָס זענען געווען אַרעסטירטע בירגער פון לוקסענבורג).

אָנעם וויסן פון איר מאַן, האָט די פרוי פונעם אויפזעער איבערן פאָלוואַרק אונדז אַריינגעלאָזט אין איינער פון די סטאָדאָלעס און דערנאָך געברענגט עסן. אין עטלעכע טעג אַרום, האָט די פרוי אונדז געזאָגט, אַז איר מאַן ווייסט יאָ פון אונדזער באַהעלטעניש און ער האָט שטאַרק מורא, אויב מ׳וועט אונדז אַנטדעקן, דעריבער דאַרף מען פאַרלאָזן. מיר זענען געוואָרן זייער פאַרצווייפלט, ווייל פון דערפאַרונג האָט מען שוין געוווּסט, וואָס מיינט פאַר צוויי יונגע יידישע מיידלעך אַרומבלאָנקען אין יענע שווערע צייטן און זוכן ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. (היינט ווייסן מיר, אַז דער מאַן האָט מיטגעאַרבעט מיט די פּאַרטיזאַנער).

## 4

עס הייבט זיך ווידער אָן א נע־ונד. פון דאָמבראָוויצע געלונגט אונדז אַריינצוקומען קיין לובלין, ווו מיר באַגעגענען א פּוילישן פריינט פון מיין פאָטער וואָס דערציילט, אַז אין שטאָט זענען שוין נישטאָ קיין יידן, די לעצטע רעשטלעך געפינען זיך אין געטאָ אין מיידאַן טאַטאַרסקי, נישט ווייט פון מיידאַנעק און ער קאָן אונדז אַהין אַריבערפירן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין געלט,

קיין קליידער און קיין מעגלעכקייט זיך ארומצווואשן. אין לובלין האָבן די קינדער פון אונדזער סטרוזש פון הויז אונדז דערקענט און גענומען נאָכשרייען "זשידוווקי! זשידוווקי!". מיר האָבן זיי געגעבן די לעצטע 5 זלאָטיס, וועלכע מ'האָט פארמאָגט. דער פריינט האָט נאָך צוגעגעבן:

– וואָס ס'וועט זיין מיט אלע, וועט זיין אויך מיט אייך.

פארנאכט האָט ער מסכים געווען אונדז אוועקצופירן אין מיידאן טאטארסקי און אזוי ווי ער האָט געקענט די וועכטער ביים אריינגאנג־טויער, האָבן זיי אונדז אריינגעלאָזט. איצט זענען מיר ווידער הינטער די דראָטן. אָבער דער פריינט האָט זיך דערווייל אָפּגעשטעלט ריידן מיט א יידישן פּאָליציאנט, וואָס האָט אים געפרעגט, פאר וואָס ער האָט אונדז געבראכט אהער. „היינט ביינאכט וועט מען ליקווידירן דאָס געטאָ". דערהערנדיק אזעלכע רייד, האָבן מיר צוזאמען מיטן פריינט שנעל פארלאָזט מיידאן טאטארסקי. ער האָט אונדז צוגעפירט צו א פוילישער פרוי, נישט ווייט פון מיידאנעק. דער פריינט האָט זיך מיט אונדז געזעגנט און געזאָגט, אז ער קאָן נישט מער העלפן.

נאָכן איבערשלאָפן עטלעכע נעכט ביי דער פרוי, זענען מיר אוועק אין שטאָט און זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק אין זאקסישן גאָרטן, הגם אויפן טויער איז דאָרט געווען אן אויפשריפט "פאר יידן און הינט אריינגאנג פארבאָטן". גייענדיק דערנאָך אין גאס, איז צו אונדז צוגעגאנגען א מאן און נאָך א פריינטלעכן קלאפּ אין אקסל, א פרעג געטאָן:

– איר זייט די טעכטער פון הער באס? האָט איר דען דאָקומענטן, אז איר דרייט זיך ארום אזוי פריי?

דאָס איז געווען דער פּאָלאק מיעטשיסלאוו יאַנטשאַרעק, א שוואָגער פונעם פויער גוזשיצא פון דאָמבראָוויצע, א קליענט ביי מיין פּאָטער. מיר האָבן נישט געהאט קיין שום דאָקומענטן, דאָך האָט ער אונדז גענומען א היים צו זיך און צוגעזאָגט צו באזאָרגן מעטריקעס. נאָך א פּאָר טעג, האָט ער אונדז טאקע געבראכט די צוויי דאָקומענטן, מיט לעגיטימאציעס אויפן נאָמען פון זיין שוועגערין סטאניסלאווא גאָרטשיצאַ – פאר מיר. און אויפן נאָמען פון דער שכנה פון זיין שוועגערין, מאַריאַ טאַראַפּאַ – פאר מיין שוועסטער. יאַנטשאַרעק האָט מיט דאָקומענטן אונדז געשיקט אין דייטשישן ארבעטס־אמט, כדי זיך מעלדן פרייוויליק אויף ארבעט אין דייטשלאנד, ווייל ארומדרייען זיך אין לובלין איז פאר אונדז געפערלעך.

מיר זענען אוועק אין ארבעטס־אמט און באשלאָסן צו מעלדן זיך ווי צוויי קוזינקעס. דאָרט איז געווען א לאנגע ריי מענטשן וואָס האָבן דערציילט, אז די באאמטע פרעגן און פאָרשן יעדן איינעם – ווער זענען געווען די עלטערן, באָבעס, זיידעס, אויך דער גלח פון דער קירכע וואָס האָט אויסגעשריבן די מעטריקעס. מיר האָבן זיך דערשראָקן פון די נייעס און זיך געלאָזט צום יידישן בית־עולם אויף דער אוניצקע גאס און דאָרט זיך באהאלטן אין א שטאַל, ווו די דייטשן האָבן געהאלטן זייערע פערד. אכטונג געגעבן אויף דער שטאל האָט א יונגער פּאָלאק פון דאָמבראָוויצע און ער האָט אונדז אריינגעלאָזט.

## 5

אין צייטונג האָבן מיר איבערגעלייענט אן אנאָנס, אז א פרוי זוכט מיידלעך צום שטריקן. מיר זענען אוועק אויף דעם אָנגעוויזענעם אדרעס און געזאָגט דער פרוי, אז מ'איז אנטלאָפן פון פויזן און מיר האָבן פארלוירן די עלטערן. די פרוי, וואָס איז געווען די אלמנה פון ריכטער ווישניעווסקי, וועמען די דייטשן האָבן דערשאָסן, ווייל זיי האָבן ביי אים געפינען געווער, האָט אונדז געגלויבט און צוגענומען צו דער ארבעט. מ'האָט טאקע באדארפט שלאָפן אויף דער ערד, אָבער דערפאר באקומען א ווארעמע זופּ און אויך געהאט באשעפטיקונג, פון וואָס מ'איז געווען צופרידן. אזוי האָבן מיר איבערגעווינטערט אין יאָר 1942.

די פרוי ווישניעווסא האָט פון צייט צו צייט מיך געשיקט איינקויפן לעבנסמיטל און ביי דער געלעגנהייט זיך געטראָפן מיט א יידישן קריגס־געפאנגענעם אין דעם זעלבן געשעפט, אין וועלכן "זיין" דייטש האָט אים געשיקט איינקויפן. איך האָב מיט דעם קריגס־געפאנעגענעם נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. איינמאָל האָט מיין בעל־הביתטע אונדז דערציילט, אז ביי אירע שכנים האָט מען געזוכט אויסבאהאלטענע יידן. נאָר מיר זענען געבליבן גלייכגילטיק צו דער נייעס, גלייך נישט אונדז מיינט מען.

ביי דער פרוי ווישניעווסקאַ האָט אויך געוווינט א סובלאָקאַטאָרין און מיר האָבן איר פאָרגעלייגט, זי זאָל צוזאמען מיט אונדז זיך מאָביליזירן פרייוויליק אויף ארבעט קיין דייטשלאנד. זי האָט אונדז אָבער צוגערעדט צו בלייבן אין פוילן. אין לובלין איז דאָ איר חתן, א יונגער דאָקטער וואָס ארבעט אין באָניפראטן־שפּיטאָל, אפשר וועט ער אונדז קאָנען העלפן. ער האָט אונדז טאקע געגעבן אן אדרעס צו אן עלטערער קראנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל, א מאָנאכין. נאָר אזוי ווי מיר האָבן שוין נישט געהאט ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן, איז מיר איינגעפאלן צו באזוכן דעם יידישן קריגסגעפאנגענעם.

א גאנצן טאָג האָב איך זיך ארומגעדרייט פאר דעם געשעפט, ביז כ'האָב זיך אויף אים דעוואַרט און דערציילט די לאגע, אין וועלכער מיין שוועסטער און איך געפינען זיך. ער איז געווען א באדינער פון איינעם פון די קאָמענדאנטן אין מיידאנעק און געוווינט דעמאָלט אויף דער אָגראָדאָווע גאס. ער האָט אונדז געשיקט אין לאגער אויף ליפּאָווע 7, וואָס האָט נאָך דעמאָלט עקזיסטירט און יידישע קריגס־געפאנגענע האָבן דאָרט געארבעט פאר די דייטשן. ער האָט אונדז געהייסן איבערגעבן דער וואַך, אז מונדעק האָט אונדז געשיקט – און מיר זענען טאקע דאָרט פארבליבן. אָבער נישט מער ווי איין טאָג איז אונדז אויסגעקומען דאָרט צוו זיין. גראָד די באשעפטיקטע דאָרט מיידלעך האָבן געפאָדערט מיר זאָלן פארלאָזן דעם לאגער. נישט האָבנדיק קיין אנדערע ברירה, זענען מיר אוועק צו דער קראנקן־שוועסטער אין באָניפראטן־שפּיטאָל, ווו מ'האָט אונדז פריינטלעך אויפגענומען און געהייסן צוווארטן אויף דער שוועסטער. ווען זי איז אָנגעקומען, האָבן מיר נאָך דעם ערשטן מיינונג־אויסטויש, איר דערציילט דעם אמת – אז מיר זענען יידישע מיידלעך, ווייל מיר ווילן זיין ערלעך צו איר. געטאָן האָב איך עס דערפאר, ווייל בעתן ווארטן אויף איר אָנקום, האָב איך דורכן פענצטער געזען פארבייגיין אין שפּיטאָל א פויליש מיידל, וואָס האָט מיט אונדז געלערנט אין איין קלאס. אויף דעם פאקט האָב איך איר דערציילט. די שוועסטער האָט געהייסן ברענגען פאר אונדז עסן און פארזיכערט, אז דערפאר וואָס מיר זענען געווען אזוי ערלעך צו איר, וועט זי ווייטער אונדז העלפן...

(איבערזעצט פון דייטש: **אירית גאָטליב**)

(סוף אין קומענדיקן נומער "קול לובלין")

# דאָס פארברעכן טאָר נישט פארגעסן ווערן

**אברהם קוואַטערקאָ**

## וועגן דעם שוידערלעכן יידן־מאָרד פון 3־טן נאָוועמבער 1943 יאָר אין מאַידאַנעק.

מאַידאַנעק איז געווען דער צווייטער נאָך אָשוויענטשים גרעסטער פאַרניכטונגלאַגער, וואָס דער נאַצישער מערדער היינריך הימלער האָט אויפגעבויט אויף דער פוילישער ערד.

דעם 21־סטן יולי 1941, האָט דער רייכספירער פון עס־עס און פּאָליציי אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן אָרגאַניזירן אין לובלינער דיסטריקט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. געווען איז דאָס בלויז עטלעכע וואָכן נאָכן אָנפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויפן ראַטן־פאַרבאַנד און דער אָקופּאַנט האָט זיך געאיילט מיט פאַרשטאַרקן זיין עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער אונטעריאָכטער באַפעלקערונג.

דער צענטער פון מאַסן־פאַרניכטונג און קאָנצענטראַציע פון שקלאַפן־אַרבעט איז צו ערשט געווען באַשטימט אַלס לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע. הינטער די שטעכל־דראָטן האָבן די ערשטע זיך געפונען סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע און יידן־אַסירים פונעם לובלינער לאַגער אויף ליפּאָווע גאַס. זיי זענען דאָ באַשעפטיקט געוואָרן ביים אויפשטעלן דעם ריזיקן לאַגער־קאָמבינאַט. עס האָבן דערביי אויך געאַרבעט פוילישע קריגס־געפאַנגענע.

אין אָנהייב איז מאַידאַנעק געווען אויסגערעכנט אויף 40 טויזנט אַרעסטאַנטן, שפּעטער האָבן די היטלעריסטן דעם לאַגער אויסגעברייטערט און ער האָט אַריינגענומען 150 טויזנט מענטשן. אין דער העלפט 1942 האָבן גענומען אָנקומען די ערשטע טראַנספּאָרטן מיט פוילישע אַרעסטירטע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען ערובניקעס פון צווישן דער לובלינער אינטעליגענץ.

די אָנגעקומענע טראַנספּאָרטן זענען שוין מער נישט געווען באַשטימט צו דער אַרבעט, נאָר בלויז פאַר די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. טאָג־טעגלעך זענען דאָ אומגעקומען, נישט רעכענענדיק די, וואָס זענען געפאַלן ביי אוממענטשלעכער אַרבעט און געשטאָרבן מיט "אַ נאַטירלעכן טויט", פון עטלעכע טויזנט ביז העכער צען טויזנט מענטשן. דער "פּליסיקער קאָנטיגענט אַסירים" האָט איבערגעשטיגן 50 טויזנט מענטשן.

אין מאַי 1942, איז אויסגעבויט געוואָרן אַ קרעמאַטאָריום, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס נישט אַנטשפּרעכיקער. צוליב דעם איז מען צוגעטראָטן בויען אַ צווייטן, אין אַ גרעסערן פאַרנעם. דער נייער קרעמאַטאָריום מיט פינף אויוונס האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן אין האַרבסט 1943 יאָר. ער איז פאַרבליבן כמעט נישט גערירט.

וועגן דער גענויער צאָל, וואָס האָט געשמאַכט אין מאַידאַנעק, איז נישט באַקאַנט. אין דעם קאָמוניקאַט פון דער פויליש־סאָוויעטישער קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס, ווערט געשאַצט אויף אָנדערהאַלבן מיליאָן. אין דער באַגרינדונג פונעם אורטייל אויף די מאַידאַנעק־פאַרברעכער פון 2־טן דעצעמבער 1944, רעדט זיך וועגן 1.700.000 דערמאָרדעטע אין מאַידאַנעק. אין דעם באַשולדיקונג אַקט פון 24 הויפּט־קריגס־פאַרברעכער – ווערט באַשטימט די צאָל אויף אָנדערעהאַלבן מיליאָן.

מען דאַרף באַמערקן, אַז דער לאַגער אין מאַידאַנעק, איז ביז דער לעצטער מינוט (ביזן באַפרייען אים אין יולי 1944) כסדר געוואָרן פונאַנדערגעבויט.

צווישן די יידישע אַסירים, זענען געווען מענטשן פון די פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן: דאָקטוירים, אַדוואָקטן, פאַבריקאַנטן, סוחרים, חזנים און ראַביים. דער באַוווסטער יידישער געלערנטער, דער היסטאָריקער ד"ר יצחק שיפּער איז אויף די עלטערע יאָרן געווען באַשעפטיקט ביים שיילן קאַרטאָפל. ער איז דאָ נישט אומגעקומען פון די הענט פון די דייטשישע רוצחים, נאָר געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

דער מאַידאַנעק־אַסיר י. ליכטערמאַן דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען ער איז דאָ אהער געקומען פון וואַרשעווער געטאָ, האָט ער געזען זיצן אין אַ ווינקל ביי דער וואַנט דעם גרויסן יידישן היסטאָריקער, דעם געוו. סיים־דעפּוטאַט ד"ר יצחק שיפּער. אָט דער גרויסער מענטש איז געזעסן איינגעהויקערט, מיט אַ מעסער אין האַנט אין געשיילט קאַרטאָפל.

בעת אַ געשפּרעך אין געהיים, האָט ד"ר שיפּער אים געזאָגט, אַז ער וועט דאָ אין אַזעלכע שוידערלעכע באַדינגונגען פון נויט און טערער לאַנג נישט אָנהאַלטן. מען האָט אים געפּערלעך געשלאָגן ביי דער אַרבעט, מיט אַ גומענעם שטעקן און אַזוי שטאַרק, אַז ער איז געפאַלן און נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט. דער עסעס־מאַן האָט אים ווייטער געשלאָגן אָן אויפהער, דערנאָך האָט מען אים אויפגעהויבן און אַריינגעשטעלט דעם קאָפּ אין אַ פעסל וואַסער, אים דאָרט געהאַלטן עטלעכע מינוט און דערנאָך ווידער באַפוילן אים זיך צו שטעלן אויף די פּיס. דער אומגליקלעכער שיפּער האָט געחלשט און ערשט דאַן האָט מען אים אַריינגעטראָגן אין באַראַק אַריין.

ד"ר שיפּער האָט באַקומען געשוואָלענע פיס. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך דער צושטאַנד פאַרערגערט. ער האָט מער נישט געקענט גיין. אין אַ געוויסן יולי־טאָג פון 1943 יאָר, האָט דער גרויסער יידישער היסטאָריקער אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה.

די עס־עס־לייט האָבן אַלץ צוגענומען ביי זייערע קרבנות, זוכנדיק קודם־כל קאָסטבאַרע זאכן און געלט.

מאַידאַנעק איז גאָר גיך, און דאָס אָפיציעל, אָנערקענט געוואָרן אַלס פאַרניכטונגס־לאַגער, עס האָבן זיך גענומען מערן די מאַסן־עקזעקוציעס פון די אַרעסטירטע.

אין אַפּריל 1942, האָט מען דאָ צעשאָסן אַ גרופּע פון 300 יידן, אין מאַי האָט מען אומגעבראַכט 6 טויזנט יידן. מען האָט זיי אַרויסגעפירט אין קרעמפּיצער וואלד און דאָרט זיי פאַרטיליקט. אַזעלכע עקזעקוציעס זענען אין זעלבן וואַלד דורכגעפירט געוואָרן ביז דער העלפט 1943. אין דעם זעלבן יאָר זענען דאָ דערשאָסן געוואָרן 300 סאָוויעטישע אָפיצירן.

די לעבנס און אַרבעטס־באַדינגונגען אין מאַידאַנעק זענען געווען שוידערלעכע, נישט איבערצוהאַלטן. ענגשאַפט, הונגער,

אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, פיל שעהן־דויערנדיקע אַפּעלן און אומאויפהערלעכע שיקאַנעס – דאָס זענען בלויז אַ טייל פון די סיבות פון דער ריזיק־גרויסער שטערבלעכקייט. זינט דעם אָנהייב פון דער טעטיקייט פון לאַגער ביז דער באַפרייונג, זענען די אַסירים אומגעקומען פון איינשפּריצונגען פון פענאָל און, פאַר שטענדלעך, פון עקזעקוציעס.

★

דער גרעסטער און שוידערלעכסטער מאסן־מאָרד איז דורכגעפירט געוואָרן אין טאָג פון 3־טן נאָוועמבער 1943 יאָר. אין דעם טאָג זענען לעבן די קרעמאַטאָריעס דערשאָסן געוואָרן דורך די עס־עס לייט 18.300 יידן, דערונטער אויך פרויען און קינדער, וועלכע זענען אַהער געבראַכט געוואָרן פון וואַרשע, נאָכן בלוטיקן דערשטיקן דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

"...די עס־עס לייט האָבן געפירט די קרבנות, אויסגעטאָענערהייט, גרופּנוויז צו 50 און הונדערט פּערזאָן. מען האָט זיי געצוווּנגען צו לייגן זיך מיטן פּנים צו דער ערד און געשאָסן צו זיי פון אויטאָמאַטן. אויף די טויטע האָט מען געלייגט אַ נייע פּאַרטיע מענטשן, און אַזוי כסדר, ביז די גריבער זענען פאַרפולט געוואַרן. דערנאָך האָט מען די טויטע באַשאָטן מיט אַ דינעם שיכט ערד, און נאָך צוויי־דריי טעג אַרויסגעוואָרפן פון די גריבער און פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס" – אַזוי האָט באַשריבן אין זיין קאָמוניקאַט די פּויליש־סאָוויעטישע ספּעציעלע קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין מאַידאַנעק, אויפן סמך פון די עדות־דערקלערונגען באלד נאָכן באַפרייען דעם לאַגער.

מיט מער איינצלהייטן שילדערט דעם דאָזיקן שוידערלעכן פאַרברעכן דער אַפּטייקער פון לובלין, בורזין, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער לאַגער־אַפּטייק:

"אין טאָג פון 3־טן נאָוועמבער 1943, באַגינען – דערציילט ער – זענען אין לאַגער געקומען צו פאָרן ספּעציעלע עקזעקוציע־אָפּטיילן פון עס־עס. איך האָב געזען, ווי עס זענען אַריינגעפאָרן אויטאָס מיט אַן ערך 500 עס־עס־לייט. יעדער פון זיי האָט געהאַט אויטאָמאַטיש געווער. די עסעסלייט האָבן פאַראָרדנט אַ באַפעל: "יידן רעכטס!" דער צווייטער באַפעל איז געווען: "די איבעריקע אין די בלאָקן!". צום פאַרטויבן און פאַרמאַסקירן די געשרייען און שיסעריי, האָט מען געלאָזט אין גאַנג ספּעציעלע ראַדיאָ־הילכערס.

די געפאַנגענע האָט מען גרופּנווייז געפירט אויפן 5־טן פעלד, די עקזעקוציע איבער די יידן האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער באַגלייטונג פון שטראַוס'עס וואַלס "אויפן בלויען דונאַי". אויפן פינפטן פעלד, הינטער דעם באַראַק, האָט מען אויסגעגראָבן אַ לאַנגן קאָרידאָר, און אויף דער אַנדערער זייט פון באַראַק 10 גריבער, פאַראייניקט צווישן זיך. אין די באַראַקן האָט מען געהייסן די קרבנות אויסטאָן זיך און דערנאָך זיי געטריבן מיטן קאָרידאָר צו די גריבער. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אויף זיי די באַוואָפנטע מיט מאַשינגעווער עסעס־לייט.

די דאָזיקע עקזעקוציע האָט געדויערט פון 6 פרי ביז 8 אָוונט. בעת דער עקזעקוציע, זענען אומגעקומען 18.300 יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען פרויען און קינדער. די מערסטע קינדער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין די גריבער לעבעדיקערהייט, די קרעכצן און די געשרייען פון די קרבנות האָבן זיך געהערט ווייט אויסערן לאַגער.

★

פון די געפונענע דייטשישע דאָקומענטן און פון די באַריכטן פון די פראָצעסן קעגן די עס־עס־פאַרברעכער, ווי אויך פון די מאַטעריאַלן, וועלכע עס האָבן איבערגעשיקט די לאַגער־אסירים, מיטגלידער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין לאַגער, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז במשך פון דער העכער דריי־יאָריקער עקזיסטענץ פון מאַידאַנעק, זענען דאָ אומגעקומען 360 טויזנט מענטשן, די מערהייט יידן פון פּוילן און פון אויסלאַנד, דערונטער פון טשעכאָסלאָוואַקיע, בעלגיע, פראַנקרייך, האָלאַנד און גריכנלאַנד. עס זענען אויך אומגעקומען אַ סך פּאָליאַקן, סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע.

די היטלעריסטישע רוצחים האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט פאַרטיליקן בלויז. זיי האָבן זייערע קרבנות אויך באַרויבט פון זייער האָב און גוטס: קליידער, וועש, ברילן, פּערזענלעכע טואַלעט־זאַכן, און אַפילו האָר. חוץ דעם מזומן געלט.

עס איז געפונען געוואָרן אַ רשימה פונעם צוגערויבטן געלט אין טאָג פון 3־טן נאָוועמבער 1943. די וואַלוטע איז פון 24 לענדער: 505.046 אַמעריקאַנער דאָלאַרן, 294,070 סאָוויעטישע רובל, 789,630 טשעכישע קאָראָנען, אויסער דעם ענגלישע פונטן און אונגאַרישע פּעניגעס, עסטרייכישע שילינגס, דרום־אַפריקאַנער, עגיפּטישע און טערקישע פונטן. געגנוי ווערן אויך אויסגערעכנט די אויסאַרבעטונגען פון גאָלד, זילבער, פּלאַטין, פרויען־בראַנזאָלעטן, מענער און פרויען־זייגערלעך מיט בריליאַנטן און דיאַמענטן. ווייַטער קומען הונדערטער טויזנטער מעסערלעך, שערעלעך, אייביקע פעדערס, עלעקטרישע לעמפּלעך אד"גל. די אויפשוידערנדיקע רשימה ווערט פאַרענדיקט מיט אָנגאַבן וועגן די אַרויסגעשיקטע פון מאַידאַנעק אין דריטן רייך 251 וואַגאָנען מיט פעדערן, 317 וואַגאָנען מיט קליידער און וועש.

מען דאַרף דערמאָנען, אַז די זעלנער פון דער סאָוויעטישער אַרמיי האָבן געמאַכט אַ סוף צו די פאַרברעכנס פון דייטשישן אָקופּאַנט. אין זייער אָפענסיווע, אונטערגענומען דעם 18־טן יולי 1944, האָבן די דיוויזיעס פון דער סאָוויעטישער 69 אַרמיי, געשטיצט דורך דער פּוילישער אַרטילעריע, צעשטערט די שטאַרקע דייטשישע פאַרטיידיקונג. נאָכן פאָרסירן דעם טייך בוג, איז די 69 אַרמיי אַריין דעם 22־טן יולי קיין כעלם, און דעם 23־סטן יולי באַפרייט לובלין. אין דער דאָזיקער שטאָט זענען גלייכצייטיק אַריין די פּוילישע פאַרטיזאַנער־אָפּטיילן און די זעלנער פון דער ערשטער פּוילישער אַרמיי, וועלכע זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין די סאָוויעטישע כוחות פון דעם ערשטן ווייַסרוסישן פראָנט.

אין באַפרייטן מאַידאַנעק זענען געבליבן לעבן בערך טויזנט אַסירים. די אַנדערע אַסירים האָט דער אָקופּאַנט עוואַקואירט קיין דייטשלאַנד. ווען עס האָט אויסגעפעלט טראַנספּאָרט, האָט מען אַ טויזנט־קעפּיקע מאַסע געפירט צופוס. עס איז געווען אַן אמתער טויטן־מאַרש. ווער עס האָט נישט געקאָנט גיין, איז דערשאָסן געוואָרן. דער גאַנצער וועג איז געצייכנט געוואָרן מיט מענטשלעך בלוט.

צווישן די אָפּגעראַטעוועטע פון אומקום, האָט זיך געפונען אַ גרופּע יידישע קינדער, ווייל אין לעצטן מאָמענט האָט אַ סאָוויעטישער טאַנק אָפּגעשניטן דעם וועג אַ דייטשן לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט זיי געפירט צום טויט. די היטלעריסטן האָבן נישט באַוויזן, ווי אין אַנדערע לאַגערן, צו פאַרניכטן די לאַגער־

איינריכטונגען צוזאַמען מיט די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, די מאַסן־קברים פון די קרבנות, די זאַפּאַסן פון גאַז־ציקלאָן "ב", פיל דאָקומענטן, פּערזענלעכע זאַכן פון די דערמאָרדעטע זענען געבליבן ווי די שטומע עדות פון די פאַשיסטישע פאַרברעכנס.

★

45 יאָר זענען פאַרביי פון דער באַפרייונג פון מאַידאַנעק. די פּוילישע געריכטן האָבן געמשפּט די היטלעריסטישע מערדער, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. אַלע האָבן באַקומען אַ געהעריקן פּסק־דין, עס איז אויפגעהאָנגען געוואָרן דער סאַדיסטישער לאַגער־קאָמענדאַנט און נאָך אַנדערע רוצחים. ליידער, האָט מען נישט אַלעמען געכאַפּט. אַ סך, וועלכע זענען אַנטלאָפן, לעבן היינט פראַנק און פריי אין די מערב־לענדער. מיר טאָרן נישט שווייגן, כל־זמן איין נאַצישער קריגספאַרברעכער און יידן־מערדער וועט בלייבן אומבאַשטראָפט!

אָפּמערקנדיק די טרויעריקע דאַטע פון 3־טן נאָוועמבער 1943 יאָר, ווען עס זענען אין דעם טאָג אומגעקומען העכער 18 טויזנט יידן – אַסירים אין מאַידאַנעק, ווילן מיר, אַז וועגן דער דאָזיקער שוידערלעכער טראַגעדיע זאָלן וויסן אַלע מענטשן ביי אונדז אין לאַנד, באַזונדערס דער יונגער דור.

צווישן אונדז ווערן אַלץ ווייניקער די, וועלכע האָבן יענע טרויעריקע יאָרן איבערגעלעבט אַליין, וועלכע האָבן מיטגעפילט און מיטגעליטן. אַלץ מער זענען די גליקלעכע, וועלכע וויסן וועגן די צייטן פון מלחמה און אָקופּאַציע בלויז פון לעקטור און דערציילונגען. דערפון דרינגט אַרויס אַן אויפגאַבע פון גרויס באַטייט. די צווייטע וועלט־מלחמה איז געווען די טראַגישסטע געשעעניש אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. מען דאַרף אַלץ טאָן, אַז איר לערע זאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון באַוווסטזיין פון די לעבנגעבליבענע, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז שוין אָפּגעפלאָסן אַזאַ לאַנגע צייט.

מיר דאַרפן כסדר איבערחזרן: "געדענק מאַידאַנעק!".

---

# צוויי קינדער אין איין פּאָר שיך

ליד פון לובלינער געטאָ, אויף קראַוויעצקאַ גאַס, איבערגעגעבן דורך די פריינט פיין צו ישראל אייזענבערג אין לאָס־אַנזשעלעס.

ס'רעגנט אין אַ קאַלטער נאַכט
און איר בין היינט נישט געווען אין גאַס,
ווייל מיין שוועסטער און איך
האָבן איין פּאָר שיך.
האָט מיין שוועסטער די קליינע
באַהאַלטן ערגעץ־ווו די שיך
און איך דריי זיך אַרום און זוך,
האָב איך זי דערפאַר גוט געשלאָגן,
אַז ס'האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן...
אַז כ'האָב געזען די קליינע, דאַר און בלאַס,
האָב איך גלייך פאַרלוירן דעם כעס —
און געזאָגט האָב איך צו איר,
נעם די שיך
און האַלט זיי פאַר זיך.
ווייל איך בין שטאַרקער, איך קאָן באַשטיין
און באָרוועס האָב איך ליב צו גיין...

# די קינדערהיים אין לובלין

## אידאַ מערזשאַן

די קינדערהיים אין לובלין איז געווען דער ערשטער פון דעם מין אַנשטאַלט ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן (צק"ייפּ). זי איז אַנטשטאַנען, נאָך איידער ס'איז באַרופן געוואָרן צו טעטיקייט דער אויפזיכט־אָפּטייל, שוין אין יאָר 1944. איר "עמבריאָן" איז באַשטאַנען פון אַכט קינדער, געפונענע אויף אַ הויפן מיסט אין מאַידאַנעק. אַ הייפל יידישע זעלנער פון דער סאָוויעטישער און פּוילישער אַרמיי האָבן זיי געבראַנגט אויף די הענט אינעם יידישן קאָמיטעט אין לובלין. די קינדער זענען געווען אַזוי אויסגעשעפּט, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט זיך בכלל באַוועגן. זינט יענער צייט, האָבן די זעלנער זיך באַטראַכט ווי אַפּוטראָפּסים פון די קינדער. זיי פלעגן טאָג־טעגלעך זיי באַזוכן; אויף פייערונגען פלעגן זיי ברענגען זיסוואַרג, גיטאַרעס און האַרמאָניעס, כדי שפּילן און פאַרווײַלן די קינדער.

שטופנווייז זענען אָנגעקומען קינדער פון די וועלדער, באַהעלטענישן און בונקערס. הונגעריקע, אויסגעצערטע, נאָר אַבסאָלוט זעלבשטענדיקע און אומצוטרויעלעכע, ווייל אויף פיל שלעכטס האָבן זיי זיך שוין אָנגעשטויסן בעת זייער קורץ און נעבעכדיק לעבן. אָנהייב 1945, זענען זיי געווען 140 נפשות און האָבן געוווינט אין דריי ערטער: די ייִנגסטע – ביי דער גאַס קראַקאָווסקיע פּשעדמיעשטשיע; מיטליאָריקע – ביי דער ווישינסקי־גאַס; די עלטערע זענען שוין געגאַנגען אַרבעטן צו האַנטווערקער און געוווינט ביי דער ראַדזשיוולאָווסקע־גאַס.

אַלע קינדער זענען אונטערזוכט געוואָרן דורך מעדיקער. מ'האָט זיך באַמיט אָרגאַניזירן אַ נאָרמאַל לעבן. די קינדער האָבן געהאַסט אַרבעט. זי האָט זיי דערמאָנט דעם לאַגער־סלאָגאַן: "אַרבייט מאַכט פריי", וועלכער איז געווען אויסגעמאָלט איבערן אַריינגאַנגטויער. מ'האָט זיך באַמיט, אַז די קינדער זאָלן זיך וואָס שנעלער איינשליסן אין אַ נאָרמאַל לעבן. מ'האָט געזוכט זייערע קרובים אין לאַנד און אויסלאַנד. מ'האָט זיי געלערנט אינעם וווין־אָרט, גרייטנדיק צו שול־לימודים. מ'האָט די קינדער געאייניקט מיט דער סביבה, דורך אינדיווידועלע קאָנטאַקטן און מיטן אייַנאָרדענען אימפּרעזעס, פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע מ'האָט פאַרבעטן געסט פון שטאָט. מ'פלעגט אויך פראַווען געבורטס־טעג פון יעדער קינד. מ'האָט צוגעוווינט אַרבעטן אין דער היים – פאַר זיך.

שווער זענען געווען יענע צייטן, מאַטעריעלע באַדינגונגען. דעריבער האָט מען די וואָך פונעם 3טן ביזן 10טן יוני, פּראָקלאַמירט אַלס "קינדער־וואָך". די יוגנט איז אַרויס אויף דער גאַס מיט אַ "בלימעלע", כדי צונויפקלייבן אַ סכום מזומנים פאַר דער היים.

מיט די קינדער האָט זיך האַרציק פאַרנומען דער פּאָרזיצער פונעם יידישן קאָמיטעט אין לובלין – שמואל שאַפּיראָ. די קינדערהיים האָט ער טאָג־טעגלעך באַזוכט צוויי מאָל אין טאָג: 8 אַזייגער פרי, פאַרן גיין צו דער אַרבעט, און שפּעט אין אָוונט. לויט זיין איניציאַטיוו, איז אַנטשטאַנען אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר קינדער.

אָנפירערין פון דער היים – פרוי נאַטאַליע נאַטאַנבליטאָוו, באַוווסטער וואַרשעווער פּעדאַגאָג אינעם צווישנמלחמה־פּעריאָד, וואָס האָט אָנגעשריבן אַן אויפרוף צו דער וואַרשעווער

באפעלקערונג, זי זאָל קומען צו הילף די קינדער. מ׳האָט דאַן צונויפגעזאמלט אָנטועכץ, שיכוואַרג וכד׳. די אָנפירונג פון דער פאבריק א״נ פון מ. בוטשעק, האָט אָנגענומען א באשלוס פינאנסיעל אויסצוהאלטן צען קינדער.

ס׳איז שווער געווען אויסצומעקן פון די קינדערס זכרון די שרעקלעכע פארגאנגענהייט. ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס ״איינקנעלן״ פריילעכע לידער און שפּילערייען. אויף איינער פון די ארויסטרעטונגען פארן פובליקום, האָט מען זיי דערלויבט דערציילן עפּעס וועגן זיך. א 10 יאָריק מיידעלע האָט דערציילט, ווי זי האָט זיך אויסבאהאלטן אין א פייכטן גרוב און ציטערנדיק פון קעלט און שרעק, האָט זי געוואַרט אויפן אָנקומען פון די פוילישע און סאָוויעטישע טאנקען. א יינגעלע פון 12 יאָר האָט ווידער ״איבערגעלעבט״ זיין ארומבלאָנקען אין די וועלדער. ער האָט גערעדט יידיש, נישט געקענט נאָך די פוילישע שפּראַך. ער איז אריינגעפאלן אין די דייטשישע הענט. ער האָט זיך גערירכט אויף טויט, ווייל זיי האָבן אים געהייסן אנטבלויזן דעם הינטערשטן טייל קערפּער. – ״גאָט האָט געהאָלפן. ס׳איז אויף זיי אָנגפאלן א בלינדעניש און איך לעב״ – האָט ער טריומפירנדיק פארענדיקט.

די פארזאמלטע האָבן הייס אַפּלאָדירט יעדעס קינד. פיל האָבן געוויינט בפרהסיה, פיל האָבן בסתירה געווישט די טרערן, און אָפּטייל־פאָרשטייער האָבן געטראכט, צי ווען ס׳איז מעגלעך זיין אויסצומעקן די געפערלעכע דערינערונגען פונעם קינדערישן זכרון? און ווען וועט מען דערהערן פון דער סצענע פריילעכע, קינדערישע דערציילונגען?

ס׳זענען אויך געווען שוועריקייטן מיט באזונדערע קינדער. די קליינע דאָראָטקע האָט אנשטאט פיס, געהאט צוויי נאָכהענגענדיקע אברים, פולקאָם אָן חוש. די פרוי ד״ר סימכאָוויטש האָט מיר געזאָגט:

– כ׳האָב געטאָן אַלץ, וואָס כ׳האָב געקאָנט. כ׳האָב געגעבן רפואות און וויטאמינען, געמאכט מאַסאַזשן. איר מוזט דאָס קינד צווינגען צום גיין.

איך האָב זיך דאָס אונטערגענומען. דאָס קינד האָט שטארק געליטן ביי די ערשטע טריט. דער ווייטיק איז געווען א געפערלעכער. איך האָב זיך באמיט צווינגען זי צום גיין. א בחור האָט אפילו הינטער מיינע פּלייצעס א סיקע געטאָן: – ״געסטאַפּאָווקאַ!״ אָבער דאָס קינד האָט געוואָלט גיין – און אָנגעהויבן גיין. פון אָנהייב האָט ער נאָך יעדן טריט, זיך געזעצט אויפן דיל. מיט דער צייט אָבער, זענען די טריט געוואָרן זיכערער, און די צייט פון גיין – א לענגערע. דאַן האָבן זיך דערין אָנגעשלאָסן אנדערע קינדער, וועלכע האָבן די קליינע געפירט אָפּטער און אלץ לענגער.

אין לובלין איז געווען ענג און דושנע. צו נאָענט האָט זיך געפונען מיידאנעק. דעריבער איז אין יאָר 1945, ווען דער היטלעריסטישער שונא איז געוואָרן צעשמעטערט און פיל יידן, באפרייטע פון די לאגערן האָבן זיך באזעצט אויף די דעראָבערטע שטחים, איז די קינדערהיים פון לובלין איבערגעפירט געווארן קיין פּיעטראָלעשיע.

פון דער אויסגאבע ״בלעטער פאר געשיכטע״,
צייטשריפט פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט
אין פוילן, ווארשע 1987 באנד XXV.



א פראַגמענט פון פארמלחמהדיקן לובלין.

# אין תפיסה אויפן ״זאמעק״

## 1938 – 1939

### נאַטעק אַקערמאַן /שטאָקהאָלם

(קאפּיטל פון א בוך, וואָס ווערט געגרייט צום דרוק)

דער וועג צום לובלינער ״שלאָס״ איז מיר געווען גוט באקאנט, און באזונדערס נאָענט איז ער מיר געוואָרן אין לעצטן יאָר. כמעט יעדן טאָג בין איך דאָרט פארבייגעגאנגען, אריינדרייענדיק זיך אינעם שמאָלן צירולניטשע־געסל, דורך וועלכן ס׳האָט קוים געקאָנט אדורכפאָרן א פור. דאָרט האָט געוווינט עווא (מיין צוקונפטיקע פרוי). איך האָב געטראכט, ווער ווייסט ווי לאנג מיר וועלן זיך נישט זען. פון צייט צו צייט האָט די פראגע געעקבערט אין מוח, איבעררייסנדיק די איבערראשונג. מ׳האָט אונדז געפירט אין דער תפיסה־קאַרעטקע. אויפן הויף פון ״זאמעק״ האָט מען אונדז באפוילן אויסצושטייגן. מיר זענען געווען זעקס יוגנטלעכע: צוקער, ניסענבוים, קערשענבלאט (א נידעריקער, אין ברילן), צוויי מיידלעך, וואָס זענען מיר געווען באקאנט נאָר פון זען און איך. ס׳איז שיין כמעט צוגעפאלן די נאכט. דורך א טונקעלן קאָרידאָר, האָט אונדז געפירט א וועכטער, געעפנט א קליינע, פינצטערע קאמער און דערקלערט, אז איצט איז שוין שפּעט, מאָרגן וועט מען דערליידיקן אין דער קאַנצעלאריע אלע פאָרמאליטעטן און ״איר וועט דאָ

איבערנעכטיקן". די מיידלעך האָט מען אַוועקגעפירט ערגעץ אַנדערש, אַוודאי אין דער פרויען־אָפּטיילונג. מ׳האָט אונדז נישט געגעבן קיין שעניקעס. נישט אויסגעטאָן, אין די מאַנטלען, האָבן מיר זיך אַוועקגעלייגט אויף דער צעמענטענער הויכקייט און מידע איינגעשלאָפן.

אין דער פרי, נאָכן אויסטרונקען די ביטערע תבואה־קאַווע, ווייל דאָס שוואַרצע תפיסה־ברויט האָבן מיר נישט געקענט אַראָפּשלינגען, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין דער קאַנצעלאַריע, פאַרשריבן אין די ביכער, אויסגעפּולט פּאָרמולאַרן, אָפּגעגאָלט די קעפּ, אָנגעטאָן די גראָע קליידונג און מיר זענען איבערגעגאַנגען אין דער באַרימטער "באַשטע", מיט אירע דיקע ווענט, אויף א 2־וואָכיקער קאַראַנטין. מיט אַמאָל האָב איך זיך געפונען מיט חברים אין א קיילעכיקער, טונקעלער קאַמער מיט א בעטאָן־פּאָדלאָגע. אַלץ צוזאַמען האָט געמאַכט א שווערן איינדרוק. דער עלצטער פון דער קאַמער, מיט א פּנים פון א געבוירענעם באַנדיט, האָט אונדז דערקלערט דעם רעגולאַמין און סדר און דערביי געוואָרנט, אַז אין פאַל מיר וועלן זיך נישט אויפפירן ווי ס׳געהער צו זיין, וועט ער לאָזן אין גאַנג 2 געפלאָכטענע האַנטעכער, וועלכע האָבן אים געדינט ווי א שטעקן.

שוין אין דער קאַראַנטין האָב איך געטראָפן א סך יונגעלייט פון לובלין און אומגעגנט, קרבנות פונעם צעווילדעטן טעראָר פון פּראָקוראָר באָריטשקאָ. אין געשפּרעכן מיט זיי, האָבן מיר זיך דערוווּסט, ווי ס׳זעט אויס די לאַגע אין תפיסה. די "באַשטע" איז באַשטאַנען פון 3 שטאָק. אויפן העכסטן שטאָק זענען געזעסן די נישט איינגעבראָכענע קאָמוּניסטן, דער שטאַב פון דער תפיסה־קאָמוּנע. אין יאָר 1937 איז די לובלינער תפיסה געווען אַן אָרט פון בלוטיקע רעפּרעסיעס קעגן די פּאָדערונגען און פּראָטעסטן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע פאַרן באַגרענעצן זייערע רעכט, און די פּרוּוו זיי גלייכצושטעלן מיט די קרימינעלע פאַרברעכער און טראָגן די תפיסה־קליידונג. די דאָזיקע רעפּרעסיעס האָבן זיך געענדיקט מיטן אונטערשרייבן דורך א טייל פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע לאָיאַליטעט־דעקלאַראַציעס, אָדער מיטן איבערפירן אויף דער פערטער אָפּטיילונג. אויף דער אויבערשטער באַשטע זענען געבליבן די אַמיינסטן אויסגעהאַלטענע, וואָס האָט גאָרנישט איינגעבראָכן, בעת די גרעסטע טייל איז געזעסן אין דער פערטער און פינפטער אָפּטיילונגען, וווּאַהין מ׳האָט איבערגעשיקט די כסדר אָנקומענדיקע מענטשן, באַשולדיקטע אָדער פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם. די אָנפירונג פון דער קאָמונע האָט געשטרעבט צוריק צו פאַרפעסטיקן זי און געווען צופרידן, וואָס נייע כוחות האָבן געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע אָרגאַניזאַציע אויף די דערמאָנטע אָפּטיילונגען.

אויפן צווייטן טאָג, זענען מיר צום ערשטן מאָל אַרויס אויפן תפיסה־הויף אויף א שפּאַציר. אינמיטן פון דעם אָרט, אָפּגעטיילט מיט קוסטעס, זענען געשטאַנען בענק און ס׳האָבן שפּאַצירט עטלעכע אַרעסטאַנטן. צוויי פון זיי האָב איך דערקענט: אָקאָנאָווסקי און דוראַקעוויטש, א ווערקצייג אין די הענט פון פּראָקוראָר באָריטשקאָ צו פאַבריצירן מאַסן־פּראָצעסן קעגן קאָמוניסטן אין לובלין און אומגעגנט. זיי האָבן גענומען שמייכלען צו אונדז איראָניש, אָבסערווירנדיק זייערע נייע קרבנות. ס׳איז ניט שווער געווען זיך, אָנצושטויסן, אַז נאָכן באַווייזן זיי פאָטאָגראַפיעס פון פאַרדעכטיקטע, האָבן זיי גלייך פעסטגעשטעלט, אַז די פּערזאָן איז זיי באַקאַנט און אויפן אָרט צוגעטראַכט "זאַכלעכע באַווייזן": ווען און ווו זיי האָבן אים געזען, וואָס ער האָט געטאָן און ענלעכע פּלוידערייען. איז זיך נישט צו וווּנדערן, אַז נאָכן באַקומען דעם באַשולדיקונג־אַקט קעגן מיר, האָב איך ערשט געזען, אַז פון אָנהייב ביזן סוף, איז ער געווען צונויפגעשטעלט פון אויסטראַכטענישן — ווייל פון מיין אמתדיקער טעטיקייט איז כמעט גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן. נאָר אויף יענעם שפּאַציר, האָב איך נאָך נישט זיך אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון פון דעם אופן פון פאַבריצירן באַשולדיקונגען דורך די הערן באָריטשקאָ און קמיעטשיצקי (שעף פון דער געהיים־פּאָליציי אין לובלין). נאָר א שלעכט געפיל האָב איך יאָ געהאַט אויפן דערמאָנטן שפּאַציר, דערזעענדיק די צוויי מוסרים און פּראָוואָקאַטאָרן. נאָך 15 מינוט אויף דער פרישער לופט, האָט מען זיך אומגעקערט אין קאַמער.

די טעג אין קאַראַנטין זענען געווען קאָשמאַרפולע. מיר האָבן זיך געפונען אין א געזעלשאַפט פון גנבים און באַנדיטן, און דער טעראָר מיט וועלכן ס׳האָט זיך באַנוצט דער קאַמער־עלצטער און די תפיסה־אַדמיניסטראַציע, זענען געווען אומדערטרעגלעך. מיר האָבן אויסגעקוקט דעם מאָמענט פון אַריבערגיין אין א קאַמער פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. מיר האָבן געוווּסט פון דערציילונגען, אַז נאָך דער אַקציע אין תפיסה אין פאָריקן יאָר, הערשט ווייטער טעראָר און ברוטאַלע שיקאַנעס, וואָס איז געווען נישט נאָר א רעזולטאַט פון דער אַקציע, נאָר אויך א בפירושע אָנווייזונג פון פּראָקוראָר באָריטשקאָ צו דער תפיסה־אַדמיניסטראַציע. איבעריקנס, מיר האָבן געהאַט נישט איין געלעגנהייט צו דערקענען דעם אַספּיראַנט רענקאַוועק, וועמענס נאָמען די אַרעסטאַנטן האָבן אַרויסגערעדט מיט שרעק, כעס, שנאה — נאָך אין דער תקופה פון אונדזער געפינען זיך אין דער קאַראַנטין.

א געוויסן טאָג, פאַרן מיטאָג, האָבן מיר דערהערט א באַפעל פונעם וועכטער אויף דער אָפּטיילונג: "אַכטונג!" אין איייניקע סעקונדן האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען. ס׳איז אַריינגעקומען דער שוין דערמאָנטער אַספּיראַנט. אַלע האָבן אים באַלד דערקענט, ווייל מיר האָבן וועגן אים געוווּסט פון פריערדיקע שילדערונגען. א מאָגערער, מיט

בלאָנד־וואָנסעס, מיטעלער וווקס. די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט מיט פאַרביסנקייט. די שמאָלע ליפּן — צונויפגעפרעסט, ער האָט גלייך א געשריי געטאָן: "נו, ווער פון אייך וויל אין דער קאָמונע? ווער איז קעמפעריש"? קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. מיר דערהערן א באַפעל: "פּאַלן"! מיר ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. רענקאַוועק לויפט ארום אונדז, קאָפּעט, שלאָגט מיטן בינטל שליסלען, ווי ס'האָט זיך געלאָזט. איך האָב באַקומען עטלעכע קאָפּע מיטן פוס, אנדערע — מיטן שליסל איבערן קאָפּ. און דאָס אלץ באַגלייט מיט געשרייען, זידלערייען, מיאוסע רייד און באַליידיקונגען אויפן אדרעס פון קאָמוניזם און קאָמוניסטן.

נאָך דעם ווי דער אספּיראַנט רענקאַוועק האָט פאַרלאָזט די קאַמער, האָט מען אונדז באַפוילן זיך אויפצושטעלן. מיר האָבן דערפילט דעם טעם פונעם בעסטיאַלישן איזדעקעווען זיך אויפן לובלינער זאַמעק, פון וועלכן מיר האָבן אזוי פיל זיך אָנגעהערט.

ענדלעך זענען פאַריבער די 2 וואָכן און מ'האָט אונדז אריבערגעפירט אין דער אָפּטיילונג. איך, צוקער און ניסענבוים, וואָס זענען ארעסטירט געוואָרן אין דער זעלבער צייט, געפינען זיך שוין אין דער 24סטער קאַמער אויף דער 4טער אָפּטיילונג. הינטער אונדז פאַרמאַכן זיך דאָפּלטע טירן. א געלעכטער, א טומל. פרישע קרבנות זענען געקומען. די קאַמער איז געווען באַשטימט פאַר 12 — 16 ארעסטאַנטן, נאָר דאָרט האָבן זיך געפינען 25־30. אויך בעטאָן. נישט קיין סך אָרט, אָבער מערער ליכט ווי אויף דער באַשטע. גרעסערע פענצטער. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט קיין סך מענטשן פון דער קאַמער געקענט פערזענלעך, צי פון דער צייט פון מיין טעטיקייט. אין דער קאַמער איז געזעסן מיכאל שישקאָ, פון דער לינקער גרופּע פון "טור" (די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער פּ.פּ.ס. — פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), וועלכע האָט מיטגעאַרבעט מיט די קאָמוניסטן; שלמה שטאָקפּיש (היינט אין חיפה), ניוניעק גורפינקעל. די אנדערע, האָב איך געקענט פונעם זען און וועגן אייניקע האָב איך געוווּסט, אז זיי זענען קאָמוניסטן.

אין תפיסה זענען דעמאָלט געווען פאַרשפּאַרט אויך אזעלכע, וואָס זענען געוואָרן ארעסטירט צוליב אידענטישע פאַמיליע־נעמען. אזוי, צום ביישפּיל, האָט די פּאָליציי געזוכט דאָס 20־יאָריקע יינגל מאָרגנשטערן וואָס איז ארויסגעפאָרן פון לובלין — און אויף זיין אָרט האָט מען איינגעזעצט דעם עלטערן ברודער, א סוחר, וואָס האָט נישט געהאַט דעם קלענסטן שייכות צו דער באַוועגונג. מ'האָט געזוכט משה וויינפעלד און איינגעזעצט דעם מינדעריאָריקן ברודער הערש. די מאַסן־ארעסטן פון פּראָקוראָר באַריטשקע האָט ניט געשוינט די שולדיקע און אומשולדיקע. דער עיקר — וואָס מערער פאַרשפּאַרן הינטער די קראַטן, פאַרפאָלגן די פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם. דער מעטאָד איז געווען א פּשוטער. א פּאָטאָגראַפיע, געוויזן אָקאָנאָוסקין און דזאָראַקעוויי־טשן, ווי אויך דער באַשולדיקונג־מאַטעריאַל (דער אמתדיקער, אָדער פאַבריצירטער) זענען שוין געווען מאַסגעבנד, כּדי צו באַקומען אַן אורטייל.

אין זאַמעק איז דעמאָלט געזעסן דער ברודער פון הענייעק גאָלדבלאַט, פישל, וואָס האָט נאָך מיט יאָרן פריער אונטערגעשריבן א דעקלאַראַציע, אז ער זאָגט זיך אָפּ פון קאָמוניסטישער טעטיקייט. אויך די ברידער האַקען, צוויי יונגע בחורים, וואָס האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס מיינט קאָמוניזם. דער ברודער פון שלמה שטאָקפּיש, דוד (איצט באַקאַנטער רעדאַקטאָר און זשורנאַליסט אין ישראל, לאַנגיאָרי־קער פּאַרזיצער פון דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט), וואָס איז געווען באַקאַנט אין לובלין מיט זיין ציוניסטישער טעטיקייט ביי די לינקע פּועלי־ציון), איז ארעסטירט געוואָרן אין יאָר 1938. מ'האָט אויך אים ניט געשוינט. ס'איז גענוג געווען דער בלויזער נאָמען שטאָקפּיש, מ'זאָל אים שטעלן פאַרן געריכט. נאָר די מערהייט אין דער קאַמער, איז געווען פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג און אקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע.

אין יענער תקופה איז אויך געווען ארעסטירט מיין קוזינע הדסה האָלצהעקער (אומגעקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד) און דערמיט פאַרגרעסערט די צאָל ארעסטאַנטן פון מיין משפּחה. די זאָרג פון מיינע עלטערן, איז אויך געוואָרן די זאָרג פון מיין מומע האָלצהעקער.

★

מ'האָט מיר באַשטימט אַן אָרט ווו צו שלאָפן אין קאַמער. ס'איז געוואָרן טונקל. אויף די בענק האָט מען אויסגעלייגט לייטערלעך, און אויף זיי — שעניקעס. אויפן רוקן האָט מען זיך נישט געקענט לייגן, איז מען געשלאָפן אויף דער זייט. איבערדרייען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, אָן דער הסכּמה פונעם שכן, איז געווען זייער שווער. נאָר מ'האָט זיך צוגעוווינט און ווי ס'איז נישט געשלאָפן.

פאַר יעדן ארעסטאַנט אין קאַמער, איז געווען באַשטימט א פונקציע. איך האָב געוואַשן די־מענאַשקעס נאָכן עסן. כ'האָב זיך אָבער געפילט שלעכט. די איבערראַשונג צוליבן ארעסט, איז נאָך נישט פאַריבער. כ'האָב זיך נישט געקענט מוחל זיין, אז איין וואָרט, ארויסגערעדט צו שבע לינדערוורם, האָט מיר צוגענומען די פרייהייט. ווען נישט זי, וואָלט די פּאָליציי, נישט האָבנדיק קיין אנדערע באַווייזן, מיך נישט ארעסטירט. ס'איז אָבער געווען א נישט לאָגיש דענקען, צוליב מיין איצטיקער לאַגע. גראָד אין דער צייט, ווען אונדזערע געפילן זענען געוואָרן רייף און ס'האָבן זיך גענומען צייכענען פּערספּעקטיוון פאַר א בשותפותדיק צוזאַמענלעבן צווישן מיר און עוואַן — האָט זיך אלץ איבערגעריסן. איך האָב נישט געוווּסט, און נישט געקענט וויסן, ווי לאַנג וועט אויסקומען צו

זיצן און צי א לאנגע צעשיידונג וועט נישט גורם זיין צו פארלירן עוואַן. דער געדאַנק האָט דערפירט צו פינצטערע מחשבות. אָבער דער ארעסט אין די באַדינגונגען, איז דאָך געווען אומפאַרמיידלעך. נאָר אַן ארויספאָר, אַן אנטלויפן – אָבער אויך דאָס האָט נישט אַלע געראַטעוועט. מ'האָט זיי געפונען ערגעץ אנדערש. פאַר מיר איז עס אָבער געווען אוממעגלעך.

★

איך האָב זיך באמיט משלים צו זיין מיטן גורל, וועלכן כ'האָב געטיילט מיט אַלע חברים. דער טעראָר און רדיפות האָט ארומגענומען אויך די יוגנט פון טור, די אָנהענגערס פון איינהייט־פראָנט און אויך פון זייערע רייען האָבן א סך זיך געפינען אין תפיסה. דעם אמת געזאָגט, האָבן איינציקע פון זיי זיך געפינען אויפן זאמעק, זיי זענען געזעסן אין דער שכנותדיקער קאמער — 22, אויף דער פערטער אָפּטיילונג: יוזעף קוויעטשינסקי, פעליקס באראנאָווסקי, טשעסלאוו סטירניק, וולאדיסלאוו יאנקאָווסקי, סטאניסלאוו קשיקאַלאַ און אנדערע.

מ'האָט ביסלעכווייז זיך צוגעוווינט צו דער געענדערטער לאגע. איך האָב נישט אויפגעהערט טראכטן וועגן עוואן. מיינע עלטערן האָבן זיך באמיט צו העלפן מיר מיט מיטאָגן פון דער פריי און אָנגעשריבן וועגן דעם א געהעריקע ביטע. מ'האָט מיך ארויסגערופן צום דאָקטער. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דעם אמט פון תפיסה־דאָקטער פארנעמט מיין אלטער שול־דאָקטער פון גימנאזיום, מאלטשעווסקי. ער האָט זיך ניט שטארק געוווּנדערט, דערזעענדיק מיך אין אזעלכע אומשטענדן. נאָך אויף דער שול־באנק בין איך געווען א "פארברענטער" און ער האָט אוודאי געוווּסט וועגן דעם. פון דער בקשה צו באקומען מיטאָגן פון דער היים — איז גאָרנישט ארויסגעקומען. נאָר די עלטערן האָבן געמאכט ווייטערדיקע באמיאונגען דורך דעם תפיסה־פעלדשער, וועלכער האָט אָפּט פארטראָטן דעם דאָקטער.

די ערשטע זעאונג האָב איך געהאט מיטן פאָטער, נאָכן אָפּזיצן א חודש אויפן זאמעק. געזען האָט מען זיך דורך צווי דראָט־נעצן, צווישן וועלכע ס'איז ארומגעגאנגען א וועכטער. איך האָב באמערקט, אז דער פאָטער האָט זיך פארעלטערט. ער האָט דאָך ליב געהאט זיין איינציקן זון — און דאָ אזא געשיכטע: דער בן־יחיד אין תפיסה. ער האָט מיר דערציילט וועגן די באמיאונגען צו באזאָרגן פאר מיר מיטאָגן און אן אדוואָקאט. ער האָט אָפּגערעדט מיטן אדוואָקאט ד"ר מארעק אלטען, א באוווּסטער לובלינער יוריסט, וועמען איך האָב פערזענלעך געקענט.

דעם באשולדיקונג־אקט האָב איך דערהאלטן נאָך א 2 חדשים. ס'איז שוין געווען זומער, די טעג — זייער הייסע. אין קאמער איז געווען שווער צו אָטעמען. אין צווישנצייט האָב איך, ווי אן ארעסטאנט פארן פראָצעס, צוריק באקומען מיין ציווילע קליידונג. מיר זענען ארומגעגאנגען אין די העמדער. אויך דאָס אָפענע פענצטער האָט נישט געהאָלפן. מיר זענען געווען אין קאמער צו פיל מענטשן. מ'האָט זיך באנוצט מיט קאלט וואסער, אויב מיר האָבן דאָס געהאט גענוג, ווייל נישט יעדער וועכטער אויף דער אָפּטיילונג האָט געגעבן וואסער, וויפל מיר האָבן געוואָלט.

★

אָנהייב יוני 1938, האָט אין אונדזער 24סטער קאמער זיך באוויזן דער מיר גוט באקאנטער חבר משה וויינפעלד. מ'האָט אים ארעסטירט אין ווארשע מיט 2 חדשים פריער און אויפן פארלאנג פון פּראָקוראָר באָריטשקאָ, איז וויינפעלד געברענגט געוואָרן קיין לובלין. זיין פליכטוואטן קאָפּ האָב איך מיט עטלעכע טעג צוריק באמערקט אויף די טרעפּ, וועלכע האָבן געפירט אין דער באשטע. אין אונדזער לובלינער באוועגונג, איז משה וויינפעלד געווען א שטארקע פערזענלעכקייט. מיט זיין אריינקום אין אונדזער קאמער, האָט די מאָראלישע לאגע זיך פארבעסערט. ס'האָט זיך געהאנדלט אין שטילער מאכן די מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאט וועלכן ס'איז שייכות מיט דער פארטיי. זיי זענען צופעליק אריינגעפאלן אין תפיסה, געוואָלט דאָ געבן דעם טאָן, אָנוואַרפן זייער ווילן און האנדלונג, וועלכע אנטשפּרעכן נישט דער עטיק און כבוד פון מענטשן מיט א קאָמוניסטישער וועלט־אנשויאונג. געווען אזא גרופּע, ווי בראָנעס, די ברידער האקען, פישל גאָלדבלאט און נאָך עטלעכע, וואָס איך געדענק נישט זייערע נעמען. מיט אונדזער הילף, האָט וויינפעלד, שטופנווייז, געענדערט דאָס פּנים פון'עם קאָלעקטיוו. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך לערנען. אין יוני האָב איך באקומען דעם באשולדיקונג־אקט, וועלכער האָט ארומגענומען פיר פּערזאָן: איך, צוקער און צוויי מיידלעך. אויסער די דערקלערונג פון שבע לינדערווורם און מיין מודה זיין זיך אין דער טעטיקייט פון'עם לעגאלן יידישן אקאדעמיקער־פארבאנד, האָט דער באשולדיקונג־אקט נישט אנטהאלטן קיין אמתדיק וואָרט. דאָס איבעריקע האָבן אויסגעטראכט אָקאָנאָווסקי, דוראקעוויטש און מאקענזאָן, מיט וועמען איך האָב נישט געהאט קיין שום קאָנטאקטן. כ'בין אָבער געשטאנען בראש פון דעם פּראָצעס און דערפאר האָט מיר געדראָט א הויכער אורטייל, וואָס האָט מיך שטארק באזאָרגט. איך האָב פארלוירן די האָפענונג וועגן א שנעלן פארלאָזן די תפיסה — און דאָס האָט געמיינט... עוואַס אוועקגיין. די חברים האָבן זיך באמיט מיך צו טרייסטן. וויינפעלד האָט מיר געזאָגט, אז אויך אים דראָט ווינציקסטנס 10 יאָר תפיסה — און זיין מיידל געפינט זיך אויף דער פריי. ביידע האָבן מיר געהאט זייערע בילדער אויף דער צווייטער זייט פון שפּיגעלעך, וועלכע מ'האָט אונדז אריינגעשיקט אין תפיסה. איך האָב געהאט א שיינע פּראָפיל־פאָטאָגראַפיע פון עוואַן און פון צייט־צו־צייט

געוואָרפן אויף דעם א בליק. איך בין נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געלאָזן זיין מיידל אויף דער פריי און די בשותפותדיקע זיפצן, האָבן צוגעגעבן א סך מוט. נאָר די אלע סענטימענטאלע ענייַנים האָבן זיך געפונען ערגעצוו אויפן ראנד פון דעם, וואָס האָט פאסירט מיט אונדז אין תפיסה.

אויף אונדזער פערטער אָפּטיילונג האָבן אָפּט דיזשורירט די וועכטער קאָזאַק און דאָמבראָווסקי. די צוויי, און באזונדערס דאָמבראָווסקי, זענען געווען סאדיסטן און "דערגאנגען די יאָרן", ווי נאָר זיי האָבן געקענט. אז דאָמבראָווסקין איז עפּעס־וואָס נישט געפעלן געוואָרן אין קאמער (און תמיד האָט מען געקענט געפינען, ווי צ.ב., אז די צונויפגעלייגטע "קאָסטקע" פון די שעניקעס איז נישט אזוי גלייַך, צי אן איבערבלייב פון שטויב אויפן פינגער, מיט וועלכן מ׳האָט א וויש געטאָן איבערן פענצטער צי טיש) — האָט ער באפוילן זיך אויסצושטעלן אין 2 רייען און מ׳האָט געמוזט שטיין אויסגעצויגן א 2־3 שעה. אויב ער האָט וועמען באמערקט, אז ער שטייט נישט גלייך, "אויף אכטונג", האָט ער אים ארויסגענומען אויפן קאָרידאָר און געשלאָגן מיט דעם גומענעם שטעקן, וואָס איז געווען א גאנץ אָפּטע דערשיינונג און אונדז געמאטערט פיזיש און מאָראליש.

אין דער אוביקאציע האָט מען אונדז ארויסגעלאָזט 2 מאָל אין טאָג. ביי דער געלעגנהייט, האָט מען אָנגענומען וואסער אין די עמערס און זיי געברענגט אין קאמער. אין די הייסע טעג, ווען מיר האָבן זיך געניייטיקט אין מער וואסער, האָט דער וועכטער קאָזאק נישט דערלויבט דאָס צו ברענגען. צו אונדזער גליק, האָבן די וועכטערס זיך אָפּט געטוישט און אמאָל האָט זיך באוויזן א מער מענטשלעכער וועכטער, וואָס האָט דערמעגלעכט צו באזאָרגן זיך מיט עטלעכע עמערס וואסער, נישט באשטראָפט מיט אַפּעלן און געלאָזט כאפּן דעם אָטעם.

★

די לאגע אין קאמער האָט אויף אזוי פיל זיך פארבעסערט, אז מ׳האָט שוין געמעגט זיך פארלאָזן אויף דער איינהייט פון אירע ארעסטאנטן. ס׳איז געווען א פאל מיט דער קאווע. מ׳האָט זי צו אונדז געברענגט אויפן דנאָ פונעם קעסל, אז ס׳איז געווען אוממעגלעך זי צו טרינקען. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס געטראנק, וואָס איז באטראכט געוואָרן ווי א קאָלעקטיווער בונט. דער וועכטער פון דער אָפּטיילונג האָט גלייך טעלעפאָנירט צום אספּיראנט רענקאַוועק. ס׳האָט זיך דערהערט א באפעל "באַטשנאָשטש"! ("אכטונג"!). מיר דערהערן אויפן קאָרידאָר שנעלע טריט. דער צערייצטער רענקאַוועק איז דורכגעגאנגען צווישן ביידע רייען און דערלאנגט קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס. ווייזט אויס, אז וויינפעלדס גלאטער קאָפּ האָט געצויגן זיין אויפמערקזאמקייט, ווייל ער האָט באקומען אמיינסטן געשלאַגן.

— איך וועל אייך ווייזן! איר וועט פוילן אין תפיסה. קיין לעבעדיקע וועט איר פון דאנען נישט ארויסגיין — און ענלעכע עפּיטעטן מיט זידלערייען האָט ער געלאָזט הערן.

מ׳האָט אָנגעהויבן אריינלאָזן אין קאמער וואסער, געהייסן אונדז אלע "פּאלן" און "אויפשטיין" — א סך מאָל, ביזן פארלירן די כוחות. דערנאָך האָט מען געמוזט אלץ אויפרוימען, ברענגען זיך און די קאמער אין אָרדענונג.

רענקאַוועק האָט טאקע געפּייניקט, געשלאָגן, נאָר דער "מוח" פונעם זאמעק איז געווען דער פּשאָדאָווניק סאָכאַצקי. א דורכגעטריבענער פונקציאָנאר, וואָס האָט אלץ געטאָן שטילערהייט, נאָר קאָנסעקווענט. ער האָט דיספּאָנירט מיט א גאנצער נעץ פון אינפאָר־מאטאָרן און באמיט זיך צו דערגיין, וואָס עס קומט פאָר אין די תפיסה־קאמערן. פארשטייט זיך, אז ביי אונדז איז עס געווען פאר אים שווער, כדי זיך פון עפּעס צו דערוויסן, ווייל צווישן פּאָליטישע ארעסטירטע זענען דאָס געווען זעלטענע פאלן, הגם ס׳האָט טיילמאָל פאסירט אזעלכעס. בפרט נאָך, אז צווישן זיי האָבן זיך געפינען צופעליקע מענטשן מיט צוויי־פלהאפטער מאָראל. סאָכאַצקי האָט איבערגעפירט געוויסע ארעסטאנטן פון קאמער צו קאמער, צונויפגעמישט, ווידער צעטיילט, כדי אריינצופירן א דעזאָרגאניזאציע אין אונדזערע רייען.

ס׳איז פאָריבער דער ערשטער זומער, וועלכן איך האָב אדורכגעמאכט אין טורמע. איך האָב געהאט דעם ערשטן צוזאמענטרעף מיט מיין פארטיידיקער, אדוואָקאט אלטען. ער האָט געזאָגט, אז מיין ענין איז נישט אזא גוטער, ווייל איך געפין זיך בראש פון די באשולדיקטע, וואָס דראָט תמיד מיט א גרעסערן אורטייל. ער האָט מיר פאָרגעלייגט זיך מודה צו זיין, מיט וועלכן איך האָב נישט מסכים געווען. די באשולדיקונג האָט זיך געשטיצט אויף מאטעריאלן, ביז דער העלפט פון יאָר 1936, ווייל אלע עדות פון דער באשולדיקונג זענען דערנאָך געוואָרן ארעסטירט — און דאָס קאָן דינען דער פארטיידיקונג ווי אן ארגומענט פון איבעררייסן צו יענער צייט די טעטיקייט. וואָס שייך דער פריערדיקער תקופה, האָבן אלע פּראָצעסן, אָנהייבנדיק פונעם "פּראָצעס פון די 40" (און דאָס איז, אייגנטלעך, זיין המשך), געגעבן תפיסה־אורטיילן. פארשטייט זיך, אז א גרויסע ראָל האָט געשפּילט דער ריכטער־קאָמפּלעט. ס׳זענען געווען ריכטער ליבעראלע און ריכטער־פּאשיסטן, וואָס האָבן ארויסגעטראָגן הארבע אורטיילן. דאָס איז שוין געווען א מזל־זאַך.

★

סוף זומער האָב איך געהאט א זעאונג מיט עוואַן. ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן, וואָס באטייט פאר אן ארעסטאנט א זעאונג מיט א נאָענטן מענטש, וואָס קומט פון דער פריי. ווען דער וועכטער האָט אויסגערופן מיין נאָמען, מיטן צוגאָב "נאַ ווידזעניע"



teatrnn.pl

("אויף א זעאונג"), האָט מיך באהערשט א געפיל פון אומווילן, באזאמען מיט אן איבערראשונג. ווידער ארויסגענומען פון דער גלייכגעוויכט, אן אויפטרייסלונג אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, צו וועלכן מ׳האָט זיך צוגעוווינט און מע וויל נישט מ׳זאָל עס צעשטערן. אין טורמע ווערט דער מענטש עמפינדלעך, מיט שארפע, פּסיכישע רעאקציעס פון טרייב־כוחות, וואָס אויף דער פריי האָבן זיי נישט געהאט קיין שום באדייטונג. טריט אויפן קאָרידאָר, דער קלאנג פון שליסלען, יעטוועדע עפענען די טיר, רופט ארויס אומרו, מורא, אז עפּעס וואָס וועט געשען, אפשר ערגערס ווי ס׳איז איצט. קאָן זיין, אז מ׳וועט דיך איבערפירן אין אן אנדערער קאמער — און דאָ איז שוין דער ארעסטאנט צוגעוווינט, און אפשר־גאָר עפּעס אנדערש. איך האָב נישט געוווּסט, אז עווא וועט קומען, הגם די עלטערן האָבן מיר אָנגעזאָגט, אז אויף איינער פון די נאָנטסטע זעאונגען וועט זי קומען. איך בין צוגעגאנגען צוּ דער דראָט־נעץ. מיך האָט פארשפּארט פון גערירטקייט. כ׳האָב נישט געקענט ארויסברענגען קיין וואָרט...

עווא איז געווען אָפּגעברענט פון דער זומערדיקער זון, שיַין פארקעמט, מיט לאָקן ארום דעם קאָפּ, אין א העל־בּלוי זיידן קלייד. איך האָב אָנגעהויבן ריידן, ווי נישט צוּ דער זאַך. מיין פארלאנג איז געווען, אז די זעאונג זאָל זיך ענדיקן וואָס שנעלער, כ׳זאָל זיך מער נישט מאטערן. זי האָט מיך געטרייסט, אז נאָך היי־יאָר וועט זיין דער פּראָצעס און ס׳איז דאָ א האָפענונג. זי האָט מיך פארזיכערט, אז איך מעג זיין אינגאנצן זיכער וועגן איר, רעכענען אויף איר. די צייט איז געלאָפן, איצט האָב איך געוואָלט, אז ס׳זאָל דויערן לענגער, געוואָלט זיך גענוג אָנקוקן. ליידער — ס׳הערט זיך א באפעל: "א סוף צוּ דער זעאונג"!

אין קאמער האָב איך א לענגערע צייט נישט געקאָנט זיך בארויקן, נישט געוווּסט וואָס מיט מיר קומט פאָר. גענומען מיט עפּעס זיך באשעפטיקן, כדי זיך איינצושטילן.

איך האָב אין קאמער געגעבן לעקציעס, געלערנט די חברים פּויליש און געאָגראפיע. אנשטאט פּאפּיר, וואָס איז געווען פארבאָטן צוּ האלטן ביי זיך, ווייל מ׳האָט אויף דעם געקענט איבערשיקן "גריפּסן" (קאָנספּיראטיווע תפיסה־בריוו), האָבן מיר באקומען קליינע טאָוולען מיט קרייד. שטופנוויז האָט מען איינגעפירט לעקציעס וועגן מארקסיזם, פּאָליטישע עקאָנאָמיע. באָגדאנאָוו און אראגאָן (וועגן אימפּעריאליזם) זענען מיר געווען גוט באקאנט. איך האָב פיל מאָל שטודירט די ביכער און מיט זיי זיך באשעפטיקט, אז כ׳האָב זיך געקענט דערלויבן צוּ געבן די לעקציעס פון זכרון. אויסער דעם, האָב איך א סך געלייענט אין טורמע. דער עיקר — די שיינע ליטעראטור. געלייענט אלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט באקומען פון דער תפיסה ביבליאָטעק: באלזאק, הוגאָ, ראָמען ראָלאַן, גאלסוואָרטי, לאָנדאָן. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין דער ביבליאָטעק האָט מען מיט געענדערטע טאָוולען אריינגעשמוגלט דאָס בוך פון דזשעק לאָנדאָן "דער אייזערנער פוסטריט", וואָס איז אין פּוילן געווען פארבאָטן. און פון דער מארקסיסטישער ליטעראטור — לענינס "מלוכה און רעוואָלוציע", וואָס האָט ביי אונדז ארויסגערופן גרויס פרייד, נאָך דעם ווי מיר האָבן עס אריינבאקומען אין תפיסה אויף אן ענלעכן אופן. ענדלעך וועלן מיר האָבן א כרעסטאָמאטיע פון וועלכער די חברים וועלן עפּעס לערנען. מיר האָבן פלייסיק גענומען שטודירן קאפּיטל נאָך קאפּיטל.

איך האָב געהאט אין דער היים דאָס בוך פון פּראָפ׳ נאָוואקאָווסקי "געאָגראפיע ווי א לערע", איינגע־קויפט פאר א פארהעלטנישמעסיק גרויסער סומע פון 40 זלאָטיס, ארויסגעגעבן דורכן פארלאג "טשאַסקאַ, עווערט און מיכאלסקי", אין די ראמען פון דעם ציקל "אלגעמיינע געאָגראפיע". פּראָפ׳ נאָוואַקאָווסקי איז געווען א מארקסיסט. איך האָב אָנגעשריבן צוּ די עלטערן, זיי זאָלן מיר צושיקן דאָס בוך אין תפיסה — און איך האָב עס טאקע באקומען. די אדמיניסטראציע האָט אפילו זיך נישט אָריענטירט, אז מיר האָבן באקומען ערשטקלאסיקן מאטעריאל צוּ שטוּדירן מארקסיזם. צוּ די לעקציעס זענען צוגעשטאנען אלע, אויך די, וואָס נאָכן אריינקומען אין תפיסה, האָבן זיי זיך אָפּגעגרענעצט פונעם קאָמוניזם.

אויסער די דערמאָנטע באשעפטיקונגען, האָבן מיר איינגעאָרדנט אין קאמער שפּאצירן. ממש שפּאצירן, ווייל מ׳האָט דאָך אויך געמוזט זיין אין באוועגונג. שפּאצירן פון 3 אָדער 4, פון דער פענצטער־וואנט ביז דער קראטע־טיר, מיט פעסטע טריט, די הענט פארלייגט אונטן, כדי זיך קעגנזייטיק ניט שטערן. דער טאָג איז געוואָרן אויסגעפולט מיט לערנען, שפּילערייען, דיסקוסיעס, שפּאצירן, לייענען. מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו דעם אופן פון לעבן, משלים געווען מיט דער אויפגעצוווּנגענער לאגע.

דער הארבסט איז פאָריבער. מיין פארטיידיקער האָט מיר צוּ וויסן געגעבן וועגן טערמין פון פּראָצעס — דעם 19טן דעצעמבער 1938. דער ריכטער־קאָמפּלעט, נישט צום ערגסטן, אונטערן פאָרזיץ פון ריכטער יעשאָנאָווסקי, באקאנט פון זיינע ליבעראלע אנשויאונגען און מילדערע אורטיילן.

איך געדענק נישט גענוי, ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל זייט דעם ארעסט, פארלאָזט די תפיסה־מויערן. איך האָב באדארפט ארויסטרעטן אלס עדות אויפן פּראָצעס קעגן וויטאָלד ווודעל און אזוי ווי די תפיסה־קארעטקע איז געווען פארנומען ערגעץ אנדערש, האָט מען אונדז געפירט צופוס, געשמידט אין קייטן, אונטער א וואַך. פונעם זאמעק ביזן געריכט־זאל, איז געווען א לאנגער וועג, וועלכער האָט געפירט דורך דער הויפּט־גאס — קראָקעווער פּארשטאָט. מיינע עלטערן און עווא האָבן געוווּסט וועגן דעם און איך

האָב געהאט א געלעגנהייט זיי אלע צו זען אין גאס. עווא, אָנגעטאָן אין א שווארצן קאָסטיום, איז געגאנגען פון הינטן און איך האָב אַפּט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, כּדי זי צו זען. נאָך דער געשעעניש, האָבן מיר זיך ערשט געזען אויף מיין פּראָצעס. מיט עטלעכע טעג פריער, האָט אַדוו׳ אלטען מיר געמאָלדן, אז פאָרזיצער פון געריכט וועט זיין נישט יעשאָנאָווסקי, נאָר טשערניאק, א באקאנטער אין שטאָט פאשיסט, אן אָפענער שונא פון דער ארבעטער־באוועגונג און פון די קאָמוניסטן, וואָס האָט געהאט א סאטיספאקציע פונעם ארויסטראָגן גרויסע אורטיילן. איצט האָט מיין גורל באדארפט זיין אן אנדערער. מיר פיר זענען געפאָרן אין געריכט, אין א זייער שלעכטער שטימונג: איך, צוקער און די צוויי מיידלעך.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן צו דער צייט, מיטן איבערלייענען דעם באשולדיקונג־אקט. קיינער פון אונדז האָט זיך ניט מודה געווען אין די באשולדיקונגען. דערנאָך האָבן עדות געזאָגט: אָקאָנאָווסקי, דוראקעוויטש, מאקענזאָן און שבע לידענוורם, צוליב וועלכער איך בין געוואָרן איינגעזעצט. די עדות האָבן נישט נאָר איבערגעחזרט אלץ וואָס איז געווען פארשריבן אינעם באשולדיקונג־אקט, נאָר אויך צוגעגעבן נאָך פּרטים און זיי באפארבט, אָבער אלץ צוזאמען זענען געווען שקרים, אויסער שבע לינדערווורמס דערקלערונג, אז אין יאָר 1936 האָב איך באדינט א קעמערל פון ק.ז.מ.פּ. ("קאָמוניסטיטשני זוויאָנזעק מלאָדזשעזשי פּאָלסקעי — "קאָמוניסטישער פארבאַנד פון דער פּוילישער יוגנט"). דאָס וואָס איך האָב פאקטיש געטאָן אין דער באוועגונג אין די יאָרן 1932 — 1936, האָט קיינער פון זיי נישט געקענט עפּעס זאָגן, ווייל זיי האָבן זיך מיט מיר ניט געטראָפן און נישט געהאט דעם קלענסטן באגריף פון מיין טעטיקייט. נאָר די עדות־דערקלערונגען פון די פיר און דער קורצער רעפעראט פונעם שעף פון דער דעפענסיווע (געהיים־פּאָליציי) קמיעטשיצקי — זענען געווען גענוג פארן געריכט.

די עלטערן זענען געזעסן אין זאל, אויך עוואַ. נאָך א קורצן איבעררייס פון די געריכט־פארהאנדלונגען, האָט מען איבערגעלייענט דעם אורטייל: איך בין פארמשפּט געוואָרן אויף 6 יאָר תפיסה, צוקער — 4 יאָר, די צוויי מיידלעך — צו 2 יאָר.

"6 יאָר, אזוי פיל"! — האָט מיר געעגבערט אין מוח. כ׳בין געווען בלאס ווי די וואנט, אויף וואָס אהאָבן מיר וס׳ויפמערקזאם געמאכט די חברים, ווען מיר זענען אריין אין דער קארעטקע, וועלכע האָט אונדז באדארפט צוריק אָפּפירן אויפן זאמעק. וואָס אן אמת, האָב איך נישט געגלויבט, אז מיר וועט אויסקומען אזוי לאנג צו זיצן, נאָר דער אורטייל איז אורטייל. ווער ווייסט צי ס׳וועט זיין אן ענדערונג, אפשר אן אמנעסטיע. אזוי האָט מען מיך געטרייסט אין דער קאמער. די איינציקע האָפענונג איז איצט — די אפּעלאציע.

★

די ערשטע טעג נאָכן אורטייל, זענען געווען פארצווייפלטע. מ׳האָט פאר יעדן פרייז באדארפט ארויסגיין פון אזא צושטאנד — און דווקא זיך הארטעווען מיטן געדאנק וועגן דער צוקונפט. איך האָב זיך מערער איבערגעגעבן די באשעפטיקונגען אין קאמער, דער לערע און זיך באמיט אומצוקערן צום נאָרמאלן צושטאנד פון א מענטש, וואָס מוז אין די באדינגונגען צורו לאָזן די אלע קאָמפּלעקסן און פילבארקייט. נאָר דאָס אלץ האָט נישט געהאָלפן. דאקעגן די הילף פון די חברים, די ווארעמקייט וועלכע זיי האָבן מיר ארויסגעוויזן — זענען שטארק צונוץ געקומען. איבעריקנס, ס׳האָט זיך נישט געהאנדלט נאָר אין מיר. ענלעכע צייטן, אין גרעסערן צי אין קלענערן פארנעם, האָבן אדורכגעמאכט אנדערע חברים און אויך גענאָסן פון קעגנזייטיקער, מאָראלישער הילף. דער רוח פון אונדזער קאָלעקטיוו, זיין וועלט־אנשויאונג האָבן געהאט א גינסטיקע השפּעה אויף אלעמען. נאָכן פּראָצעס, האָט דער אדוואָקאט אָנגעזאָגט אן אפּעלאציע. די עלטערן האָבן באשלאָסן צו שטעלן נאָך אַן אדוואָקאט. איצט האָט מען באדארפט געדולדיקווארטן ביז דער אפּעלאציע. די באדינגונגען אין דער תפיסה־קאמער, וואָס שייך עסן, זענען געווען אויסגעהאלטן, ווייל אבאדייטנדיקע צאָל ארעסטירטע, צווישן זיי — אויך איך, האָבן מיט דער דערלויבעניש פונעם תפיסה־דאָקטער באקומען פון דער היים מיטאָגן (כּל־זמן דער געריכט־אורטייל איז נישט געווען קיין ענטגילטיקער) און א דאנק דעם האָבן אלע אין דער קאמער גענאָסן פון א צוגאָבלעכער באשפּייזונג.

ווינטער האָט מען צונויפגעמישט צוויי קאמערן — די 24סטע און 22סטע אין איין גרעסערער קאמער, דוכט זיך — נומער 19, ווי מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אן אנדערער גרופּע ארעסטאנטן פון לובלין און אומגעגנט — יידן און פּאָלאקן. איצט זענען מיר געווען צוזאמען א 50 ארעסטאנטן, וואָס האָט ניט איינמאָל געשאפן אן אומדערטרעגלעכע לאגע.

דאָ האָב איך באקענט נייע מענטשן, אויך פּויערים פון לובלינער קאנט, וואָס זענען פארמשפּט געוואָרן פאר קאָמוניסטישער טעטיקייט. מיר האָבן א סך געשמועסט וועגן דער גרויסער כוואליע ארעסטן אין די לעצטע יאָרן און תמיד איז געקומען אויפן געדאנק דאָס געהיימניספולע געשטאלט, וועמען מ׳האָט פארדעכטיקט אין פּראָוואָקאטאָרישע מעשׂים — "מיכאל", א יונגער טוער ("אָקרענגאָוויעץ") פון ראיאָן־קאָמיטעט. מיט אים האָב איך נישט איינמאָל זיך געטראָפן. וועגן אים האָט מיר דערציילט פיינזילבער, נאָך מיין ארעסט. איצט, נאָך א קאָנפראָנטאציע מיט אנדערע חברים איז געוואָרן קלאָר, אז טאקע דער דאָזיקער "מיכאַל" איז געווען דער הויפּט־כּוח, וואָס האָט דערפירט צו די אלע ארעסטן.

( איבערזעצט פון פויליש: דוד שטאַקפּיש)

# בילדער און געשטאלטן פון פארמלחמהדיקן לובלין









אויפן בילד אויבן: א קלאס פון דער "פּאָוושעכנע"-שול, אָנגעפירט פון דער פעדאגאָגין מאנדעלקערן, צוזאמען מיט די לערערס. (דאָס בילד האָט צוגעשטעלט שרה ראַפּאַפּאָרט־עלבלינגער).

די דריי בילדער אונטן: גרופּן־אויפנאמעס פון יידישע יוגנטלעכע אין לובלין, פאר דער מלחמה. נישט אלע נעמען זענען אונדז באקאנט.

# וואַלעכמאַנס טאַנץ־זאַל

**יוסף בן־רשקה**

אין אָנהייב פון דער גראָדזקע גאס, אין רינעק, האָט זיך געפינען דער טאנץ־זאל פון וואלעכמאנען, באקאנט אויך מיטן אָפיציעלן נאָמען אין דער פוילישער שפּראך: "שקאָלאַ טאַנצווו וואַלעכמאַנאַ" – דער אמאָליקער "דיסקאָטעק" פאר דער יידישער יוגנט אין לובלין, וווּ מ'האָט געהאט א מעגלעכקייט צו לערנען זיך טאנצן און אויך טאנצן דאָרט, נאָכן אויסלערנען זיך; כאפּן אַ פלירט און צודריקן זיך, ווי עס פירט זיך ביי א טאנצנדיק פּאָרל.

די אמאָליקע טענץ זענען געווען גאָר עפּעס אנדערש אנטקעגן די היינטיקע "משוגענע" טענץ, מיט זייערע ווילדע פיגורן, ווי מען דרייט זיך און מען ווארפט זיך אין אלע זייטן, די הענט מיט די פיס הערן נישט אויף צו באוועגן זיך. ווי קומט דאָס אלץ צום אמאָליקן ראָמאנטישן וואלס, קאָנטערעדאנס, די פּאָלקע און פּאָלקע־גאלאָווקע, שוין אָפּגערעדט פונעם סענטימענטאלן טאנגאָ, ווען קערפּער טוליעט זיך צו קערפּער, נאָר מיט א סך צערטלעכקייט און איידלקייט. און אָפּגעהיטן זאָל מען געווען ווערן, ווען עמעץ פון די בחורים האָט אינמיטן טאנץ זיך דערלויבט אויף א נישט פיינעם, "כשרן" זשעסט. לויט די געזעצן פון וואלעכמאנען, איז געווען וויכטיק אָפּצוהיטן דעם האלב פראנצויזישן, האלב פוילישן טאנץ־טריט ("טאַנעטשני קראָק"), דעריבער זענען אלע אנדערע "פוילע שטיק" געווען פארבאָטן. אויב ווער פון די טענצערס האָט דאָך עובר געווען אויף די כללים, האָט ער שוין געקאָנט לאנג ווארטן, ביז א לייטיש מיידל זאָל געבן איר הסכמה מיט אים צו טאנצן.

יעדן שבת־צו־נאכטס איז אין וואלעכמאנס טאנץ־זאל פאָרגעקומען די א.ג. "אָגולנע" – אן אלגעמיינער טאנץ־אָוונט, מיטן אנטייל פון די, וואָס האָבן זיך נאָך געלערנט טאנצן און די וואָס האָבן שוין פארענדיקט די לערע. מיט אנדערע ווערטער – די "ספּעציאליסטן" און די "לערניינגלעך" און "לערנמיידלעך" האָבן געהאט די מעגלעכקייט זיך צו באווייזן מיט זייערע דערגרייכונגען. דער אָפּצאָל איז געווען איין זלאָטי. פארשטייט זיך, אז געצאָלט האָט דער בחור. ס'האָט געהייסן, אז ער "פונדעוועט".

אויף דער "אָגולנע" זענען געווען גאָר אָנגעלייגטע געסט די שילערס פון שפּערס גימנאזיע, וועלכע מ'האָט גערופן "שפּערלאקעס". ס'איז געווען א כבוד צו טאנצן מיט אזא "שפּערלאק", ווייל מ'האָט זיי געהאלטן אויך פאר סטודענטן און "די סמעטענע" פון דער יידישער יוגנט אין לובלין.

מיט די טענץ אויף דער "אָגולנע", האָט אָנגעפירט וואלעכמאן אליין און געזאָרגט פאר די געהעריקע פיגורן, קרייזן, "קייטעלעך" און אנדערע כללים, ווי "א פּאָרל אונטער א פּאָרל", אָדער דער באפעל אויף פויליש "דאַמי אַוואַנסויאָן", ד.ה. אז די פרויען אוואנסירן, זיי דארפן שפּאנען פּאָרויס. און אויב דאָס איז אים געפעלן געוואָרן, האָט ער באפוילן "יעשטשע ראַז", נאָך אמאָל.

צו די אלע טענץ, האָט צוגעשפּילט דער פידלער דוד אקערמאן, אָדער דער בלינדער משה – אלץ אָן נאָטן. מיט זייער שארפן געהער, האָבן זיי אויפגעכאפּט און זיך צוגעאייגנט די קלאנגען פון אלע טאנץ־מעלאָדיעס און באגלייט די טענץ מיט די טענצערס. איך געדענק גוט, ווער עס האָט אקאָמפּאנירט די פידלערס אויף דעם אלטן, הייזעריקן פּאָרטעפּיאן – וואלעכמאן בכבודו ובעצמו. בדרך כלל איז די יידישע לובלין געווען געבענטשט מיט גוטע, אפילו טאלאנטפולע מוזיקערס.

דער פריער דערמאָנטער דוד אקערמאן, וואָס האָט געקענט שפּילן אויף אלערליי מוזיקאלישע אינסטרומענטן (איינער פון זיין משפחה דארף זיך געפינען אין ישראל, אין כפר־סבא). צו דער פּלעיאדע לובלינער יידישע מוזיקערס, האָבן אויך געהערט דער פּאָטער און זון שפּילפויגל,ביידע באגאבטע קינסטלער. דער פעיקער וויאָלענטשעליסט און סאקסאָפאָניסט ראָזענריב, וועמענס פּאָטער האָט ארענדירט דעם "הזמיר"־ זאל אין לובלין. די צוויי פידלערס, אויך א טאטע מיט א זון – די פערנאנדס. דער ראדיאָ־קינסטלער ראָזענשער, וואָס געפינט זיך אין לאנד. דער עיקר האָבן זיי געשפּילט אין די קינאָס "קאָרסאָ", "קאָלאָסעאום" און אנדערע, אין דער תקופה פון די שטומע פילמען. זיי האָבן געוווּסט ווען און ווי אזוי צוצופּאסן זייערע טענער צו דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן עקראן: פרייד און טרויער, ווי אויך אנדערע דערשיינונגען. מ'האָט זיך געקענט פארלאָזן אויף זייער מוזיקאלישן חוש.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען, אז די צוויי בארימטע מוזיקערס, די פאמיליע מנזה, זענען קינדער פון א לובלינער מוטער, מאניע לאנדאו ז"ל, וואָס איז צוזאמען מיט איר טאָכטער, וועלכע האָט געפירט א פרעבל־שול אויף דער זשעלאָנאַ־גאס אין לובלין, געקומען קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1918; איך דערמאָן זיך, אז מיט א 70 יאָר צוריק, האָט אין לובלין געגעבן קאָנצערטן אן 8־יאָריק וווּנדער־קינד, א פידלער, מיטן פאמיליע־נאָמען פרידמאן, וואָס האָט שפּעטער עמיגרירט קיין אמעריקע. זאָל אויך דערמאָנט ווערן די בארימטע פּיאניסטין פישמאן, וואָס האָט פארלאָזט לובלין און אויפגעטרעטן מיט קאָנצערטן אין דער גרויסער וועלט מיט א סך דערפּאָלג.


דעם פריינד און בן־עיר
**יוסף אכטמאן**
צום 90 סטן געבוירן־יאָר –
די הארציקסטע ברכות פון געזונט,
נחת און פרייד.
מיר פרייען זיך מיט דיין בכבודיקן
עלטער און ווינטשן – ביז 120.
**דער קאָמיטעט**

# אויף סאָוויעטישער פאַרשיקונג

## משה קאָרן (טאַשעמקאַ)

**(המשך פון די מלחמה־זכרונות, דערשינען אין נומער 23 – „פון לובלין ביז טשערקיזאַווא").**

### א

אינעם פאַרשיקונג־לאַגער אין טשערקיזאַווא האָבן אין די אַלטע באַראַקן זיך געפינען אַ 1.500 מענטשן, וואָס דער סאָוויעטישער רעזשים האָט זיי חושד געווען אין אַלערליי פאַרברעכנס, לרוב – צוגעטראַכטע. באַזונדערס האָט זיך דאָס באַצויגן צו אונדז, יידן פון פּוילן, וואָס זענען מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַנטלאָפן אויף יענער זייט בוג מיט דער האָפענונג, אַז דאָרט וועט געלונגען איבערצוּוואַרטן ביזן סוף פון קריג. מיר זענען אַהין אָנגעקומען אין חודש סעפּטעמבער, וועלכער איז געווען אַ קאַלטער, אַ פראָסטיקער, ווי אַ בייזער אָנזאָג פון דעם, וואָס אונדז דערוואַרט אין ווינטער, הגם דאָס איז נישט געווען אין סיביר, נאָר אין צענטראַל רוסלאַנד, צווישן יאַראָסלאַוו און לענינגראַד. די גאַנצע געגנט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט וועלדער און טונדרעס. די עצם באַשעפטיקונג אינעם וואַלד, איז נישט געווען אַזוי געפערלעך, נאָר אַרבעטן 12 שעה אין מעת לעת, דערצו נאָך אַלע זיבן טאָג אין דער וואָך, ביי אַ דערנערונג פון זופּן פון קילקעס (די קליינע פישעלעך) און 500 גראַם פייכט ברויט אַ טאָג – האָט זיך שווער געלייגט אויפן געמיט און זעלטן ווען ס'האָט זיך ווען פאַרגלוסט צו שמייכלען, אָדער זיך וויצלען. אין קיך האָבן געאַרבעט לאַגערניקעס־רוסן, מיט אַ סטאַזש פון יאָרן און, פאַרשטייט זיך, געגנבעט פון די צוגעטיילטע פּראָדוקטן, כדי צו לעבן אַ גוטן טאָג מיט די נאַטשאַלניקעס פונעם לאַגער.

צוליבן מאַנגל אין וויטאַמינען, ווי אויך פון דעם קלעפּיקן ברויט, זענען אַ סך קראַנק געוואָרן. אויף זייערע קערפּערס האָבן זיך באַוויזן קרעץ מיט בלאָטערן. קעגן דעם האָט מען אויסגעפינען אַ היימישע, אָרטיקע רעצעפּט. די נאָדלען פון די סאָסנע־ביימער האָט מען איינגעווייקט אין פּעסער וואַסער און פון דעם געגעבן צו טרינקען דעם קראַנקן 2 מאָל אין טאָג. אַ סך האָבן פון דעם באַקומען די הינערפּלעט. אויך איך האָב באַקומען אַן אויסשיט פון אייטערדיקע ווונדן אויפן גאַנצן קערפּער. צו דער אַרבעט האָט מען געמוזט גיין, אַפילו קראַנקערהייט, סיידן, אַז מ'האָט געהאַט פיבער איבער 38 גראַד. אַזעלכע קראַנקע האָט מען שוין איבערגעפירט אין אַ באַזונדערן באַראַק, וווּ מ'האָט זוכה געווען צו ליגן אויף אַ שעניק מיט שטרוי און אַ ווייס ליילעך.

נאָך אַ 3 וואָכן פון מיין אָנקום אין לאַגער, האָב איך באַקומען הויכע היץ און געווען "גליקלעך", אַז כ'וועל נישט דאַרפן גיין צו דער אַרבעט, וואָס האָט געמיינט – קלעטערן 15 קילאָמעטער צופוס, אין בלאָטעס און זומפּן. אינעם באַראַק פאַר קראַנקע האָט מען טיילמאָל אויך געגעבן אַ ווייס שטיקל ברויט, אַ ביסל צוקער, אָבער נישט קיין מעדיקאַמענטן, אויסער כינין – קעגן דער מאַלאַריע, וועלכע מ'האָט באַקומען פון די קאָמאַרן. די גרעסטע געפאַר איז אָבער געווען די קעלט.

די באַראַקן זענען געווען אַלט, מיט אַ סך לעכער אין די הילצערנע ווענט. אַזוי האָבן זיי איבערגעלאָזט די עסטרייכישע קריגס־געפאַנגענע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און קיינער האָט נישט געזאָרגט, אַז מ'זאָל ברענגען אין אָרדענונג די האַלב חרובע באַראַקן.

איינמאָל אין וואָך איז מען געגאַנגען אין באָד און דערביי אָוועקגעגעבן דאָס אָנטאָן צו דעזינפעקציע. נאָר אַזוי ווי דאָס וואַסער אין באָד איז בדרך כלל געווען קאַלט, אַזוי איז די פּאַרע פון דער דעזינפעקציע נישט געווען גענוג הייס, ווייל די לייז אין די בגדים זענען דערפון נישט אומגעקומען...

נאָכן אָפּזיצן דאָרט אַ 2 חדשים, איז געקומען אין לאַגער, מיט אַן ערפּלאַן, אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון דער נ.ק.וו.ד., וועלכע האָט געהאַט צוויי אויפגאַבן: 1) אָפיציעל משפּטן די אַרעסטירטע, געבן זיי אַ פּאַראַגראַף פונעם שטראָף־קאָדעקס, וועלכער האָט געדראָט פון 3 ביז 8 יאָר פאַרשיקונג פאַרן כלומרשטן אַריבערגיין די סאָוויעטישע גרענעץ אומלעגאַל. 2) אינטערעסירן זיך מיט דער לאַגע אויפן אָרט, וואָס שייך די באַדינגונגען, דערנערונג, היגיענע, דיסציפּלין און אַרבעט־נאָרמעס.

בראש פון דער קאָמיסיע איז געשטאַנען אַ ייד ראַפּאַפּאָרט, מיט אַ סך אָרדערס און מעדאַלן אויף זיין ברוסטקאַסטן. מ'האָט געשמועסט, אַז ער איז דער פאַרטרעטער פון לאַווּרענטי בעריאַ, מיט דער אויפגאַבע צו האָבן די אויפזיכט איבער אַלע לאַגערן. ער האָט גערעדט יידיש, טיילמאָל אַריינגעוואָרפן אַ פּסוק אָדער אַ ווערטל פון תנ"ך. ער האָט באַזוכט אייניקע באַראַקן, גערעדט מיט די אַרעסטאַנטן און געקומען אינעם קראַנקן־באַראַק. מיר האָבן אים געוויזן דאָס נאַסע ברויט מיט דער באַמערקונג, אַז "דאָס וואַסער רינט צווישן די פינגער" און אַז מיר לעבן אָן וועלכע ס'איז וויטאַמינען.

אין אָוונט, אויפן אַפּעל, ביי דער אַנוועזנהייט פון דער נאַטשאַלסטווע, האָט ראַפּאַפּאָרט געזאָגט, אַז בקרוב וועט מען די אַרעסטאַנטן איבערפירן אויף אַ צווייט אָרט, ווייל דאָ איבערווינטערן איז אוממעגלעך. צומאָרגנס האָט זיך טאַקע פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דעם הויפּט־נאַטשאַלניק מיט נאָך צוויי פון זיינע פאַרטרעטערס, האָט מען אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. מער האָבן מיר זיי נישט געזען.

### ב

דערווייל איז נישט געוואָרן בעסער אין לאַגער. צו דער אַרבעט האָט מען נאָך אַלץ געפירט אונטער אַ שווערער וואַך, מיט אָנגעצילטע ביקסן. איין יינגל איז אַנטשלאָפן געוואָרן אין וואַלד און ביי דעם אָוונט־אַפּעל האָט ער געפעלט. האָט מען אונדז געהאַלטן ביז 10 ביינאַכט, ווען מ'האָט אים געבראַכט פון וואַלד, אַ צעביסענעם פון די הינט.

אַ געוויסן אָוונט, אין חודש נאָוועמבער האָט מען געמאָלדן, אַז צומאָרגנס וועלן מיר מיטן עטאַפּ איבערגעפירט ווערן אויף אַ צווייט אָרט, קיין ריבינסק, יאַראָסלאַווער געגנט און מ'וועט אונדז מיטגעבן אַ פּאַיאָק אויף 2 טעג: ברויט, ציבל און הערינג. דער גאַנצער לאַגער איז

געוואָרן עוואַקואירט. במשך די 2 טעג, איז געפאלן א טריבער רעגן און דאָס ברויט האָט מען אויפגעגעסן באלד דעם ערשטן טאָג. ביינאַכט איז מען געבליבן ליגן אויפן פעלד, פּרובירט איינשלאָפן אונטערן רעגן. נאָר די קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע האָט מען ארויפגעזעצט אויף וועגאַלעך. צוויי פון זי האָבן אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט. די לעצטע 15 קילאָמעטער ביז ריבינסק, איז מען שוין "געגאַנגען" — ווער קריכנדיק, ווער איינגעבויגן ("טשיפּקע"), ביז מיר זענען צוגעקומען צום קאַראַנטין־לאַגער — "ערשטער אוטשאַסטאָק פון וואָלגאַ־סטרוי". דאָרט זענען מיר געבליבן א וואָך צייט, נאָר קומענדיק אַהין, האָב איך נישט געהאַט קיין כּוח ארויפצוגיין אויף דער פּריטשע. בין איך ארונטערגעקראָכן אונטער דער פּריטשע און דאָרט געשלאָפן גאַנצע 24 שעה. אפילו נישט געהאַט דעם כּוח און חשק צו נעמען די זופּ...

ביים רעגיסטרירן די לאַגערניקעס אויפן נייעם אָרט, האָט מען געפאָדערט אָפּצוגעבן אין דעפּאָזיט דאָס געלט מיט די זאַכן: איך האָב געהאַט מיט זיך א הילצערנע וואַליזקע, א מין קופערטל נאָך פון דער היים, מיט עטלעכע ווערטפולע זאַכן — און דאָס נישט געוואָלט אָוועקגעבן. א גליק, אז ס'איז ניט געווען אָבליגאַטאָריש — און דאָס קופערטל איז געבליבן ביי מיר. אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונדז געשיקט אין באָד און דעזינפעקציע. דער לאַגער האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי א שטאָט, מיט פיל וואָך־טורעמס און באוואָפנטע זעלנער. נאָכן אָפּרוען זיך במשך א וואָך, האָט אונדז אונטערזוכט א דאָקטער און די פאַכלייט האָט מען צעשיקט אין די וואַרשטאַטן פון שוסטעריי, שניידעריי, סטאָלעריי, פריזירערס, ווייל מ'האָט באַדאַרפט פאַרזאָרגן א 50 טויזנט מענטשן. איין ייד, א פאַרמשפּטער אויף 15 יאָר, איז געווען דער הויפּט־אויפזעער איבער די וואַרשטאַטן, ער האָט געוווינט אין א באַזונדער הייזל.

איך, נישט האָבנדיק קיין פאַך, בין צוגעטיילט געוואָרן צו א בריגאַדע פאַר אַלגעמיינע ארבעטן. אונדזער בריגאַדיר איז געווען א ייד פון לאָדזש, יאַקובאָוויטש. די ארבעט איז באַשטאַנען אין איבערפירן אויפן צווייטן ברעג פון דער וואָלגאַ רוי־אייזן אויף שליטעלעך, אין וועלכע ס'זענען געווען איינגעשפּאַנט צוויי לאַגערניקעס. די וואָלגאַ איז געווען פאַרפרוירן און ס'איז ניט געווען אַזוי שווער צו שלעפּן די שליטעלעך. אַזוי פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג. נאָר אין ווינטער זענען דאָס געווען קורצע טעג. דאַקעגן אין זומער האָט מען געהאָרעוועט ביז 14־15 שעה א טאָג. אַזוי ווי אין גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד, איז יעטוועדע ארבעט געווען געשטיצט אויף "נאָרמעס" — און אין די לאַגערן אַוודאי און אַוודאי. אַזוי אויך ביי אונדז. און די וואָס האָבן נישט באַוויזן אויסצופילן די נאָרמע, האָט מען באַשטראָפט מיטן לאָזן במשך 3 שעה אויסער דער זאָנע, נאָכן אומקערן זיך פון דער ארבעט. דערנאָך האָט אַזאַ איינער נישט געהאַט די זופּ און א הונגעריקער, מידער און דערשלאָגענער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פּריטשע צום איינשלאָפן.

ביי דער דאָזיקער ארבעט פון פירן מאַטעריאַלן איבער דעם טייך, וואָס האָט מיר שטאַרק דערמאָנט די בורלאַקעס אויף דער וואָלגאַ, פון וועלכע מיר האָבן געלייענט אין ביכער און געזען אויף געוויסע פילמען — בין איך געווען באַשעפטיקט נאָר א חודש צייט. אין געוויסע טעג איז יאָ געלונגען אויסצופירן די נאָרמע אויף גאַנצע 100%, איז מען דערפאַר באַלוינט געוואָרן פון דער אונטערנעמונג (פירמע) און פאַרן פאַרדינטן געלט געקענט זיך איינקויפן אין דעם "לאַרעק" עסנוואַרג פאַר צוגענגלעכע פּרייזן. אויב די מענטשן ארבעטן, זאָלן זיי אויך געניסן. דערפאַרענע לאַגערניקעס האָבן געזאָגט, אַז דאָס אָרט איז א גן־עדן אַנטקעגן אַנדערע פאַרשיקונג־ערטער. געווען אויך פאַלן פון פאַרשרייבן פיקטיווע נאָרמעס, אָבער נישט פאַר אונדז, פּוילישע יידן.

ג

טראָץ די פאַרהעלטנישמעסיק גוטע באַדינגונגען, בין איך נאָך 4 וואָכן ארבעטן אויף דער וואָלגאַ, געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט, ממש נישט געקענט גיין אויף די פיס. א געוויסן אָוונט בין איך אַוועק צום פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר די וואַרשטאַטן און אים דערציילט מיין שווערע לאַגע, געשילדערט פאַר אים מיין טאַטן, דעם תּלמיד־חכם און ערלעכן ייד, אַפּעלירט צו זיין געוויסן און געבעטן ער זאָל מיר געבן ארבעט אין דער זאָנע גופא. איך האָב אים דערביי אַנטפּלעקט דעם סוד, אַז איך האָב נאָך א גוטן אַנצוג, עטלעכע טובּעס ציין־פּאַסטע און א ביסל געלט, וואָס כ'האָב אָפּגעשפּאָרט אין לעמבערג. איך האָב אים נאָר נישט אויסגעזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז באַהאַלטן אין מיין וואַליזע מיט א דאָפּלטער וואַנט, וועלכע איך האָב באַצייטנס צוגעגרייט, נאָך פאַר דער פאַרשיקונג.

דער ייד ענטפערט, אַז ער קאָן מיר מיט גאָרנישט העלפן, ווייל ער גופא איז אונטער א שטרענגער אויפזיכט. "איך דאַרף גאָרנישט און האָב נישט פאַר דיר קיין אָרט" — איז געווען זיין אָפּזאָג. איך האָב אָבער געפילט, אַז דער אָפּזאָג איז ניט אַזאַ קאַטעגאָרישער, ער וויל דאָך העלפן. צום סוף זאָגט ער מיר: "גיי צוריק אין באַראַק, איך וועל זען עפּעס צו טאָן".

אין 2 טעג אַרום דערהער איך ווי מען רופט אויס, אַז "מאָיסעי בנימינאָוויטש גייט נישט ארויס אויף דער ארבעט". מיט א שעה שפּעטער באַווייזט זיך איינער פון די אויפזעערס, באַפעלט מיר צו נעמען די זאַכן. ער האָט מיך אַריינגעפירט צום נאַטשאַלניק, וואָס דערקלערט גלייך אויפן אָרט:

— דעם אַנצוג לאָז ביי זיך, די הויזן גיב דעם הויפּט־בוכהאַלטער. וועסט האַלטן ריין די צימערן ביי אים. גיב אים אויך די 100 רובל...

איך נעם איבער די ארבעט פון א רוס — און פאַר מיר איז דער איבערגאַנג געווען, גלייך כ'וואָלט אויסגעטוישט דעם גהינום אויפן גן־עדן. עסן האָב איך באַקומען פון "צווייטן קעסל", די ברויט־פּייקע האָט באַטראָפן 800 גראַם — 2 מאָל אַזוי פיל ווי ביי דער פריערדיקער ארבעט. שוין צומאָרגנס האָב איך מיין ברויט־נאָרמע געלאָזן פאַרן בוכהאַלטער, ווייל כ'האָב געהאַט א מעגלעכקייט זיך איינצוקויפן פאַר מיין געלט אין לאַראָק, וואָס דאָס האַרץ האָט געגלוסט.

אויפרוימען דעם בוכהאַלטערס צימער האָט געדויערט א 2 שעה און די איבעריקע צייט האָב איך זיך געקענט ארומקוקן און גאָרנישט טאָן. ווען מיין בעל־הבית איז געקומען א היים, איז אויפן טיש געשטאַנען א האַלבער ליטער וואָדקאַ און א געשמאַקער זשאַרקאָי ("געדישעכץ"), וועלכן איך האָב געקויפט ביי די קוכערס. דער איבערראַשטער בוכהאַלטער זאָגט מיר:

— איך זיץ שוין דאָ 8 יאָר און דו — נישט מער ווי 2 חדשים. פון וואַנען האָסטו דאָס אַלץ גענומען? ווי אַזוי האָסט עס געמאַכט?

איך האָב אים געענטפערט, אַז מיר, פּוילישע יידן וואָס ארבעטן אין די וואַרשטאַטן, העלפן זיך איינער דעם צווייטן.

איינמאָל אין 2 וואָכן האָב איך אים צוגעגרייט אַזאַ אָוונט־ברויט און יעדע וואָך אים באַזאָרגט מיט א פּעקל מאַכאָרקע. זענען מיר ביידע געווען צופרידן פון אַזאַ צושטאַנד, ביז א געוויסן טאָג, ווען איך האָב באַקומען נאָס האָלץ איינצוהייצן דעם אויוון אויף אָנצוצינדן דאָס פייער, האָב איך זיך באַנוצט מיטן בענזין פון שווייס־אַפּאַראַט און דער אויפגעבושעוועטער פלאַם האָט מיר אָפּגעברענט דאָס פּנים. איך בין געלעגן אין שפּיטאָל 4 וואָכן אָוזו געמיינט, אַז נאָכן ארויסגיין פון

דאָרט, וועל איך מער נישט זיין באשעפטיקט ביים בוכהאלטער. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז די מורא איז געווען אומבאַרעכטיקט. איך בין נאָכן שפּיטאָל צוריק אָנגענומען געוואָרן אויף דער פריערדיקער ארבעט און דאָרט ממשיך געווען ביז הארבסט 1941, ווען מיר זענען באפרייט געוואָרן א דאנק דער א.ג. "שיקאָרסקי אמנעסטיע".

(דאָס קאפּיטל ריבּינסקער לאגער וויל איך פארענדיקן מיט דער געשיכטע פון פריער דערמאָנטן לאָדזשער ייד יאקובאָוויטש, א טאפּעצירער פון פאך, וואָס האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א שטילן, ווּילן ייד. אָבער נאָך דעם ווי ער איז באשטימט געוואָרן אלס בריגאדיר, האָט ער זיך אויפגעפירט ווי א סאדיסט און נישט איינמאָל אויך ביי מיר צוגענומען די פּייקע ברויט. ער האָט אויך געשאָלטן און געזידלט די לאגערניקעס. ווען מיר זענען באפרייט געוואָרן פון לאגער, האָב איך אים געטראָפן אין טאשקענט, די הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאן, אויפן וואָקזאל — א פארלייזיקטן און פארשמוציקטן, און דער עיקר — אַן אויסגעהונגערטן. איך האָב אים אריינגענומען צו א באקאנטן אין רעסטאָראן, געגעבן אָפּצועסן צו דער זעט און אים געזאָגט, אז מיט זיין צונעמען די פּייקע ברויט, האָט ער געקאָנט ביי מיר צונעמען דאָס לעבן... א צווייטע באגעגעניש מיט יאקובאָוויטשן האָב איך געהאט אין פראנקפורט, אין יאָר 1958. ער האָט זיך באוויזן אינעם יידישן קלוב אין שטאָט, מיט זיין ברודער, א געראטעוועטן פון לאָדזשער געטאָ. ער האָט געארבעט אויף א שיף, פארקויפט וואָדקא און איינגעקויפט אָנטועכץ. איך האָב ביי אים געקויפט עטלעכע פלעשער וואָדקא, באצאָלט דאָפּלט ווי ער האָט פארלאנגט און דערנאָך אים דערמאָנט זיין אויפירונג אין לאגער...).

## ד

נאָך דער באפרייאונג פון לאגער, בין איך אוועק קיין בוכארא, אוזבעקיסטאן, ווי א סך פון די פּוילישע יידן, וואָס האָבן גענאָסן פון דער שיקאָרסקי־אמנעסטיע. שוין אין בוכארא האָט זיך אָנגעהויבן די רעגיסטראציע אין דער פּוילישער ארמיי, בראש מיטן גענעראל אנדערס. נאָר די באציאונג צו די יידן מצד די פּאָלאקן איז געווען באגלייט מיט אנטיסעמיטישע רייד און מעשים. בין איך פון דאָרט אוועק קיין סאמארקאנד און דערנאָך קיין טאשקענט, ווו כ'בין געבליבן במשך א האלב יאָר צייט, ביז מערץ 1942. מ'האָט געלעבט פון האנדל. נאָר אין יענער צייט איז ארויס א פארבאָט פאר פרעמדע צו וווינען אין דער הויפּטשטאָט. האָט מען זיך ווידער געלאָזט אין וועג אריין. דאָסמאָל — קיין דזשאמבול, אין קאזאכסטאן, ווייל איך האָב געהערט, אז דאָרט געפינען זיך א סך פּוילישע יידן. איך האָב געהאט ביי זיך א ביסל געלט, נאָר געמוזט דאָס ארומבינדן ארום די פיס, ווייל די גניבות אויף די באנען און אויף די וואָקזאלן זענען געווען א טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. איך האָב זיך אריינבאקומען אין דער באן, הגם כ'האָב נישט געהאט דעם אָבליגאטאָרישן "פּראָפּוסק", א פּאפּיר־שיין, וועלכער דערלויבט צו פאָרן אין א באשטימט אָרט. די רייזע האָט געדויערט א גאנצן מעת־לעת, ביז כ'בין אָנגעקומען קיין דזשאמבול.

אוין וואָקזאל האָב איך געטראָפן דעם לובלינער ייד שלמה ברענמאן, אַן איידעם פון קלמן וואלאך. איך האָב אים געפרעגט, אפשר ווייסט ער וועגן לובלינער אין דער שטאָט. זיין ענטפער איז געווען:

— ביי מיר אין שטוב וווינען א 7־8 לובלינער יידן, זיי אלע שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע. אויך איר קענט צו זיי צושטיין. אויב ס'וועט אייך ניט געפעלן, קענט איר מאָרגן זוכן אַן אנדערע אכסניה...

אויף אזא איינלאדונג האָב איך זיך נישט געריכט. ס'איז פאר מיר געווען ווי א נס. איך האָב דאָרט געטראָפן מיינע לאנדסלייט: משה וואגנער ז"ל (מיין שפּעטערדיקער שוואָגער), יוסף שענקמאן (היינט אין פתח־תקוה), די ברידער שלמה און ראובן פון שעראָצע 7, שלמה בראנד (היינט אין בת־ים) און נאָך א 2־3 יידן, וועמענס נעמען איך געדענק נישט. מיר האָבן גאנץ שנעל זיך איינגעלעבט, ס'איז דאָך געווען א היימישע חברה. די הייזקע איז געווען צונויפגעשטעלט פון ליים און פערד־אָפּפאל, ביי א רעגן זענען געפאלן שטיקער פון די ווענט. די פּאָדלאָגע — פון ליים. קיין בעטגעוואנט איז נישט געווען, איז מען געשלאָפן אין אָנטועכץ. נאָר דער בעל־בית מיט זיין פרוי און קינד זענען געשלאָפן אויף הילצערנע ברעטער, זיי האָבן געהאט אייגן בעטגעוואנט. מיין אלטער מאנטל, נאָך פון דער היים, האָט מיר געדינט ווי א ליילעך און א קאָלדרע (מיט דער צווייטער העלפט האָט מען זיך צוגעדעקט). 2 מאָל אין וואָך איז מען געגאנגען אין באָד און דעזינפעקציע.

אין דער פרי איז יעדער איינער אוועק צו זיין באשעפטיקונג — ארבעטן אָדער האנדלען. אין די אָוונטן האָבן אין איין צימער זיך אויסגעזעצט ביים טיש א 8 מענטשן, געטרונקען טיי, געשפּילט א דאָמינאָ, געזונגען לידער פון דער אלטער היים און געלעבט מיט דער האָפענונג, אז די מלחמה וועט בקרוב זיך ענדיקן. אזוי האָבן מיר דאָרט געלעבט עטלעכע וואָכן.

א געוויסן טאָג האָט שלמה ברענמאן געטראָפן אויפן וואָקזאל צוויי מיידלעך, מיט וועלכע ער און זיין פרוי זענען געווען פארשיקט אויף סיביר, נאָר נאָך דער אמנעסטיע האָט מען זיך פארלוירן. דאָס זענען געווען די צוויי שוועסטערן לאהלע און לובא האָרן, פון שטעטל שעלישטש, א 40 קילאָמעטער פון לובלין. זיי האָבן געהאט בדעה צו פאָרן קיין פרונזע, די הויפּטשטאָט פון קירגיזיע, ווייל דאָרט האָט זיך באדארפט געפינען זייער משפחה נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — אָבער קיינעמען נישט געטראָפן. זענען זיי אריינגעפאָרן קיין דזשאמבול און דאָרט געוווינט צוזאמען מיט דער מאמען און צוויי ברידער יאנקל און משהלע, ביי א רוסיש פּאָרפאָלק, קולאקן, וועלכע מ'האָט פארשיקט אהין אין די דרייסיקער יאָרן.

איך און משה וואגנער זענען געוואָרן אָפטע געסט ביי דער משפחה האָרן. מיט דער צייט האָט וואגנער זיך פארליבט אין דער ייִנגער שוועסטער, לאהלע, און איך האָב אָנגעהויבן ראָמאנסירן מיט דער עלטערער שוועסטער — ליבאלע. א געוויסן טאָג האָט די פרוי שיינדל, לובאס מאמע, מיך גענומען אויספרעגן מיין אָפּשטאם און יחוס. איך האָב איר געענטפערט אויף אלע פראגן און דערנאָך זי געפרעגט: "און ווער זייט איר?" האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיר זענען ווייטע קרובים, ווייל אויך מיין זיידע האָט געשטאמט פון נאלעשניק.

אין דער אנוועזנהייט פון משה פלוק פון כעלעם, "ווי אַן עדות", האָט די מאמע פון לובאן מיך אוועקגערופן אין א זייט און גענומען ריידן "קלאָרע דיבורים":

— יונגערמאן, מיט מיינע קינדער שלעפּט מען זיך נישט ארום. אָדער דו ווילסט חתונה האָבן, אָדער גיי זיך געזונטערהייט...

מיין ענטפער איז געווען: — זאָל זיין מזל טוב! — און מיר האָבן באשטימט א זמן חתונה אויף נאָך פסח...

(המשך קומט)

**אַז איר שיקט אונדז צו אַן אַרבעט צו פאַרעפנטלעכן אין "קול לובלין" – באַמיט זיך צו שרייבן דייטלעך, אויף איין זייט פון פאַפּיר, און דער עיקר: צווישן איין שורה און דער צווייטער, זאָל זיין וואָס מערער פריי אָרט, שיטער און "לופטיק".**

# ווי אזוי איך בין געוואָרן א לובלינער...

## חיים קליגער

### א

איך בין געבוירן אין דעם פּאָוויאַט־שטעטל וולאָדאַווע, לובלינער וואָיעוווּדסטווע, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט שטעטלעך און דערפער. פון דעם ישוב האָבן זיך געצויגן שאָסייען און באַן־ליניעס אויף מזרח — קיין בריסק, און אויף מערב — קיין כעלם.

אין יאָר 1939 האָבן די דייטשן אָקופּירט פּוילן און אויך וולאָדאַווע איז ארונטערגעפאלן דער ברוטאלער, היטלעריסטישער הערשאפט, וואָס האָט באַוויזן גרויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג צו אנטלויפן אויף יענער זייט פונעם טייך בוג און זיך איינאָרדענען צייטווייליק. א טייל פון די פליטים איז אויך געלאָפן קיין בריסק, ביאַליסטאָק, קאָברין און קאָוועל. דאָ האָב איך מיט א גרופּע חברים באַשלאָסן צו זיין וואָס ווייטער פון די דייטשישע רוצחים און מיר מאָבילעזירן זיך אין טיף רוסלאנד. זייענדיק נאָענט פון בוג, האָבן מיר באַוויזן מיטצונעמען פון וולאָדאַווע וואָס מערער באַגאַזש און די סאָוויעטן האָבן אונדז געגעבן א באַזונדערן וואַגאָן, אין וועלכן מיר זענען אָנגעקומען אינעם ווייסרוסישן שטעטל קאָמאַרין. אָבער לאַנג זענען מיר דאָרט נישט געווען און מ׳איז אוועק אויף אוקראַינע, אין דער שטאָט טשערניגאָוו. דאָ האָב איך באַגעגנט א טייערן ייד (איך דערמאָן זיך נישט זיין נאָמען), דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער באַנק און דעפּוטאַט אין אָרטיקן סאָוויעט, וואָס האָט מיר געהאָלפן זיך איינאָרדענען אין א פאַבריק.

אין יוני 1941, נאָכן היטלעריסטישן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, האָט מען ווידער געמוזט לויפן. אָט געפין איך זיך אויף א שיף, וועלכע פירט אונדז אויף דער וואָלגאַ. נאָר קיין שום פּאָרט־שטאָט וויל אונדז נישט אויפנעמען. מיט אמאָל באַווייזט זיך א רוס, וואָס ווערבירט אויף ארבעט אין וואַלד. ביי אים האָבן זיך שנעל פאַרשריבן א 75 מענטשן, ווען ס׳איז נמאס געוואָרן דאָס וואַנדערן אויפן טייך, אָז א ציל, בפרט, אז דער ווערבירער האָט צוגעזאָגט א דאַך איבערן קאָפּ, ברויט, ארבעט און — א באָד, וווּ מ׳וועט קאָנען אָפּוואַשן די פאַרלייזיקטע קערפּערס און קעפּ.

### ב

אין אויגוסט 1944 ווערן אלע 75 וואַלד־ארבעטער מאָביליזירט אין דער פּוילישער ארמיי. ווען ס׳איז פאָרגעקומען די מאָביליזאַציע אין גענעראַל אנדערס ארמיי, האָט מען אונדז נישט געוואָלט צונעמען, צוליב דעם יידישן אָפּשטאַם. זענען מיר געווען צופרידן, וואָס איצט ווערט געגעבן די מעגלעכקייט צו קעמפן אויף די פראָנטן קעגן דער נאַצישער בעסטיע. דער זאַמלפּונקט איז געווען באַשטימט אין זשיטאָמיר, אָבער דאָרט האָט מען געמאָלדן, אז דער שטאַב פון דער ניי־געשאַפענער פּוילישער ארמיי געפינט זיך אין כעלם, פּוילן. אָנקומענדיק אין דער שטאָט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז דער שטאַב וועט דאָרט סטאַציאָנירן נאָך 48 שעה, דעריבער באַשליס איך און מיין חבר לייב גרינשפּאַן ז״ל, אז מ׳דאַרף אויסנוצן דעם לעצטן שאַנס און אריינפאָרן קיין וולאָדאַווע, דעם געבוירן־שטעטל פון מיינע חלומות, אפשר איז ווער ניצול געוואָרן פון דער משפּחה. פאַרטאָג, נאָכן איבערנעכטיקן אונטערן פרייען הימל, אין סקווער אויף דער לובעלסקאַ גאַס, לאָזט מען זיך צופוס אויפן שאָסיי כעלם־וולאָדאַווע. נאָכן אָפּגיין א 10 קילאָמעטער, פאָרט אָן א מיליטערישער אויטאָ און א בחור מיט א ביקס אויפן אַקסל און א פּויליש היטל („מאַטשעיוווקע״) אויפן קאָפּ שרייט צו מיר:

— חיים, חיים, דערקענסט מיך נישט? איך בין שלמה דאָקטער...

אזוי האָט מען גערופן אין וולאָדאַווע דעם חסידישן יונגערמאַן, וואָס איז אין די מלחמה־יאָרן געוואָרן א העלדישער פּאַרטיזאַנער, מיט נאָך איניקע יונגעלייט פון שטעטל. זענען מיר שוין צוזאַמען אריינגעפאָרן קיין וולאָדאַווע. די יידישע גאַסן — צעשטערט, פאַרברענט. פון דער משפּחה איז קיינער נישט געבליבן. אלע זענען אומגעקומען אין סאָביבור, 5 קילאָמעטער ווייט פון וולאָדאַווע. דער קאָמענדאַנט פון דער שטאָטישער מיליץ, איז דער פּאַרטיזאַנער משה קנאָפּמאַכער ז״ל, וואָס פירט מיך אוועק צום סאָוויעטישן מיליטערישן קאָמענדאַנט. יענער זידלט מיך אויס, הלמאי איך האָב פאַרלוירן מיין מיליטערישע איינהייט און גיט מיר א פּאַפּירל צו פאָרן קיין לובלין.

דאָ זאָגט מען אונדז, אז אונדזער אָפּטיילונג געפינט זיך אין לובאַרטאָוו. צופוס לאָזן מיר זיך אין דעם ווייטן וועג. מ׳קומט אָן אין שטעטל שפּעט ביינאַכט. ביים טויער פון די קאָשאַרן שטייט א יידישער זעלנער און מיר ווילן זיך דערוויסן ביים אים, ווו זענען אהינגעקומען די 75 מאָביליזירטע יידן פון ראַטן־פאַרבאַנד אין דער פּוילישער ארמיי, דאָרט געפינט זיך אויך מיין שוואָגער — און מיר ווילן זיין מיט זיי צוזאַמען. איך דערצייל אים אויך, אז מיין ברודער האָט געדינט אין דער רויטער ארמיי, ער האָט געקעמפט אויפן פראָנט, פאַרלוירן א פוס און איצט ליגט ער אין א שפּיטאָל אין סיביר. דער זעלנער ביים טויער דערקלערט אונדז, אז די 75 זענען נאָך נישט אויפן פראָנט, זיי מאַכן איצט אדורך די נייטיקע מיליטערישע איבונגען אויף א פעלד, נישט ווייט פון דאַנען. ער שיקט אונדז אויף דער ריבנע גאַס, דאָרט געפינט זיך דער יידישער קאָמיטעט. „דאָרט וועט איר אפשר אויסגעפינען עטלעכע אדרעסן און דערנאָך זוכן די מיליטערישע איינהייט.״ מיט די לעצטע כוחות שלעפּן מיר זיך צוריק קיין לובלין פון לעווערטאָוו. מען קומט צו אויף ריבנע 8 — ס׳איז פאַרמאַכט. אויף דער נאָענטסטער גאַס, קראָקעווער פּאָרשטאַט, טרעפן מיר 2 מענטשן, אזוי פאַרמאַטערט ווי מיר. זיי דערהערן אז מיר ריידן יידיש, דערפרייט מען זיך און זיי לייגן פאָר נישט צו זאָרגן, ווייל ס׳איז יאָ דאָ ווו איבערצונעכטיקן — אין פּרץ־הויז אויף טשוואַרטעק.

מיר זענען שוין דאָרט געבליבן איבער נאַכט, אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, נעבן דער טיר... די ענגשאַפט אין דעם הויז איז אומגעהויער גרויס. אויך די היגיענישע באַדינגונגען זענען שווערע. און דאָס ערגסטע — די לייז לאָזן נישט שלאָפן.

### ג

צומאָרגנס גייען מיר אין קאָמיטעט אויף ריבנע 8 און טרעפן פונקט אָן אויף א גרויסער אסיפה. דער זאַל איז געפּאַקט מיט מיליטער־לייט, ניצול געוואָרענע קאַצעטלערס, רעפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד, יידן וואָס האָבן איבערגעלעבט אויף דער אַרישער זייט. אויף דער טריבונע טרעטן ארויס: אהרונסון פון לובלין, דער פּאַרטיזאַנער, פּאָלקאָווניק באָלעק, דער נאָר וואָס באַפרייטער פון מיידאַנעק קאָמוניסט מאַרעק ביטער. דער לעצטער רעדנער איז דער ייד וואָס האָט

# מײַן הײמשטאָט לובלין

## מ. טרײַסטמאַן / מעלבורן

ווען איך קער זיך אום, אין מײַנע זכרונות, צו מײַן הײמשטאָט לובלין, שוועבן פֿאַרבײַ מײַנע אויגן די אָרנטלעכע, פּשוטע טיפֿן פֿון די אײַנגעבוירענע ייִדישע טרעגערס, מיט די שטריק אַרומגעבונדן זײערע לענדן – די מעל־טרעגערס, וואָס פֿלעגן טראָגן אויף זײערע פּלײצעס אַ קילאָ מעל צו די קלײנע ייִדישע בעקערײען, וואָס האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דער סחורה, זײ זאָלן קאָנען אָנהויבן באַקן די ברויט און זעמל...

און אָט שטײען פֿאַר מײַנע אויגן די אָרעמע ייִדישע קינדערלעך, טײל פֿון זײ יתומים, אײַנגעוויקלט אין שווערע מעל־זעק, וואָס האָבן אויף דער בריק פֿאַרקויפֿט די הײסע, רעטשענע בובליקעס מיט פּוטער, די אָקאָרשט פֿון אויוון אַרויסגענומענע בײגל און דעם באַרימטן לובלינער ברויט...

ווי קאָן מען פֿאַרגעסן די שײנע געשטאַלטן פֿון אונדזערע מאַמעס, די שוועסטער, וואָס האָבן שבת נאָכן דאַווענען אָפּגענומען די טשאָלנטער פֿון די בעקערס און פֿאַרשמעקט די גאַסן... דערבײַ האָט מען אויך נישט פֿאַרגעסן די אָרעמעלײַט און זײ צוגעטראָגן טשאָלנט צום פּת־לאורחים, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף שעראַקאַ גאַס 24. אַ צוויי הײַזער ווײַטער, איז געווען דעם אַלטן רבינס בית־המדרש, ווו מען האָט געדאַוונט און געלערנט אָן איבעררײַס, פֿון 5 פֿאַרטאָג ביז 12 בײַנאַכט.

און ווען מיר דערמאָנען זיך די ריזן־געשטאַלטן פֿון די רעליגיעזע, ציוניסטישע און אַרבעטער־פֿירער, איז עס שווער צו באַגרײַפֿן, אַז דאָס אַלץ איז פֿאַרטיליקט געוואָרן.

ווו זענען אַהינגעקומען די צאָלרײַכע אָרגאַניזאַציעס פֿון רעכט ביז לינק, וואָס האָבן געקעמפֿט פֿאַר זײערע אידעאַלן! ווער געדענקט נישט אונדזער "לובלינער טאָגבלאַט", מיט איר רעדאַקטאָר יענקעלע ניסנבוים און זײַן ווײַב בעלאַ שאַפּיראָ אַלס לאַווניק אין מאַגיסטראַט!

עס נעמט מיך אַרום אַ טיפֿער ווײטיק, אַז איך דערמאָן זיך אין דעם אַלעמען, וואָס איז אין אַזאַ קורצער צײַט אָפּגעמעקט געוואָרן אַזאַ רומפֿולע פֿאַרגאַנגענהײט פֿון ייִדישן לובלין – פֿאַרשוווּנדן, נישט איבערלאָזנדיק אַפֿילו קײן זכר...

ווען מיר, די לעבן געבליבענע און פֿאַריתומטע לובלינער און אומגעגנט לאַנדסלײַט מערקן אָפּ דעם יערלעכן יזכור, זונטיק, דעם 6טן נאָוועמבער, 8 אָוונט אין חורבן־צענטער עלסטערנוויק אין מעלבורן – גיבן מיר אָפּ כּבֿוד די אומגעקומענע קדושים, אונדזערע ליבסטע און טײַערסטע.

**("אויסטראַלישע ייִדישע נײַעס", 4.11.88)**

---

אונדז נעכטן אַזוי שײן אַלץ אויפֿגעקלערט, דער סאָלדאַט פֿון דער פּױלישער אַרמײ, וואָס רופֿט די ייִדן צו נעמען די ביקס אין האַנט און שלאָגן די דײַטשן. זײַן רעדע לאָזט איבער אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויף אַלעמען.

אויף עק לובאַרטאָווסקע־קאָוואַלסקע שטעל איך דערנאָר אָפּ דעם ייִד און דערמאָן אים, אַז מיר האָבן נעכטן געשמועסט בײַם טויער פֿון דער מיליטערישער אָפּטײלונג. ער דערמאָנט זיך דאָס און שטעלט זיך פֿאָר, אַז ער איז דער מיליטערישער ראַבינער פֿון דער פּױלישער אַרמײ. ער לײגט אונדז פֿאָר אַראָפּצובריינגען פֿון רוסלאַנד די פֿרויען מיט די קינדער קײן פּױלן.

די לאַגע אין פּרץ־הויז ווערט אומדערטרעגלעך. די אײַנוווינער פֿון דעם הויז באַשליסן צו אָרגאַניזירן אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע פֿאַרן ייִדישן קאָמיטעט און פֿאָדערן אַ דעזינפֿעקציע, באָד און אײניקע אײַנריכטונגען. אויפֿן צווייטן טאָג, האָט מען אונדז טאַקע געשיקט אינעם באָד־אַנשטאַלט אויף זאַמויסקע גאַס, ווו מ'האָט אויך דעזינפֿעקציאָנירט אונדזערע בגדים.

אויף לובאַרטאָווסקע 19 האָט אַ פֿאָלקסדײַטש געהאַט אַ רעסטאָראַן, אויפֿן צווייטן שטאָק, אין אַ פּריוואַטער וווינונג. איך האָב וועגן דעם געמאָלדן אַ ייִדישן אָפֿיציר פֿון דער פּױלישער אַרמײ, וואָס האָט מיט כּוח געעפֿנט די דירה און דערמעגלעכט עטלעכע ייִדן זײ זאָלן זיך אַהין אַרײַנקלײַבן, וואָס איז פֿאַר זײ געווען אַ רעטונג, אַנטקעגן דער אומרײנקײט אין פּרץ־הויז.

אויף לובאַרטאָווסקע 22 האָט געוווינט אַ קריסטלעכע פֿרוי, מאַרישאַ. איך מיט נאָך דרײַ ייִדן זענען אַריבער וווינען אין דער דירה און געווען צופֿרידן, וואָס אויך מיר פֿאַרלאָזן דאָס פּרץ־הויז.

לובלין ווערט פֿול מיט ייִדן. מען קומט צוריק פֿון די לאַגערן, וועלדער און פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, פֿון דער פּױלישער און רוסישער אַרמײען. עס עפֿענען זיך אויף ייִדישע געשעפֿטן, רעסטאָראַנען, וואַרשטאַטן, אויך די פּאַרטײען באַנײען זײער טעטיקײט. איך זעלבסט מאַך ניט קײן שלעכטע געשעפֿטן. איך פֿיר אַ האַנדל מיט לאָדזש — און בין מערער אין לאָדזש, ווי אין לובלין. איך ברענג מאַנופֿאַקטור פֿון יענער גרויסער שטאָט.

ד

אין יאָר 1946, קומט מײַן פֿרוי צוריק פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד און ברענגט מיר די שענסטע מתּנה — אונדזער 4־יאָריקן זון (הײַנט אין ישׂראל, איז באַשעפֿטיקט בײַ אַ וויכטיקער אַרבעט). מיר גײען איבער וווינען אויף לובאַרטאָווסקע 21 און אונדזער דירה איז אָפֿן פֿאַר לאַנדסלײַט און געסט פֿון אויסלאַנד, ווי פֿאַר ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער, וואָס האָבן באַזוכט לובלין. איך ווער אַקטיוו אין ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין לובלין. אין יאָר 1954 ווער איך אויסגעווײלט אויפֿן אַמט פֿון סעקרעטאַר פֿון דער לובלינער אָפּטײלונג פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד.

די אַרבעט פֿונעם פֿאַרבאַנד איז געווען אַ פֿאַרצווײַגטע. לובלין האָט אין יענע יאָרן אויפֿגענומען די בינע־קינסטלער אידאַ קאַמינסקאַ, אַבֿרהם מאָרעווסקי, יעקבֿ ראָטבוים, די פּען־מענטשן סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי, קלמן סעגאַל, בערל מאַרק, הערש סמאָלאַר און אַנדערע.

אין יאָר 1957, האָבן טויזנטער זיך אומגעקערט פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. קײן לובלין קומען דעמאָלט 16 פֿאַמיליעס, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט באַזעצן אויף דער פּראָווינץ, הגם דאָרט זענען פֿאַר זײ געווען פֿאַרטיקע דירות, נאָר דווקא אין לובלין, ווײַל זײ האָבן געוואָלט זײַן אין אַ ייִדישער סבֿיבֿה. מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט אַ זײער געלונגענע קינדער־קאָלאָניע, און דאָס וויכטיקסטע — מ'האָט אויפֿגעשטעלט אַ בכּבֿודיקן דענקמאָל לזכר די אומגעקומענע ייִדן פֿון לובלין און אומגעגנט.

די 60־70 ייִדישע משפּחות האָבן אין יענער צײַט געפֿירט אַן אינטענסיוו, קולטור־געזעלשאַפֿטלעך לעבן מיטן גלויבן, אַז מען פֿאַרשעמט נישט דעם אַמאָליקן, פֿאַרמלחמהדיקן ייִדישן ישובֿ אין דער שטאָט און אַזוי וועט נאָך דויערן אַ סך אַ סך יאָרן. די דאָזיקע אילוזיע האָט זיך אויסגעלאָזט אין יאָר 1967, ווען די דערנידעריקטע און באַלײדיקטע טוערס האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן פּױלן.

# דאָס קול פון לובלין – צום 25סטן מאָל

**דוד שטאָקפיש**

צום איצטיקן, אינהאלטרייכן, 25סטן נומער פון אונדזער „לובלינער שטימע", בעט זיך ממש אָנצוהייבן דעם מאמר מיט א טראדיציאָנעל־יידישע באגריסונג „גוט יום־טוב, יידן פון לובלין". ווייל ארויסצוגעבן אזא זשורנאל במשך א פערטל יאָרהונדערט, אָן איבערייס, איז א שײַנע, בכבודיקע דערגרייכונג פון א פרעסע־אָרגאן, וועלכער האָט טריי און ערלעך אָפּגעשפּיגלט די פארגאנגענהייט און קעגנווארט פון דער היסטאָרישער יידן־שטאָט לובלין; איר טראגישן אומקום און באנייטן לעבן פון דער שארית הפליטה אין ישראל און אין די תפוצות. און ביי דער יומטובדיקער געלעגנהייט, וועט מען אויך בארירן א „וואָכעדיקן" ענין.

די בערך 1500 זייטן פון די ביז איצט דערשינענע 25 נומערן, דערמאָנען דאָס פאָלקס־ליד אין חנוכה „אָ, איר קליינע ליכטעלעך, איר דערציילט געשיכטעלעך, מעשהלעך אָן א צאָל". די שוין אָפּגעדרוקטע מאטעריאלן אין „קול לובלין" שטעלן צונויף אָן א שיעור מעשהלעך און געשיכטעס פון דער אלטער היים, באשריבן מיט א סך נאָסטאלגיע, בענקשאפט און סענטימענטן לגבי דעם אמאָליקן, שפּרודלדיקן, געזעלשאפטלעך־קולטורעלן און רעליגיעזן לעבן ביז דעם חורבן; די שוידערלעכע דערציילונגען פונעם היטלעריסטישן גהינום – אין לובלינער געטאָ, אין קרעמפּיצער וואלד, אין בעלזשעצער טויטן־לאגער, אין מיידאן טאטארסקי, אין מיידאנעק, פּאָניאטאָוו, טראווניק און אנדערע ערטער פון פּיין און אומקום; די שילדערונגען פונעם באנייטן לעבן פון אונדזערע בני־עיר אין דער יידישער מדינה און אין די תפוצות. מ'קאָן זאָגן מיט דער פולער באשיידנקייט, אז די 25 נומערן בילדן א מיניאטור־לעקסיקאָן פון געשיכטע, שטייגער, אויפקום און אומקום פון דער יידישער לובלין. זיי דערגאנצן אויך די צוויי יזכור־ביכער אין יידיש און אין עברית, וואָס זענען מיט צענדליקער יאָרן צוריק דערשינען אין פּאריז און ירושלים. אויב היסטאָריקער וועט זיך אמאָל פארגלוסטן צונויפצושטעלן א מאָנאָגראפיע (און ביאָגראפיע) פון דער יידישער לובלין, וועלן די 25 העפטלעך זיין א וואָגיקער ביישטייער.

מ'האָט מיך אמאָל געפרעגט: וואָס איז אזוינס „קול לובלין"? האָב איך האלב שפּאסיק, האלב ערנסט געענטפערט: א טעגלעכער זשורנאל, וואָס דערשיינט יעדן חודש, איינמאָל אין יאָר ... דער טייטש דערפון איז – נישט געווען כמעט דער טאָג, אז לובלינער יידן זאָלן נישט געווען עפּעס צושיקן פאר „זייער" צייטונג: זכרונות, א דאָקומענט, א בילד, א דערמאָנונג, אן אָנפראגע, א זוכן קרובים, אמאָל אויך – א ליד און אלץ וואָס ער האָט געהאלטן, אז ס'איז ראוי צום פארעפנטלעכן. ס'איז אָבער אויך ניט געווען דער חודש, אז מ'זאָל ניט האָבן אָנגעזאמלט א באדייטנדיקן, דרוקפעיקן מאטעריאל, וועלכער האָט פארזיכערט דאָס רעגולערע דערשיינען יעדעס יאָר, ערב דער אזכרה אין תל־אביב.

אונדזער אויסגאבע האָט באגלייט די בני־עיר אין זייערע ליידן און פריידן און פאר א סך פון די לאנדסלייט געווען דאָס איינציקע אָרט, ווו מ'האָט דערציילט וועגן משפחה־שמחהס און, להבדיל, וועגן פּטירות. כמעט אין יעדן נומער האָבן מיר מיט הנאה געלייענט די רובריק „נחת פון לובלינער", באגלייט מיט א „מזל־טוב" און באגריסונג פאר די, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערער ליטערארישע, געזעלשאפטלעכע און סאָציאלע אויפטוען. א סך אָרט האָט די צייטונג אָפּגעגעבן פאר די טעטיקייטן פון די לאנדסמאנשאפטן אויפן געביט פון פאראייביקונג, קעגנזייטיקע הילף און געזעלשאפטלעכע דערגרייכונגען. א דאנק די באריכטן, האָט די לובלינער משפחה אין דער וועלט זיך דערוווּסט וועגן לובלינער אקטיוויטעטן אין א ריי לענדער, מיט ישראל בראש.

אינטערעסאנט, אז פאר די 25 יאָר האָט אונדז קיינמאָל נישט אויסגעפעלט קיין מאטעריאל פאר דער אויסגאבע. לובלינער יידן האָבן געשריבן בשפע און 99% פונעם געשריבענעם איז געווען געווידמעט נאָר לובלינער ענינים. געשריבן האָט מען אין יידיש, זייער ווינציק – אין עברית, עפּעס וואָס אין פּויליש. אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר אָנגעהויבן פארעפנטלעכן ארטיקלען אויך אין ענגליש. אָבער דאָס איז ווייניק. מ'דארף אלץ טאָן, אז דער איצטיקער, ווי דער צווייטער און דריטער דור, זאָלן אויך וועלן אריינקוקן אין א „קול לובלין" און דאָרט געפינען לייען־שטאָף אין דער שפּראך, מיט וועלכער ער באנוצט זיך ביים לייענען א צייטונג און א בוך.

פון צייט צו צייט איז אויסגעבראָכן א שטילער ויכוח, צי דארף אונדזער אויסגאבע שרייבן נאָר וועגן לובלינער ענינים, אָדער אויך אָפּגעבן אָרט פאר ליטערארישע און פּובליציסטישע ארטיקלען, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו אונדזער געבוירן־שטאָט. איך בין אלע יאָרן געווען ביי דער מיינונג – און האלט זי אונטער אויך איצט – אז „קול לובלין", ווי דער נאָמען זיינער, דארף באהאנדלען אויסשליסלעך פראגן, וועלכע זענען פארבונדן מיט די פּראָבלעמען פון דער געבוירן־שטאָט און פון די לובלינער קאָלעקטיוון און יחידים אין מדינת ישראל און אין דער דיאספּאָרא.

אין דעם גייסט איז טאקע צוגעגרייט געוואָרן דער איצטיקער יובל־נומער – א פארגרעסערטער, מיט א רייכן, פארשידנארטיקן מאטעריאל אין 3 שפּראכן, און דער עיקר – לובלינער טעמאטיק.

צום סוף – א וואָרט וועגן מאטעריעלן קיום פון דער אויסגאבע. ווי דערמאָנט, פעלט אונדז נישט אויס קיין מאטעריאל. אין שופלאָד איז שוין פארגרייט א ריי ארטיקלען פארן נומער 26. פון רעדאקציאָנעלן שטאנדפּונקט, זענען מיר פארזיכערט. דאקעגן די מאטעריעלע באזע איז נישט אזא זיכערע. ארויסגעבן אזא נומער ווי דער איצטיקער, האָט באטראָפן א 10 טויזנט שקל (5 טויזנט דאָלאר), ווייל די אויסגאבן פארן זאץ, דרוק, פּאפּיר, בילדער, רעדאקציע, קאָרעקטורן, איינבינד און פּאָסט, זענען שטארק פארטייערט געוואָרן. נאָר א באלדיקע, עפעקטיווע הילף מצד די לאנדסמאנשאפטן־אָרגאניזאציעס, ווי פון באזונדערע פּערזאָנען, וועט דערמעגלעכן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון „קול לובלין".

דאָך ווילט זיך פארענדיקן מיט אן אָפּטימיסטישן טאָן דעם מאמר לכבוד די 25 נומערן. קודם כל – א דאנק און ישר כוח די אלע, וואָס זענען געשטאנען ביים וויגעלע פון דער אויסגאבע, ווי די שפּעטערדיקע טרעגער פון דער דאָזיקער שווערער, פאראנטוואָרטלעכער משא. און אוודאי און אוודאי האָבן זיך פארדינט אנערקענונג די מיטארבעטער, לייענער און אונטערשטיצער פון זשורנאל.

מיר דארפן נאָר בעטן אויף געזונט און כוח, כדי ווייטער אָנצוהאלטן דעם פלאם פון דער יידישער לובלין, וועלכער הערט נישט אויף פלאטערן אין אונדזערע הערצער ווי א נר תמיד ...



teatrnn.pl

# מיינע ווונטשן צו די 25 נומערן "קול לובלין"

## גיטעלע שילדקרויט־עדעל/ פּאַריז

דער אירגון יוצאי לובלין אין ישראל האָט זוכה געווען במשך עטלעכע צוואַנציק יאָר ארויסצוגעבן א צייטשריפט, וואָס ווערט פונאנדערגעשיקט אין די ווייטסטע מקומות, ווו נאָר עס געפינען זיך אונדזערע בני־עיר, ווי אויך דאָרט, ווו ס'איז פאראן דער באגער צו באקומען דעם זשורנאַל. נאָר איך בין זיך מודה, אז א מאָדנע זינד־געפיל באהערשט מיך יעדעס מאָל, ווען די פּאָסט ברענגט מיר א היים די אויסגאבע.

דער גורל האָט געוואָלט, אז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה מיט אלע אירע וואָגלענישן, בין איך געבליבן שטעקן מיט מיין פאמיליע אין דער גרויסער שטאָט פּאריז, ווו מיין מאנס שוועסטער און איר מאן האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון די היטלעריסטישע לאפּעס און זיי האָבן פארלאנגט אז מיר זאָלן בלייבן מיט דער נאָענטסטער משפּחה. און אין דער הויפּט־שטאָט פון פראנקרייך, האָב איך און מיין מאן אויפגעשטעלט, מיט שווייסיקער ארבעט, א היים און פאמיליע.

ווער וואָלט זיך געקענט פאָרשטעלן, אז במשך די 40 יאָר, נאָך דעם ווי מיר זענען ארויס פון דער קריג פאריתומטע און צעבראָכענע, וועט מען זיך ווידער שטעלן אויף די פיס און שפאנען אנטקעגן דער צוקונפט, ווי אויך דערזען און דערהערן א לאנדסמאן, א משפּחה־גליד, א שכן, מיט וועלכן מ'האָט געוווינט אין זעלבן הויז. אָבער דאָס אלץ איז געשען, קודם כל, א דאנק אונדזער צייטשריפט "קול לובלין", וועלכע דערשיינט אין ישראל, ארויסגעגעבן דורך דער לובלינער לאנדסמאנשאפט און רעדאגירט, פאַכ־מעניש און ליטעראריש, פונעם רעדאקטאָר דוד שטאָקפיש.

און וואָס קאָן מען דאָרט געפונען אין יעדן נומער? מיר האָבן געהאט אן אלזייטיק, אינטערעסאנט און באלערנדיק בילד סיי פונעם פארשניטענעם יידישן לעבנס־שטייגער ביז צום חורבן, ווי איבערלעבונגען אין דער תקופה פון דער שואה און אקטועלע פאסירונגען ביי לובלינער אָרגאניזאציעס און יחידים אין מדינת ישראל, ווי אין דער דיאספּאָראַ; שמחות און נחת פון אונדזערע לאנדסלייט, ווי טרויער און באדויער נאָך יעדער פארצייכענונג מיטן בילד פון א בן־עיר, וועס איז אוועק אויפן עולם האמת. ווער שמועסט נאָך, אז ווען אונדזערע שטעטישע יידן באשרייבן זייערע איבערלעבונגען אין די מלחמה־יאָרן, ביזן יאָר 1939 – איז דאָך אוודאי דאָ וואָס צו לייענען.

כמעט אין יעדן נומער בעט זיך ביי אונדז די רעדאקציע זיך ארויסצוזאָגן וועגן אינהאלט און פאָרם פון "קול לובלין". און דער עיקר – אליין זיך מיטבאטייליקן מיט זכרונות.

* * *

דארפן מיר זיין צופרידן, וואָס די שארית הפליטה פונעם לובלינער יידנטום פארמאָגט אן אייגענע טריבונע, ווו מ'קאָן זיך אדורכשרייבן און אדורכשמועסן, באקומען א לעבעדיקן גרוס איינער פון אנדערן, אפילו פון אזא ווייטן מהלך, הגם א זשורנאַל, וואָס דערשיינט בלויז איין מאָל אין יאָר, איז נישט מסוגל צו באפרידיקן אלע "לובלינער באדערפענישן". נאָר די שותפות צווישן אונדז, אלע לובלינער יידן, איז גרויס, פארפליכטנדיק און סאָלידאריש. דעריבער האָב איך מיט שטוינונג געלייענט די טענה פון אונדזערס א בן־עיר אין פאָריקן נומער "קול לובלין", פאר וואָס מ'איז מהנה א לאנדסמאן פון די תפוצות, א טוריסט, מיטן אָנצינדן א ליכט אויף א יזכור־אקט צום אָנדענק פון אונדזערע קדושים, אָדער מ'גיט זיי א וואָרט ארויסצוטרעטן אויף דער אזכרה אין טאָג פון אומקום און גבורה. עלי וויזעל, נאָבעל־פּרייז טרעגער פאר שלום, האָט ארויסגעברענגט אין זיין נייעם בוך דעם מעכטיקן ווײ־געשריי קעגן די דערשיינונגען פון פארגעסן. אונדזער דור, וועלכער הייבט אָן צאנקען, דארף נאָך באוויזן צו שרייבן און דערציילן אונדזערע איבערלעבונגען, אונדזער מארטיראָלאָגיע. די דאָזיקע הייליקע שליחות פאר די צוקונפטיקע דורות, מוזן מיר אויספירן. וועגן אָט די פּראָבלעמען, האָב איך געווידמעט א גרעסערע ארבעט אין דער פאריזער טאָג־צייטונג "אונדזער וואָרט", כדי צו געפינען א בריק און דערוועקן אינטערעס ביים דור־המשך, אפילו אויפנעמען אויף קאסעטן דאָס דערציילטע און לעבן מיט דער האָפענונג, אז אין דער צוקונפט וועט ביי אונדזערע קינדער און אייניקלעך זיך דערוועקן א געוויסע נאָסטאלגיע צו זייערע עלטערן און זיידעס.

* * *

ס'איז פאר מיר געווען רירנד צו לייענען די איבערלעבונגען פון אונדזער בן־עיר משה קאָרן אין די יאָרן פון דער גרויזאמער וועלט־קריג, זייט ער האָט פארלאָזט זיין לובלינער היים. אין די זכרונות "פון לובלין ביז טשערקיזאוואַ", דערציילט ער מיט פיל פּיעטעט וועגן זיינע טאטע־מאמע און נאָענטע. דערביי דערמאָנט זיך מיר אן עפּיזאָד פון אונדזערס א געשפרעך אין תל־אביב, מיט עטלעכע יאָר צוריק.

ווי באוווסט, האָבן משה און לובא קאָרן, זייט דעם 25 סטן יום העצמאות, איינגעאָרדנט פייערלעכע אויפנאמעס אין "פלאזא"־האָטעל אין תל־אביב, פאר אונדזערע לובלינער אין ישראל און אין דער וועלט. עטלעכע הונדערט לובלינער משפּחות האָבן געהאט א מעגלעכקייט צו פארברענגען אין א יומטובדיקער און משפּחהדיקער אטמאָספער. ווען איך האָב אין מיין באגריסונג־וואָרט דערמאָנט דעם פאָטער פון משה קאָרן, בינעמל קאָצקער ע"ה, וואָס איז קיינמאָל נישט געגאנגען פרייטיק־צו־נאכטס א היים פון בית המדרש אָן אן אורח אויף שבת, און געפרוווט אדורכפירן א פאראַלעל צווישן לעבנס־ שטייגער פון טאטן און זון, האָט משה מיר דערנאָך געזאָגט אין א פּריוואטן געשפּרעך:

– מיין גאָטזעליקער פאָטער, ווען ער האָט זיך געטיילט מיטן ביסן, וואָס די מאמע האָט אים דערלאנגט, האָט אין יענער צייט טאקע זיך אליין ווי געטאָן. נאָר ווען איך פארבעט מיינע לובלינער יידן צו א יום־טוב אין ישראל – דארף מען זיך נישט ווי טאָן און מיר זענען גליקלעך, וואָס מ'איז זוכה נאָכצופאָלגן דעם טאטנס גאנג, מיט אונדזערע מעגלעכקייטן. ווייזט אויס, אז מיר זענען באהערשט פונעם דורותדיקן געפיל צום שטאַם, די

(סוף אויף ז' 35)

# וואָס שרייבט דער זשורנאַל "קול לובלין"

א.ק. / וואַרשע

א שיינע, דערהויבענע און הייליקע אויפגאַבע האָבן פאַר זיך געשטעלט די לאַנדסמאַנשאַפטן צו האַלטן דעם אָנדענק פון דער אַלטער היים, שטעלן דענקמעלער און מצבות נאָך די טראַגיש אומגעקומענע קהילות, פאָרן אויף קבר־אבות, אָרגאַניזירן יזכור־פייערונגען, אַרויסגעבן פנקסים, האַלב־יאָריקע און יאָריקע אויסגאַבעס, וואָס זענען די בעסטע דערמאָנונג און אָנדענקונג פון אַ שפּרודלדיק יידיש לעבן אויף דער פּוילישער ערד, וואָס איז אַזוי טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן בימי היטלער.

אָט ליגט אויף מיין שרייבטיש דער אַרויסגעגעבענער און תל־אביב זשורנאַל "קול לובלין — לובלינער שטימע" נ"ר 23, פון אַפּריל 1988 יאָר, געווידמעט דעם 45־סטן יאָרטאָג פון אומקום פון די יידן אין לובלין און אומגעגנט אין 40 יאָר ליום העצמאות, וואָס שוין די הילע־צייכענונג אַליין דערמאָנט די אַלטע היים, די הייזער און הייזקעס, שמאָלע געסלעך און איבער זיי — דער היסטאָרישער "זאַמעק"...

ווי תמיד, איז אויך היינטיקס מאָל דער "קול לובלין" פאַרזען מיט אַ רייכן און פאַרשידנאַרטיקן מאַטעריאַל, שיין אילוסטרירט. דער נומער עפנט זיך מיט אַן אַרטיקל פון ד"ר אלחנן הורוויץ געווידמעטביידע דאַטעס. דאַן קומען צוויי ריירנדיקע לידער "ליד מצבות לובלין" (אין עברית) פון צפורה דסקל־ווייסעלפיש און "צו אונדזער יום־טוב", פון 90־יאָריקן שרייבער־וועטעראַן יוסף פאַפּיערניקאָוו, ווי אויך זכרונות וועגן דעם אמאָליקן יידיש לעבן און טראַגישן אומקום פון די לובלינער יידן.

אין אַ קורצער פאַרצייכענונג, דערמאָנט סויקה בנק־ארליכמן די גרויסע שחיטה אין טאָג פון 3־טן נאָוועמבער 1943 יאָר, ווען די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אין מאַידאַנעק דערשאָסן העכער 18 טויזנט אומשולדיקע יידישע מענער, פרויען און קינדער.

ווייטער קומען אינטערעסאַנטע דערינערונגען פון אַמאָליקן יידישן לעבן, וועגן איבערלעבונגען אין די שווערע מלחמה־יאָרן פון לובלינער יידן אויף זייער וועג פון פיין און ליידן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע (פון משה קאָרן און נתנאל גרין). דער לעצטער שילדערט אויך זיין באַזוך אין באַפרייטן לובלין. צו די וויכטיקסטע פּאָזיציעס פונעם זשורנאַל דאַרף מען פאַררעכענען דעם רעפּאָרטאַזש פון דוד שטאָקפיש "אויף קבר אבות אין לובלין, נאָוועמבער 1987" און דעם באַריכט פון יהושע פיאַסעק (ספּעציעלער שליח פון דער "פאָלקס־שטימע") פון די טרויער־פייערונגען אין 45־סטן יאָרטאָג זינט דער פאַרטיליקונג פון די לובלינער יידן.

דוד שטאָקפיש איז אַ באַקאַנטער יידישער זשורנאַליסט מיט אַ גאָט־געמענטשטן טאַלאַנט, מיטגעאַרבעט מיט דער יידישער פּרעסע אין פּוילן און צווישן מלחמהדיקן פּעריאָד און גלייך נאָך דער באַפרייונג. היינט איז ער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע פון מפ"ם אין יידיש "ישראל שטימע", וואָס דערשיינט אין תל־אביב. אויף אַ ריירנדיקן אופן שילדערט ער זיין באַגעגעניש מיט דער אַלטער היים "הגם אַ חרובע, אָבער דאָך געווען אַ מאָל אַהיים". ער ברענגט אַרויס אויף אַ לעבעדיקן אופן דעם מלמד, ביי וועלכן ער האָט געלערנט אין חדר, די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, זייערע בני־בית, די באַשעפטיקונגען, פּראָבלעמען, רכילות, ראַנגלענישן. ער פילט זיך דערשלאָגן און דעפּרימירט, ווייל אים איז דאָך געווען נאָענט און באַקאַנט דאָס שפּרודלדיקע, יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פאַרמלחמהדיקן לובלין, מיט אירע פאַריינען, אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען, אינסטיטוציעס, געזעלשאַפטן, רעליגיעזע און וועלטלעכע — און דער עיקר "איצט זע איך (אויף דער באַגעגעניש אין לאָקאַל פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד) עפּעס מער ווי אַ מנין...".

דוד שטאָקפיש שטרייכט ריכטיק אונטער אין אָנהויב פון זיין שיינעם רעפּאָרטאַזש די וויכטיקע ראָל פון דעם אַלטן לובלינער תושב ד"ר שמחה בינעם ווייס ביים אָפּהיטן די רייכע, גייסטיקע און קולטור־ירושה פון די לובלינער יידן און פאַראייביקן דעם ליכטיקן אָנדענק פון דער שטאָט "וועלכע מען באַצייכנט ירושלים ד' פּוילן". טאַקע אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו און גרויסן אָנשטרענג, זענען אַ ריי געוו. יידישע אינסטיטוציעס פאַראייביקט געוואָרן מיט אַנטשפּרעכיקע אָנדענק־טאָוולען, ווי למשל די געביידעס פון ישיבת חכמי לובלין, פון געוו. יידישן שפּיטאָל, עס זענען רעסטאַווירט געוואָרן דער אַלטער און נייער בית־הקברות, דער בית־מדרש, און עס זענען אָרגאַניזירט און דורכגעפירט געוואָרן די ריירנדיקע 2־טאָגיקע פייערונגען, געווידמעט דעם 45־סטן יאָרטאָג זינט דער פאַרטיליקונג פון לובלינער ישוב.

אַ שטאַרקן און אומפאַרגעסלעכן איינדרוק מאַכט אויך דער אויספירלעכער באַריכט פון יהושע פיאַסעק וועגן דעם גרויסן אָנדענק־אַקט פאַר די טראַגיש־פאַרשניטענע. דאָס איז דער הייליקער חוב פון אונדז, די על־פי־נס לעבנגעבליבענע. אַזאַ שבועה האָבן מיר געגעבן גלייך נאָך דער באַפרייונג און מיר היטן געטריי אָפּ אומעטום, מיר גיבן אָפּ כבוד דעם ליכטיקן אָנדענק פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער און פון גאַנצן אויסגעהרגעטן פאָלק.

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען די מאַטעריאַלן וועגן דער טעטיקייט פון די לעבנגעבליבענע, ווי "ביי לובלינער יידן אין פּאַריז" (משה זאַלצמאַן) און "נחת פון לובלינער יידן" (דוד שטאָקפיש). דער זשורנאַל אַנטהאַלט אויך אַ היפּשע צאָל טרויער־נאָטיצן וועגן די, וואָס זענען אַוועק אין דער אייביקייט.

אין סך־הכל האָבן מיר פאַר זיך אַ ווירדיקן יזכור־נומער פון "קול לובלין — "לובלינער שטימע".

**"פאָלקס־שטימע", 21.10.88**



**א גרופּע חברטעס און חברים פון דער פּועלי־ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין פאַרמלחמהדיקן לובלין.**

# ידיעות און דאָקומענטן פון הייַנטיקן לובלין

## געזעלשאַפט אָפּצוהיטן יידישע אָנדענק־ערטער

געשפּרעך פון **וויאָלעטאַ קראַסנאָווסקאַ** מיט **אַנדזשעי פּשעמיסקי**, סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט אָפּצוהיטן די אָנדענק־ערטער פון דער יידישער קולטור אין לובלין. דערשינען אין דער חודש־שריפט „רעלאַציע", לובלין, יולי 1989.

**מאָטאָ: ער טוט דאָס, ווייל ער איז א ייד. איך טו דאָס, ווייל איך בין א פּאָלאַק.**

פראגע:

– דאָ נישט לאנג איז אנטשטאנען א געזעלשאַפט אָפּצוהיטן די אָנדענק־ערטער פון דער יידישער קולטור אין לובלין. ווי איז די געשיכטע פון דער געזעלשאַפט?

ענטפער: – אין יאָר 1987 איז אויסגעפאלן דער 45סטער יאָרטאָג פון אומברענגען דאָס געטאָ אין לובלין. פאר דעם צוועק, האָט א גרופּע מענטשן, דער עיקר אויף דער איניציאטיוו פון ד"ר שמחה ווייס, געוו. איינוווינער פון לובלין, וואָס איז אויך דער מחבר פונעם גלענצנדיקן פילם וועגן פארמלחמהדיקן לובלין – אויפגעשטעלט א קאָמיטעט אָפּצומערקן דעם 45סטן יאָרטאָג. אזא האלב פאָרמעלער קאָמיטעט, וואָס זיין איינציקער ציל איז געווען אדורכצופירן די באערונג פון דער יאָרצייט. דאָס האָט זיך אויך פארבונדן מיטן אָרגאניזירן דורכן אוניווערסיטעט א. נ. פון מאריא קירי־סקלאַדאָווסקאַ די וויסנשאַפטלעכע סעסיע אד"ט: „בעלזשעץ, סאָביבור, טרעבלינקא". אין נאָוועמבער 1987, האָבן מיר באוויזן צו עפענען דעם אָנדענק־צימער פון די לובלינער יידן, א מין מוזעום־זאל אויף לובארטאָווסקע 10. דאָרט זענען אויסגעשטעלט עקספּאָנאטן פון רעליגיעזן קולט, מנורות און לייכטערס, א געדעקטער יידישער טיש און אלץ אין וועלכן ס'האָט זיך גענייטיקט א פרומער ייד ער זאָל קאָנען פירן זיין אַרט לעבן. דאָס איז איין טייל פון דער אויסשטעלונג.

– די צווייטע טייל האָט פאָרגעשטעלט – און שטעלט פאָר (ווייל זי ווערט אלע מאָל געטוישט) – בילדער פון פארמלחמהדיקן לובלין און פון מענטשן, וואָס זענען געווען פארבונדן מיט דער שטאָט. פאראן אויך א סינאגאָגאַלער טייל, ספּעציעל צוגעפּאסט פאר דעם צוועק. אויב א רעליגיעזער ייד וועט דאָרט וועלן מתפלל זיין, וועט ער זיך קאָנען אָפּזונדערן פון דעם טייל אויסשטעלונג, הגם דאָס וועט נישט זיין קיין טיפּישע שיל, צי בית־המדרש. די אמאָליקע שיל אויף דעם אָרט האָט געטראָגן דעם נאָמען פון בית המדרש דחברת נושאים, די איינציקע וואָס האָט זיך געראטעוועט אין לובלין. די וואָס באזוכן דעם צימער צוליב רעליגיעזע מאָטיוון, זענען דער עיקר יידן פון ישראל. דאָס איז געווען א פּשרה פאר די, וואָס וואָלטן געוואָלט דעם אָנדענק־צימער באזוכן צוליב רעליגיעזע מאָטיוון. כדי צו דאווענען בציבור, דארף מען האָבן 10 יידן, אָבער אין לובלין זענען זיי נישט בנמצא. גענויער: אפשר זענען זיי פאראן, אָבער זיי באווייזן זיך נישט. יידן וואָס זענען געקומען פון אויסלאנד, האָבן זיך שטארק געוווּנדערט, אז דאָס האָבן קריסטן צוריק אויפגעעפנט די שיל, אין איר נייער פאָרם.

די פייערונגען האָבן זיך געענדיקט, אין פּרינציפּ האָט דער קאָמיטעט זיך באדארפט אויפלייזן, ס'האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז ס'איז נאָך דאָ א סך אויפצוטאָן, אז עס זענען נאָך פארבליבן א גאנצע ריי אָנדענקס נאָך דער העכער 40 טויזנט באפעלקערונג, וועלכע האָט פאר דער מלחמה געוווינט אין לובלין. האָבן מיר באשלאָסן, אויף וועלכן ס'איז אופן צו לעגאליזירן, אָדער סאנקציאָנירן די טעטיקייט פון די קאָמיטעט־מיטגלידער. צי דאָס איז געווען נייטיק? אין דער איצטיקער יורידישערווירקלעכקייט – יאָ. ס'האָט זיך געהאנדלט אין אויסמיידן פראגן פון די באאמטע, ווי אזעלכע: „מיינע הערן, ווער זייט איר, מיט וועלכע רעכט טוט איר דאָס"? איך קאָן זאָגן, אז איך בין פּשעמיסקי און דאָס איז ווייס. ער טוט דאָס, ווייל ער איז א ייד, איך טו דאָס, ווייל כ'בין א פּאָלאַק. די רעאליטעט איז אָבער אזא, אז געוויסע זאכן מוזן דערליידיקט ווערן אָפיציעל. אין שייכות דערמיט דארף מען עפּעס פאָרמאליזירן. בערך א האלב יאָר, האָבן מיר זיך „געדרייט" ארום דער אידעע: ווי אזוי מאכט מען דאָס? מיר האָבן געטראכט וועגן א געזעלשאַפט. צומערשט האָבן מיר

### באזוך פון רעליגיעס־מיניסטער זבולון האמער אין לובלין

**(לויט דער לובלינער טאָג־צייטונג "שטאנדאר לודו").**
**לובלין, 22סטער יולי 1989.**

זבולון האמער, דער רעליגיעס־מיניסטער פון ישראל, האָט בעת זיין באזוך אין פּוילן אויך וויזיטירט די זאמאָשטשער געגנט און די שטאָט לובלין, אין דער געזעלשאַפט פון הויפּט־רב אין פּוילן, פּנחס מנחם יאָסקאָוויטש און גענעראל־דירעקטאָר פונעם אמט פאר רעליגיעס, גזשעגאָזש רידלעווסקי. דער גאסט האָט אָנגעהויבן זיין באזוך אויפן שטח פון געוועזענעם טויטן־לאגער בעלזשעץ, נישט ווייט פון טאָמאַשוּוו־לובעלסקי, ווו עס שטייט א דענקמאָל לזכר די קרבנות פון די היטלעריסטישע פארברעכנס. צופוסנס פונעם דענקמאָל, האָט מיניסטער האמער אוועקגעלייגט בלומען. דערנאָך האָט דער מיניסטער באזוכט דאָס קליינע שטעטל טישאָווצע, ווו אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מען אין דאָרטיקן געטאָ צונויפגעזאמלט יידן פון די ארומיקע ישובים. מיט א צייט צוריק האָט מען דאָרט אויפגעשטעלט א דענקמאָל.

נאָכמיטאָג האָט דער ישראלדיקער מיניסטער באזוכט לובלין און זיך אָפּגעשטעלט אין געוועזענעם לאגער מיידאנעק, זיך פארהאלטן אין מוזעום און געלייגט א קראנץ אין פּאנטעאָן־מאזאָלעום. דערנאָך איז מיניסטער האמער געוואָרן אויפגענומען דורכן לובלינער שטאָט־פּרעזידענט עדווארד לענטשוק. בעתן צוזאמענטרעף אין דער שטאָט־פארוואלטונג, האָט זבולון האמער זיך באקאנט מיט דער געשיכטע פון די לובלינער יידן און צום סוף באזוכט דעם באנייטן בית הקברות, וועלכער איז רעסטאווירט געוואָרן א דאנק דעם פאָנד פון שרה און מאנפרעד פרענקעל.

געוואַרט א געוויסע צייט אויף א ניי געזעץ וועגן געזעלשאַפטן, נאָר געלאָזט צורו, ווייל מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אונדזער געזעלשאַפט קאָן ווערן רעגיסטרירט ביי אַלע באַדינגונגען. און פּאַקטיש, דעם 18טן יאַנואַר ה. י., זענען מיר א פאָרמעלע, רעגיסטרירטע געזעלשאַפט, פאַרשריבן אין וואָיעוואָדישן אַמט אין לובלין.

פראַגע: – אונטער וועלכן נאָמען?

ענטפער: – דער פולער נאָמען, אין איינקלאַנג מיטן סטאַטוט, איז פאָלגנדיקער: געזעלשאַפט אָפּצוהיטן די אָנדענקס פון דער יידישער קולטור אין לובלין. ס'איז אפשר א טעותדיקער נאָמען, ווייל אונדז גייט נישט בלויז אין לובלין: אַזעלכע אָנדענק־אָביעקטן פון דער יידישער קולטור, זענען נאָך דאָ געגנוג אין גאַנץ לובעלשטשיזנע. אָפיציעל, פונקציאָנירן מיר אויפן באָדן פון כעלעמער, זאַמאָשטשער, ביעלסק־פּאָדלאַשער און לובלינער געגנטן. מיר זענען א רעגיאָנעלע געזעלשאַפט.

פראַגע: – וועלכן פּראָגראַם האָט איר, וואָס האָט איר בדעה צו טאָן?

ענטפער: – מיר קאָנען ריידן וועגן קאָנצעפּציעס, וועגן דעם פון וועלכן מיר האָבן געטראַכט, ווען מ'האָט זיך גענומען צו שאַפן די געזעלשאַפט. וואָס קאָן דאָ זיין דאָס וויכטיקסטע? איין ריכטונג – פאַראייביקונג. די צווייטע ריכטונג – דאָקומענטאַציע און וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג. פאַראייביקונג האָט א שלעכטע טראַדיציע. אַז א פאָלאַק האָט נישט וואָס צו טאָן, שטעלט ער אויף א דענקמאָל. עס ווייזט זיך אָבער אויס, אַז ווען א ייד האָט נישט וואָסצו טאָן, שטעלט ער אויך אויף א דענקמאָל. דער קאָמיטעט האָט אַדורכגעפירט דאָס איינמויערן עטלעכע אָנדענק־טאָוולען אין לובלין. צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג, האָבן אייניקע פון זיי זיך אַרויסגעוויזן פאַר נוצלעך און נויטווענדיק. צום ביישפיל: צופוסנס פון „זאַמעק" איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אָנדענק־שטיין מיטן פּלאַן פון דעם געוועזענעם יידישן קוואַרטאַל. די וועגווייזערס וואָס האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, ריידן וועגן דעם קוואַרטאַל, בעת זיי פירן אַרום עקסקורסיעס. פון דער אַנדערער זייט, אויף דער אַלטע „טישאָנצלעטשאַ" איז פאַראַן אַן אָנדענק־טאָוול, וועלכער פאַראייביקט דאָס אָרט ווו ס'זענען געשטאַנען די שילן פון מהרש"ל און מהר"ל פון יאָר 1567 – די גרעסטע אין לובלין, ציאיינע פון די גרעסטע אין פּוילן (וועלכע האָט געקענט אַרייננעמען א 6 טויזנט גלויביקע). דערפון איז גאָרנישט געבליבן. פּראַקטיש גענומען, האָט זי פיל ווייניק דערגרייכט א העלפט פון דער איצטיקער טראַסע W-Z. איז נאָר געבליבן א טאָוול, וועלכער פאַראייביקט דעם פאַקט. א ווייטערדיקער טאָוול – אויפן שטאָטישן קולטור־הויז אויף דער גראָדזקע גאַס, פאַראייביקט די קרבנות פונעם געוועזענעם יתומים־הויז, וועמענס קינדער זענען בעת דער ליקווידאַציע געוואָרן אַרויסגעפירט און דערשאָסן. זיי זענען געווען איבער הונדערט.

– פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז לובלין געווען 39% יידיש. ס'האָבן זיך אָפּגעהיטן א סך פאָטאָגראַפיעס פון דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות. צוו. אנד. – די גאַנצע שוויענטאָדוסקע גאַס (היינט – האַנקאַ סאַוויצקאַ). באַקוקנדיק די דאָזיקע בילדער, קאָן מען טאַקע פעסטשטעלן, אַז דאָס איז געווען א יידישע שטאָט. א געוועלבל אויף א געוועלבל. די קראָקעווער פאָרשטאָט – דאָס זעלבע. אויף דער שוויענטאָדוסקע זענען נישט געווען די ערגסטע געשעפטן, שוין נישט ריידנדיק וועגן אַזעלכע ראַיאָנען, ווי פּאָדזאַמטשע. מאַטעריעלע אָנדענקס, ווי הייזער, שילן און געביידעס, איז נישט געבליבן אַזוי פיל. וואָס קומט אַרויס דערפון, אַז מיר קאָנען פאַרבייגיין, אָנווייזן מיטן פינגער אויף א פאַרבליבן געוועלב און זאָגן, אַז דאָ, צום ביישפיל, איז געווען דער גאָלדשמיד ראָזענבלאַט? מיר ווייסן, ווי אַזוי ער האָט געהייסן, מיר קענען דעם אויסזען פונעם געוועלב, געבליבן אָבער זענען נאָר די מויערן. אפשר איז דאָס נישט אַזוי וועזנטלעך. מער וועזנטלעך וואָלט געווען דאָס אויסזוכן געוויסע אָנדענק־אָביעקטן, וואָס זענען נענטער פאַרבונדן מיט קולטור. אָביעקטן, אויף וועלכע מיר קאָנען אָנווייזן מיטן פינגער און גלייך זאָגן, אַז דאָס האָט אויף וועלכן ס'איז אופן א שייכות מיט דער יידישער געזעלשאַפט אין לובלין. און אַזעלכע קעגנשטאַנדן זענען שוין פאַראַן גאָר ווייניק.

פראַגע: – צי טרייבט איר נישט איבער? אָט צום ביישפיל, האָט זיך אויפגעהיטן דער אָביעקט פון ישיבת חכמי לובלין אויף דער לובאַרטאָווסקע גאַס...

ענטפער: – די הויכע ראַבינער־שול, אָדער ישיבת חכמי לובלין, איז געגרינדעט געוואָרן דורכן הרב מאיר שאַפּיראָ פון פאָנדן פון אַמעריקאַנער יידן. זי איז געווען אָפּן 5 יאָר פאַר דער מלחמה און זי איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע צענטערס פון תלמודיסטישע לימודים אין דער וועלט. היינט געפינט זיך דאָרט די מעדיצינישע אַקאַדעמיע. דער בנין איז געבליבן – און פּראַקטיש – נישט מער. פון דער גאַנצער וועלט קומען דאָ אַהער יידן און באַערן מיט כבוד דאָס אָרט. ס'איז עפּעס אומוואַרשיינלעך, א וואָסער מאַגישער כוח שטעקט פאַר זיי אין דער דאָזיקער געביידע. כ'האָב אפילו געזען דאָרט יידן, וואָס האָבן געאַחלשט פון גערירטקייט. מענטשן קומען דאָ אַהער, איז דאָס פאַר זיי א וועזנטלעך אָרט. אויב זיי פילן אַזאַ באַדערפעניש, טאָרן מיר נישט דאָס גרינגשעצן. פאַראַן נאָך אַזעלכע ערטער. דער היינטיקער אינסטיטוט פאַר אַרבעט־מעדיצין און היגיענע פון דאָרף, איז פאַר דער מלחמה אויפגעשטעלט געוואָרן ווי דאָס פאָלקס־הויז א. נ. פון י. ל. פרץ.

פראַגע: – לאָמיר איצט א שמועס געבן, מיט וואָס וועט זיך פאַרנעמען די געזעלשאַפט אין דער נאָענטסטער צייט? צי האָט איר בדעה צו באַנייען די איבערבלייבענישן פון דער יידישער קולטור, פאַרנעמען זיך מיט דער רענאָוואַציע, אאַז"וו?

ענטפער: – פאַרזיכערן אַלאַ יידישע איבערבלייבענישן. די גאַנצע לובאַרטאָווסקע גאַס, די מערהייט פון דער אַלטשטאָט, וויעניאַווא, זענען ראַיאָנען פאַרבונדן מיט דער יידישער קולטור, און בכלל – מיט די לובלינער יידן. בעצם, וואָלט מען באַדאַרפט אַדורכפירן א פרוּוו פון קלאַסיפיצירן דאָס וואָס געהערט צו די איבערבלייבענישן פון דער יידישער קולטור און וואָס, צום ביישפיל, איז א הויז, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו א ייד. ס'האָבן זיך אָפּגעהיטן צוויי יידישע בתי־עלמינס אויף דער קאַלינאָווטשיזנע און אויף דער וואַלעטשניך־גאַס. דאָרט האָבן מיר געזען א פעלד עפּעס אויפצוטאָן. מ'דאַרף טאָן וואָס עס לאָזט זיך, כדי איינהאַלטן די מצבות אין א געהעריקן צושטאַנד. איך מיין, אַז אין דער ריכטונג איז געטאָן געוואָרן

# מײַנע װוּנטשן צו די 25 נומערן

(סוף פון ז' 31)

קינדער־יאָרן גייען אונדז נאָך אין לויט זייערע דערמאָנונגען, זעט זיך יעדער איינער פון אונדז, וואָס האָבן אדורכגעמאכט די שווערע טעג פון הונגער און פּיין. וויפל האָבן אין די סיבירער טייגעס אויסגעהויכט זייערע נשמות און ביי דער מערהייט איז פון זייערע משפחות אין פוילן נישט געבליבן קיין זכר...

משה קאָרן האָט נאָך דער מלחמה דערהאלטן זיין פאָלקס־נשמה און דעם נאַציאָנאלן גייסט פון אונדזערע אמאָליקע יידישע היימען. אין זיינע איבערלעבונגען אין יענע שווערע צייטן, פילט מען דעם הייליקן ציטער ביים דערמאָנען די עלטערן, שוועסטער, ברידער און קינדערלעך, וואָס האָבן געטיילט דעם טראגישן גורל פון די זעקס מיליאָן קדושים. איך האָב מיט פיל אינטערעס געלייענט זיינע זכרונות און אויך אין מיר האָבן זיך דערוועקט דערינערונגען פון יענע טעג, ווען מ'האָט פארלאָזט די היים נאָכן אויסברוך פון קריג און מיך פארוואָגלט אין דער ווייטער אזיע.

* * *

האָב איך א תפילה, און איך גלויב אז זי איז אויך די תפילה פון א סך א סך לובלינער יידן, אז מיר זאָלן נאָך לאנגע יאָרן מצליח זיין ארויסצוגעבן אונדזער צייטונג. נאָר מיר דארפן וויסן, אז ארויסגעבן אזא זשורנאל, געהערט נישט צו די לייכטע אויפגאבן. פאר דער צייט וואָס עס דערשיינט אונדזער "קול לובלין", האָבן א סך יידישע צייטונגען זיך פארמאכט. נאָר מיט אונדזער עקשנות, ערנסטע באציאונג און אחריות, וועלן מיר ווייטער זוכה זיין צו אן אייגענער אויסגאבע, ווי עס פּאַסט פאר אזא שטאָט ווי לובלין.

וויל איך הארציק באגריסן די אלע, וואָס טראָגן דעם עול פון ארויסגעבן דעם יערלעכן אָרגאַן פון דער לובלינער שארית הפליטה און איך ווינטש אונדז אלעמען צו טאָן אלץ וואָס נאָר מעגלעך, כדי צו זיכערן דעם ווייטערדיקן קיום פונעם זשורנאל.

**URZĄD WOJEWÓDZKI**
w Lublinie
**Wydział Społeczno - Administracyjny**
-3-

Lublin, 1989-01-18.

SA.III.6010/32/88

D E C Y Z J A

Na podstawie art. 21 rozporządzenia Prezydenta Rzeczypospolitej z dnia 27 października 1932 r. - prawo o stowarzyszeniach /Dz.U. Nr 94, poz. 808 z późn. zm./, po rozpatrzeniu wniosku o zarejestrowanie z dnia 28.XII.1988 r. z a t w i e r d z a m statut stowarzyszenia pn.: "Towarzystwo Opieki nad Pamiątkami Kultury Żydowskiej w Lublinie" i wpisuję do Stowarzyszenie do rejestru stowarzyszeń i związków Wydziału Społeczno-Administracyjnego Urzędu Wojewódzkiego w Lublinie pod poz. 392.

Równocześnie przypominam, że w myśl postanowień art. 23 ust.1 cyt. prawa o stowarzyszeniach Zarząd obowiązany jest w terminie dwutygodniowym od rozpoczęcia działalności stowarzyszenia podać do wiadomości władzy rejestracyjnej skład Zarządu, miejsce zamieszkania jego członków oraz adres lokalu stowarzyszenia. To samo dotyczy późniejszych zmian w składzie Zarządu i adresu stowarzyszenia. Niezależnie od powyższego, w myśl art. 34, obowiązkiem Zarządu jest niezwłoczne zgłaszanie tut. Wydziałowi o ograniczeniach pełnomocnictwa Zarządu, o rozwiązaniu się stowarzyszenia na mocy własnej uchwały lub skutkiem upływu terminu, na który zostało utworzone, albo skutkiem osiągnięcia celu stowarzyszenia.

Od decyzji niniejszej służy odwołanie do Ministra Spraw Wewnętrznych za moim pośrednictwem w terminie 14 dni od dnia doręczenia.

DYREKTOR WYDZIAŁU
mgr Stefan Najda
Z-ca Dyrektora

Zał. - statut

Otrzymują:
1. Towarzystwo Opieki
   nad Pamiątkami Kultury
   Żydowskiej w Lublinie
2. a/a

די לעגאַליזאַציע פונעם סטאַטוס פון דער "געזעלשאַפט אָפּצוהיטן די אָנדענק־ערטער פון דער יידישער קולטור אין לובלין". זע דעם אינטערוויו אויף ז' 33.

דאָס וואָס האָט זיך געלאָזט. די שטאָט האָט א סך געהאָלפן און פערזענלעך – דער שטאָט־פּרעזידענט עדוואַרד לענטשוק.

– די פאָנדן פון דער געזעלשאַפט וועלן געשאפן ווערן פון מיטגליד־אָפּצאָל, דאָטאַציעס, שפּענדונגען, ווי אויך פון אונטערנעמונגען און אייגענע אויסגאבן.

(איבערזעצט פון פויליש: א. לאַסקאָווסקי)

# צווײ אָנדענק־פֿײַערונגען אין לובלין

**יהושע פּיאַסעק**

## די עקזעקוציע דעם 3טן אָקטאָבער 1943

און איצט ווידער לובלין. ס'איז נישט קיין ווונדער: איז דאָך די לובלינער וואָיעוואָדשאַפֿט געווען אַ שטח, אויף וועלכן די נאַציִשע באַרבאַרן האָבן פֿאַרלייגט אַ נעץ פֿון פֿאַרניכטונג־לאַגערן, אין וועלכע עס זענען אויף אַן אומברחמנותדיקן אופֿן אומגעבראַכט געוואָרן הונדערטער טויזנטער ייִדן. מאַידאַנעק, סאָביבאָר, בעלזשעץ, פּאָניאַטאָוו, טראַווניק...

דעם 3־טן נאָוועמבער, אין 45־סטן יאָרטאָג פֿון דער עקזעקוציע פֿון איבער 18 טויזנט ייִדן אין מאַידאַנעק, איז אין לובלין פֿאָרגעקומען אַ גרויסע טרויער־פֿײַערונג.

די איניציאַטאָרן פֿון דער דאָזיקער אײַנדרוקספֿולער טרויער־צערעמאָניע זענען געווען: געזעלשאַפֿט פֿאַר אויפֿזיכט איבער מאַידאַנעק, הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדן אין פּוילן, הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די קעמפֿער פֿאַר פֿרײַהייט און דעמאָקראַטיע, ראַט פֿאַר אָפּהיטן דעם אָנדענק פֿון קאַמף און מאַרטיראָלאָגיע, הויפּט־קאָמיסיע פֿאַר פֿאָרשן די היטלעריסטישע פֿאַרברעכנס אין פּוילן – אינסטיטוט פֿון פֿאָלקס־אָנדענק, ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט, מלוכהשער מאַידאַנעק ־מוזיי, און דער אָפּטייל פֿאַר דער נײַסטער געשיכטע פֿונעם געשיכטע־אינסטיטוט בײַם אוניווערסיטעט א.נ. פֿון מאַריאַ קירי־סקלאָדאָווסקאַ אין לובלין.

געווען איז דאָס דעם 3־טן אָקטאָבער 1943. די דײַטשן האָבן דעם דאָזיקן טאָג ציניש אָנגערופֿן "ערנטעפֿעסטע" – יום־טובֿ פֿון שניט. אָבער לאָמיר געבן דאָס וואָרט אַ פּאָליאַק, געוו. אסיר פֿון מאַידאַנעק, לעבעדיקער עדות פֿון יענעם טראַגישן טאָג.

אָט וואָס עס דערציילט אַלעקסאַנדער זאַקאָשטשעלני:

– דער פֿרימאָרגן איז דעמאָלט געווען אַ זוניקער. צו דעם אַפּעל האָט מען אונדז אויפֿגעוועקט מיט אַ שעה פֿריער, 5 אַזייגער. מיר זענען געשטאַנען אויפֿן אַפּעל ווי שטענדיק, צו פֿינף אין אַ ריי. דעם נעבעכדיקן פֿרישטיק האָט מען אונדז דעם טאָג נישט געגעבן. דאָס האָט באַדײַט, אַז עס דאַרף אין אַ מינוט עפּעס געשען. מען האָט געזען מער עס־עס־פֿאָרמאַציעס און זשאַנדאַרמעריע, באַוואָפֿנטע מיט מאַשין־געווער. קיינער האָט שוין נישט געציילט דעם צאָל־צושטאַנד פֿון די אסירים. עס איז געפֿאַלן אַ באַפֿעל: די ייִדן בלײַבן אויפֿן פֿעלד. די איבעריקע פֿאַרלאָזן דאָס פֿינפֿטע פֿעלד. מיר האָבן זיך דערנערווירט. אַזוי זענען מיר געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אויפֿן פֿערטן פֿעלד. וווּ וועלן מיר גיין? אויף לינקס פֿון טויער אָדער רעכטס? אויף לינקס האָט באַדײַט טויט – אין דער ריכטונג פֿון דער קרעמאַטאָריע. אויף רעכטס באַדײַט – טראַנספּאָרט.

איך האָב געזען, ווי מען האָט געיאָגט די ייִדן אויפֿן פֿינפֿטן פֿעלד. די הינט האָבן פֿון זיי געריסן שטיקער לײַב, מען האָט זיי געשלאָגן מיט קאָלבעס. מען האָט דאָ אויך געבראַכט ייִדן פֿון לובלינער געטאָ. עס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן גריבער. די דײַטשן האָבן אונדז דערקלערט, אַז דאָס זענען שוץ־גרובנס. מען האָט אַרײַנגעשליידערט די ייִדן אין אַ בלאָק, נאָענט פֿון פֿינפֿטן פֿעלד. דאָרט האָבן זיי זיך געמוזט אויסטאָן נאַקעט. בײַ די גריבער האָט זיך אויסגעשטעלט אַ קאָרדאָן פֿון זשאַנדאַרמען און עס־עס־מענער, דורך וועלכע מען האָט געיאָגט די נאַקעטע ייִדן. אין גרוב האָבן די זשאַנדאַרמען באַפֿוילן אַרײַנגיין צו 10 ייִדן און געשיקט זיי צום סוף. דאָרטן האָבן זיי זיך געמוזט אַוועקלייגן און די שטייענדיקע אויפֿן ראַנד פֿון גרוב עס־עס – מענער פֿון דער זאָנדערקאָמאַנדאָ האָבן צו זיי געשאָסן. און ווײַטער – אַזוי כסדר צו צען, צו צען פּערזאָן, ביז שפּעט בײַנאַכט. אין דער גאַנצער צײַט פֿון דער שחיטה האָט געשפּילט פֿון די הילכערס מוזיק. אויף אַזאַ אופֿן איז אין פֿאַרלויף פֿון איין טאָג דערשאָסן געוואָרן איבער 18 טויזנט ייִדן.

איך הער זיך צו וואָס עס דערציילט דער עדות. ער גיט איבער איינצלהייטן, וועלכע אונדז איז שוין באַקאַנט, און וועלכע זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין איינע פֿון די לעצטע נומערן פֿון אונדזער צײַטונג.

## טרויער־צערעמאָניע אין־געוו. מאַידאַנעק־לאַגער

עס איז דער 3 נאָוועמבער 1988. מיר זענען אין געוו. אומקום לאַגער מאַידאַנעק. אַ קאַלטער האַרבסט טאָג. עס יאָגט אַ שטאַרקער ווינט. שטייען מיר אַ גרופּע ייִדן צווישן אַנדערע דעלעגאַציעס, בײַ די דאָזיקע גריבער אין וועלכע איבער אַכצן טויזנט נפֿשות פֿון אונדזער פֿאָלק האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות. די זעלבע גריבער. אַזוי האָבן זיי אויסגעזען מיט 45 יאָר צוריק. עס דוכט זיך, אַז מיר הערן זייער לעצטן גסיסה־געשריי: פֿאַרוואָס? פֿאַר וועלכע באַגאַנגענע זינד? מיר זעען די צעיושעטע עס־עס־מענער מיט דעם אויסגעשטעלטן מאַשין־געווער.

מיר לאָזן זיך אין די גריבער און לייגן בינטלעך בלומען.

עס נעמט אַ וואָרט ד"ר שמחה ווייס, וועלכער זאָגט:

יעדעס יאָר אין חודש נאָוועמבער טרעפֿן מיר זיך דאָ, מיר די לעבעדיקע, מיר צינדן אָן נר־תּמידס, אַן אָנדענק־סימבאָל פֿאַר די, וועלכע זענען אַוועק, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, אָבער אַזוי אונדז נאָענטע...

דאָס אָרט אויף וועלכע מיר שטייען איצט אין טרויער, זענען ערטער פֿון דעם שאַנד פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט. דאָס זענען ערטער פֿון בעסטיאַל דערמאָרדעטע בעת מאַסן־עקזעקוציעס אויף דער לובלינער ערד אין יאָר 1943.

טאַקע דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט די גרעסטע טראַגעדיע אין איר אויסקלאַנג, דער גורל פֿון טויזנטער אומשולדיקע אסירים, וועלכע זענען אומגעקומען אין די אויפֿגעבויטע אין יענער צײַט טויט־לאַגערן אין מאַידאַנעק, טראַווניק, סאָביבאָר, פּאָניאַטאָוו, וועלכע זענען געווען פֿיליעס פֿון לאַגער מאַידאַנעק.

אין די דאָזיקע לאַגערן זענען אַרײַנגעשליידערט געוואָרן ייִדן פֿון די ליקווידירטע געטאָס פֿון דער גענעראַל גובערניע און אויך ייִדן פֿון האָלאַנד און בעלגיע. אין אַפּריל און מאַי 1943 זענען אויך געבראַכט געוואָרן פֿיל טראַנספּאָרטן ייִדן, געכאַפּטע בעת דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די ענטגילטיקע ליקווידאַציע פון די יידישע אסירים אין די לאַגערן אויף דער לובלינער ערד איז פאָרגעקומען דעם 3־טן נאָוועמבער 1943.

עס זענען דאָ אָראָפּגעבראַכט געוואָרן פיל אָפּטיילן פון זשאַנדאַרמעריע און עס־עס פון דער גענעראַל־גובערניע, און אויך פּאָליציי־אָפּטיילן פון אָשוויענטשים. די ליקווידאַציע פון די לאַגערן אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען צו עטלעכע טויזנט אסירים האָט זיך אָנגעהויבן פון טראַוונִיק. אין פאַרלויף פון 9 שעה זענען דערשאָסן געוואָרן אין די פון פריער צוגעגרייטע גריבער ביי 10 טויזנט יידן.

דעם זעלבן טאָג, דעם 3־טן נאָוועמבער זענען דערשאָסן געוואָרן אין מאַיידאַנעק איבער 18 טויזנט יידן אין די דאָזיקע גריבער ביי וועלכע מיר שטייען איצט.

## וויסנשאַפטלעכע סעסיע

נאָכמיטאָג איז אין זאַל פון אוניווערסיטעט א.נ. פון מאַריאַ קירי־סקלאָדאָווסקאַ אין לובלין פאָרגעקומען אַ וויסנשאַפטלעכע סעסיע. מיט רעפעראַטן זענען אַרויסגעטראָטן: פּראָפ. ד״ר זיגמונט מאַנקאָווסקי: ״יידן אין דער פּאָליטיק פון דריטן רייך״; ד״ר יוזעף מאַרשאַלעק: ״די פאַרטיליקונג פון די יידן אויף דער לובלינער ערד״; מג״ר עדוואַרד דזשאַדאָש: ״מאַסן־עקזעקוציעס אויף דער לובלינער ערד דעם 3־טן נאָוועמבער 1943״; מג״ר פּאַוועל שאַפּיראָ: ״די יידן־אויסראָטונג אין דער אָפּשפּיגלונג פון דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע״.

פּראָפ. מאַנקאָווסקי גיט איבער די פּאַרזאַמלטע, אַז אויפן זאַל געפינט זיך דער לובלינער תושב ד״ר שמחה ווייס, וועלכער איז זייער אַקטיוו אין איבערגעבן די געשיכטע פון די יידן אין לובלין און ביים פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די דערמאָרדעטע לובלינער יידן.

נאָך דער סעסיע איז אויפגעטראָטן אַ בריגאַדע פון יידישן מלוכה־טעאַטער מיט אַ געהעריק צוגעפּאַסטן פּראָגראַם.

## לובלין, דעם 9־טן נאָוועמבער

אַן אַנדערן כאַראַקטער האָט געטראָגן די טרויער־צערעמאָניע אין לובלין דעם 9־טן נאָוועמבער.

אין דער איינלאַדונג צו דער דאָזיקער פייערונג זאָגט זיך:

״די פונדאַציע פון שרה און מאַנפרעד פרענקעל, מיט דעם זיצאָרט אין לובלין, האָבן דעם כבוד איינצולאַדן צו דער אָנדענק־פייערונג אין 46־סטן יאָרטאָג זינט דער ליקווידאַציע פון לובלינער געטאָ, וועלכע וועט פאָרקומען דעם 9־טן נאָוועמבער 1988 אין לובלין.

איך האָב זיך געטראָפן מיט דעם פאָרפאָלק פרענקעל פאַריקעס יאָר אין לובלין בעת דער טרויער – צערעמאָניע אין 45־סטן יאָרטאָג זינט דער פאַרטיליקונג פון די יידן אין לובלין און אומגעגנט.

מאַנפרעד פרענקעל שטאַמט פון דייטשלאַנד און וווינט איצט אין אַנטווערפּן (בעלגיע). ער איז טעטיק אין דער דימענטן־בראַנזשע. זיין פרוי שרה איז געבוירן געוואָרן אין לובלין. אַ געוויסע צייט איז זי געווען פאַרשפּאַרט אין מאַיידאַנעק. עס געלינגט איר פון דאָרט זיך אַרויסבאַקומען און באַהאַלט זיך צוזאַמען מיט איר שוועסטער אויפן לובלינער יידישן בית עלמין. אַן איידעלע פּוילישע פרוי באַהאַלט זיי אויס און אַרבעט פאַר זיי אויס פאַלשע דאָקומענטן, מיט וועלכע זיי פאַרשרייבן זיך אויף אַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער קיין דייטשלאַנד. אַזוי אַרום האָט שרה פרענקעל אויסגעמיטן אַ זיכערן טויט. מאַנפרעד פרענקעל, הגם ווי געזאָגט, אַליין נישט קיין אָפּשטאַמיקער פון לובלין, האָט זיך געשטעלט פאַר אַ הייליקן ציל צו רעסטאַווירן דעם יידישן בית־עלמין אין לובלין און אויפשטעלן דאָרט אַ מין אָנדענק – מאַווזאָליי.

די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ צונויפטרעף אין דעם געוו. אומקום־לאַגער אין מיידאַנעק. ביים דענקמאָל־מאַווזאָליי זענען געלייגט געוואָרן קרענץ און בינטלעך בלומען. מיט קורצע רעדעס זענען אַרויסגעטראָטן מאַנפרעד פרענקעל און דער הויפּט פון דער קאַטוילישער קירכע אין לובלין, ביסקופּ באָלעסלאַוו פּילאַק, הרב הורוויטש פון אגודת ישראל פון בעלגיע האָט געזאָגט קדיש.

אויך ביים דענקמאָל לכבוד די דערמאָרדעטע יידן אין לובלין אויף ראַדי דעלעגאַטוור־גאַס זענען געלייגט געוואָרן קרענץ און בינטלעך בלומען. עס איז דערביי אָנוועזנד געווען דער וואָיעוואָדע און שטאָט־פּרעזידענט פון לובלין, און אויך די געקומענע געסט פון בעלגיע, פאַראייניקטע שטאַטן, ישראל מיט דעם רעדאַקטאָר פון דער ״ישראל־שטימע״ דוד שטאָקפיש מיט זיין פרוי. אויך דאָ איז געזאָגט געוואָרן קדיש.

## אויסשטעלונג אין לאָקאַל פון די פּוילישע אַרכיטעקטן

אין לאָקאַל פון די פּוילישע אַרכיטעקטן איז דערעפנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון די רעוואַלאַריזאַציע־פּראָיעקטן פונעם יידישן בית־עלמין אויף דער וואַלעטשנע־גאַס.

אין זאַל געפינען זיך גייסטלעכע פון דער קאַטוילישער קירכע מיט דעם ביסקופּ בראש, דער שטאָט־פּרעזידענט פון לובלין, דירעקטאָר פון אַמט פאַר רעליגיעזע ענינים אין פּוילן גזשעגאָזש רידלעווסקי, דירעקטאָר פון מאַיידאַנעק – מוזיי, דעלעגאַציע פון ועד הקהילות אין פּוילן מיטן פּרעזעס משה פינקעלשטיין און דאָצ. פּאַוועל ווילדשטיין, אַ דעלעגאַציע פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין לובלין מיטן סעקרעטאָר משה אַלדער, דער פאָרשטייער פון יד ושם אין ירושלים פאַר די עניינים פון חסידי אומות העולם ד״ר פּלדיאל, הרב אַבראַמאָוויטש פון תל־אביב און פיל איינגעלאַדענע געסט.

אין זאַל געפינט זיך די איידעלע פּוילישע פרוי יאַנטשאַרעק, די רעטערין פון שרה פרענקעל און איר שוועסטער, אַ חסידי אומות העולם. נעבן ביסקופּ זיצט אין אַ וועגעלע דער גלח פּאָדטיעניאַק, וועלכער האָט אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע געראַטעוועט יידישע לעבנס. ער איז אויך אין זיינער צייט אין ירושלים באַלוינט געוואָרן מיטן מעדאַל פון יד ושם „חסידי אומות העולם״.

מיט אַ קורצע רעדע טרעט אַרויס דער פונדאַטאָר מאַנפרעד פרענקעל. ער באַגריסט אין נאָמען פון דער פונדאַציע די איינגעלאַדענע געסט און אַלע פאַרזאַמלטע אויפן זאַל.

דער שטאָט־פּרעזידענט פון לובלין באַגריסט די פאַרזאַמלטע אין נאָמען פון די שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען און פון וואָיעוואָדע. ער דערקלערט, אַז די שטאָט – פאַרוואַלטונג באַציט זיך פּאָזיטיוו צו דער איידעלער איניציאַטיוו פון דער פרענקעל־פונדאַציע און זאָגט צו די נויטיקע הילף ביים רעאַליזירן די אונטערנעמונגען.

אויך דער דירעקטאָר פון אַמט פאַר רעליגיעזע ענינים אין דער פוילישער פאָלקס – רעפובליק גזשעגאָזש רידלעווסקי באַגריסט די פרענקעל – פונדאַציע אין נאָמען פון מיניסטער וולאַדיסלאַוו לאָראַנץ.

עס טרעט אַרויס דער פאַרשטייער פון יד ושם אין ירושלים ד"ר פלדיאל. ער גיט איבער אין קורצע ווערטער די טעטיקייט פון יד ושם ביים פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די פאַרטיליקטע דורך די נאַציס זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע. ער דערקלערט, אַז אין דער רשימה פון די חסידי אומות העולם געפינען זיך שוין ביי 2000 פּאָליאַקן. ער באַגריסט אין האַרציקע ווערטער די צוויי אַנוועזנדיקע אויפן זאַל יידן־רעטער און דערלאַנגט זיי בינטלעך בלומען.

דער גלח, דער יידן־רעטער, זיצנדיק אין זיין קראַנקן־וועגעלע טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן פון ירושלים ווו ער איז געווען אויף דער איינלאַדונג פון יד ושם. ער דערקלערט, אַז מיט געמישטע געפילן האָט ער דאָרט איבערגענומען די אויסצייכענונג אַלס חסיד אומות העולם. ראַטעווען אַן אומשולדיקן מענטש ווען זיין לעבן איז אין אַ סכנה, איז דער חוב פון יעדן ערלעכן מענטש.

עס נעמט אַ וואָרט דער הויפּט פון דער קאַטוילישער קירכע אין לובלין, ביסקופּ באָלעסלאַוו פּיליאַק. ער זאָגט צוו"אַנד:

– פוילן איז געווען א לאַנד, באַוווינט דורך פיל נאַציאָנאַליטעטן. די פוילישע יידן האָבן געגעבן אַ גרויסן צושטייער צו דער פוילישער קולטור, עקאָנאָמיק און וויסנשאַפט. אונדז בינדט די געמיינזאַמע ליידן. הגם יעדער זאָגט תפילה אויף זיין אופן, האָבן מיר דאָך איין גאָט. ביי דער זייט פון די קאַטוילישע הויכשולן, איז טאַקע אין אונדזער שטאָט, אין לובלין, געשאַפן געוואָרן דורך דעם רב שאַפּיראָ די ישיבה חכמי לובלין. איך דאַנק דעם ה' פרענקעל פאַר זיין איניציאַטיוו אויפשטעלן אַן אָנדענק – מאַוווזאָליי אויפן יידישן בית־עלמין אין לובלין. מיר וועלן אים אָפּהיטן אַזוי, ווי מיר היטן אָפּ אַלע הייליקע ערטער.

הרב אַבראַמאָוויטש פון תל־אביב גיט איבער אַ גרוס פון הרב האַראָוויטש, וועלכער האָט צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד, נישט געקאָנט קומען. ער דערקלערט אין זיין נאָמען, אַז ער שטיצט אונטער מיטן גאנצן הארצן די איידעלע איניציאַטיוו פון דער פרענקעל – פונדאַציע.

צום סוף פונעם צונויפטרעף גיט דער אַרכיטעקט אויפקלערונגען צו די פּראָיעקטן פון די אַרבעטן ביים רעסטאַווירן דעם יידישן בית־עלמין.

די איינגעלאַדענע געסט און דער פאַרזאַמלטער עולם לאָזט זיך צום יידישן בית־עלמין אויף דעם וואַלעטשני־גאַס. דאָ ווערט געלייגט דער ווינקל־שטיין אונטער דער געביידע פון דענקמאָל – מאַוווזאָליי. דער עלעקציע־אַקט ווערט דורכגעפירט דורך שרה און מאַנפרד פרענקעל. מיט אַ קורצע רעדע טרעט אַרויס דער פאָרזיצער פון דעם פונדאַציע. אין נאָמען פון דער ועד הקהילות אין פוילן רעדט פּאַוועל גאָלדשטיין.

* * *

דעם 3־טן און 9־טן נאָוועמבער 1988 זענען פאַרגעקומען צוויי טרויער־צערעמאָניעס. הגם יעדער האָט געהאַט אַן אַנדערן פאַרלויף, האָבן ביידע דעם זעלבן אינהאַלט: פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע מיליאָנען קדושים.

(פאָלקס־שטימע)

# א ווערטפולע, היסטאָרישע אויסגאַבע

**א.ק. וואַרשע**

ס'איז דערשינען אַ וועגווייזער פון די יידישע זעענסווירדיקייטן אין לובלין א.נ. „אָנדענק־צימער לזכר די יידן אין לובלין".

די דאָזיקע וויכטיקע אויסגאַבע אין פיר שפּראַכן: יידיש, עברית, פויליש און ענגליש, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט פון אויפזיכט איבער די דענקמעלער פון דער יידישער קולטור אין לובלין.

דאָס ביכל פון 32 זייטן עפנט זיך מיט סטאַטיסטישע אָנגאַבן פון דער צאָל און וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג פון 16טן ביזן 20סטן יאָרהונדערט, אָנהייבנדיק פון 1550 ביזן יאָר 1939.

אין זיין אַריינפיר דערציילט דער מחבר, ד"ר שמחה ווייס, אַז לובלין געהערט צו די עלטסטע דורך יידן באַוווינטע שטעט אין פוילן. פּראָפ' מאיר באַלאַבאַן גיט איבער — שרייבט דער אויטאָר — אַז שוין אין דער צווייטער העלפט פון 15טן יאָרהונדערט, איז אין לובלין געווען אַ יידישע קהילה. אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט, לעבט די לובלינער

---

**IZBA PAMIĘCI ŻYDÓW LUBLINA**
**Lublin, ul. Lubartowska 10**

*Przewodnik*

Guide to the Hall of Remembrance
Lublin, 10 Lubartowska Street



אנדענק-צימער
לזכר די יידן אין לובלין

חדר-זכרון
להנצחה יהודי לובלין

הילע פונעם "וועגווייזער" פאַרן אָנדענק־צימער אין לובלין, לובאַרטאָווסקע 10

קהילה איבער אַ גרויסן אויפּבלי אויפן געביט פון ווירטשאַפט, וויסנשאַפט און קולטור.

מערסטנטייל האָבן די יידן געוווינט אין די גאַסן: קראַוויעצקע, זאַמקאָוואַ, פּאָדזאַמטשע און שעראָקע ("יידן־גאַס"). נישט ווייט פון דאַנען, אויפן בערגל "גראָדזשיסקאָ", האָבן לובלינער יידן פאַרלייגט אַ בית־עולם, וועלכער איז פאַרבליבן ביזן הייטיקן טאָג. נאָך היינט שטייען אויף אים אַ סך מצבות פון 16טן יאָרהונדערט.

אויפן סמך פון דעם פּוילישן קעניגס פּריווילעגיע, האָבן די יידן געגרינדעט אין 16טן יאָרהונדערט די ערשטע אין לובלין העברעישע דרוקעריי און געעפנט די ערשטע ישיבה אין 1518. אַלס ראש־ישיבה איז באַשטימט געוואָרן דער רב שלום שכנא, וועמען מען האָט גערופן "פאָטער פון תלמודישער וויסנשאַפט" (געשטאָרבן אין יאָר 1558). אויף זיין קבר שטייט נאָך היינט די מצבה.

אין לובלין איז אין די יאָרן פון 1580 ביז 1764 זיך צונויפגעקומען דער "ועד ארבע ארצות", אַ מין יידישער פּאַרלאַמענט פון פיר לענדער. פון לובלין שטאַמען אַ סך וועלט־באַרימטע יידישע רעליגיעזע און וועלטלעכע געלערנטע. הרב מרהש"ל — אַ באַקאַנטער תלמודיסט און מחבר פון אַ גרויסע צאָל שריפטן, דער רב מאיר בן גדליה — מהר"ם, רבי יעקב יצחק הורוויץ, דער חוזה, איינער פון די גרינדער פון פּוילישן חסידיזם (געשטאָרבן אין יאָר 1815, זיין מצבה שטייט נאָך היינט אויפן אַלטן יידישן בית־עולם): רב עזריאל הלוי האָראָוויץ — "אייזערנער קאָפּ"; רב מאיר שאַפּיראָ — גרינדער פון "ישיבה חכמי לובלין". פון לובלין קומען אַרויס אַ סך וועלטלעכע יידישע געלערנטע און קולטור־שעפער: זאלקינד הורוויץ — "לע זשיף ד'לובלין:" עמיל מאירסאן — פילאָזאָף; מאַלווינאַ מאירסאָן — שרייבערין, שלום ברוך ניסנבוים — היסטאָריקער; די באַקאַנטע דאָקטוירים: מאנטאלטא, וויטאליס, מאיר; די בונדישע טוערין — בעלא שאַפּיראָ; די ציוניסטישע טוערין — בעלא דאָבזשינסקאַ; די שרייבערין — אַננאַ לאַנגפוס, וואָס איז באַלוינט געוואָרן מיטן גאָנקור־פּרייז; די היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדלסבערג־שילדקרויט; דער פּאָעט משה שולשטיין: דער פּאָעט און פּראָזאַיקער יעקב גלאַטשטיין; דער היסטאָריקער נחמן בלומענטאַל; דער מאָלער שמחה טראַכטער און אַנדערע.

די יידישע באַפעלקערונג אין לובלין איז געוועזן גרויס אין צאָל. ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן געוווינט אין שטאָט אַן ערך 43 טויזנט נפשות, ד.ה. 35 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער. בשעת דער אָקופּאַציע, האָבן די היטלעריסטן אומגעבראַכט העכער 40 טויזנט לובלינער יידן אין געטאָ, בעלזשעץ, קרעמפּיצער וואַלד און מאַידאַנעק.

פון די כמעט הונדערט לובלינער שילן און בתי־מדרשים, איז ביז היינט פאַרבליבן נאָר איין בית־מדרש אויף לובאַרטאָווסקאַ גאַס 10 (פריער 4), אויפגעבויט אין אָנהויב פון 20סטן יאָרהונדערט, געדינט צום דאַוונען און לערנען, געהערט צו דער "חברה נושאים" און זיך געפונען אין צענטער פון דעם האַנדלס־ראַיאָן צוליב דעם איז זי אַ גאַנצן טאָג געווען פול מיט מתפללים. אין אָוונט איז דאָס אָרט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לערנער־פונקט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער באַקאַנטער עסקן משה אייזנבערג. אין דעם בית־המדרש פון "חברה נושאים", האָט אויך געגעבן שיעורים דוד מושקאַטבליט.

דאָס בית־המדרש האָט איבערגעלעבט די מלחמה. ביזן 1984 יאָר, האָט מען דאָ געדאַוונט יעדן שבת און יום־טוב.

אין יאָר 1987, צו דער 45־טער יאָרצייט פונעם אומקום פון לובלינער געטאָ, איז דאָס בית־המדרש רעסטאַווירט געוואָרן, היינט געפינען זיך דאָרט צוויי אָפּטיילונגען: איינע צום אָפּריכטן תפילות, די צווייטע דינט ווי אַן "אָנדענק־היים" און איז טעטיק צווי מאָל אין וואָך, פרייטיק און זונטיק, פון 11 ביז 13 אַזייגער.

דער מחבר פאַרענדיקט זיין אַריינפיר מיט די ווערטער: "די פאַרוואַלטונג פון דער "אָנדענק־היים" ווענדעט זיך צו די באַזוכער מיט דער בקשה צו שענקען אָדער אַנטלייען פאַר דער דאָזיקער היים מאַטעריאַלן און קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַרמלחמהדיקן יידישן לעבן אין לובלין": "דער אָנדענק־צימער" אַנטהאַלט אַ גאַנצע ריי אילוסטראַציעס. דער א.ג. פּאָטאָ־אָפּטייל עפנט זיך מיט אַ בילד פונעם דענקמאָל פאַר די דערמאָרדעטע יידן אין לובלין, אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט "איך זוך די טויטע מיינע אין יעדן בערגל אש". דערנעבן האָבן מיר אַ בילד פונעם פּלאַץ פון די געטאָ־קרבנות און דעם דענקמאָל, וועלכער איז אַנטהילט געוואָרן דעם 9־טן נאָוועמבער 1963 יאָר, אויסער אַ בילד פון געטאָ פון 1941, אויפן מאַרק, וואָס האָבן זיך ווייניק פאַרהיט אין די אַרכיוון, זענען פּובליקירט איניקע היסטאָרישע בילדער, ווי דער נייער יידישער בית־עולם פון 1829 יאָר (אַ פראַגמענט), דער אַלטער יידישער בית־עולם פון 1541 יאָר (אַ פראַגמענט), דאָס יידישע שפּיטאָל אין לובלין (1886־1939) (דאָס בילד איז געמאַכט אין 1901 יאָר), דער בנין פון דער געוו. "ישיבת חכמי לובלין", די גאַסן קראַוויעצקע און פּאָדזאַמטשע אויפן פּאָן פון שלאָס (1937 יאָר). דערנאָך זעען מיר פאַרשידענע עקספּאָנאַטן, ווי קופּערנע לייכטער פון 19־טן י.ה. אַ חנוכה־לאָמפּ, אַ געדעקטער טיש צום סדר, אַן ארון קדוש מיט געעפנטע ספרי־תורה, די לוחות מיט די צען געבאָטן, אתרוג און לולב, שופר, פראַגמענטן פון פאַרשידענע עקספּאָזיציעס.

אַ גוטער איינפאַל פון ד"ר שמחה ווייס איז דאָס אַריינגעבן אינעם וועגווייזער אַ קורצע פאַרטייטשונג פון די טערמינען פון די יידישע רעליגיעזע און שטייגערישע אַטריבוטן, און דעם געאָגראַפישן פּלאַן פון די וויכטיקסטע ערטער, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די יידן אין לובלין. עס איז אויך אינטערעסאַנט צו לייענען די טאַבעלע וועגן דער צאָל יידן אין די באַזונדערע לענדער אויף דער וועלט.

מען דאַרף אָנווייזן, אַז דער וועגווייזער איז דערשינען מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון דער ניסענבאַום־פונדאַציע.

אין סך־הכל — האָבן די יידישע לייענער, ווי אויך פּוילישע מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט יידישער געשיכטע און מיט יידישער טעמאַטיק בכלל באַקומען אַ ווערטפולע אויסגאַבע צום באַרייכערן זייער וויסן וועגן דער רומפולער פאַרגאַנגענהייט פון דער יידן־שטאָט לובלין, פאַר וואָס עס קומט די איניציאַטאָרן און אַרויסגעבער אַ יישר־כּוח!

*Albin Koprukowniak*

Walka polityczna w czasie wyborów
do pierwszej Dumy Państwowej na Lubelszczyźnie

*Albin Koprukowniak*

Społeczeństwo Lubelszczyzny wobec wyborów
do drugiej Dumy Państwowej

**הילע פון 2 ביכלעך, דערשינען הײַ־יאָר אין לובלין, אין וועלכע ס'ווערן אויך באַרירט יידישע פּראָבלעמען**

אין אויגוסט ה.י. האָבן אנטיסעמיטישע כוליגאנעס אויסגעהאקט די שויבן פונעם אָנדענק־צימער אין לובלין, לובארטאווסקע 10. מיר ברענגען א בילד און די רעאגירונגען פון דער אָרטיקער פרעסע.



פסל הנשיא הפולני הראשון מימי סטאלין, בולסטאוו ביירוט, מסולק מלובלין.

די סטאטוע פון ערשטן פרעזידענט פון נאָכמלחמהדיקן פוילן, באָלעסלאוו ביערוט, ווערט אוועקגענומען פון לובלין ("זיין" שטאָט).

## Profanacja żydowskiego domu modlitwy

Przewodniczący Kongregacji Religijnej Wyznania Mojżeszowego w Lublinie Józef Honig poinformował nas wczoraj o akcie wandalizmu, który dotknął jedyny w naszym mieście dom modlitwy tego wyznania. W nocy z wtorku na środę nieznani sprawcy wybili szyby w budynku przy ul. Lubartowskiej 10, gdzie mieści się bożnica i izba pamięci Żydów lubelskich. Dom modlitwy, otwarty po przerwie w kwietniu ubiegłego roku, jest miejscem spotkań wyznawców religii mojżeszowej z Polski i z całego świata.

„Sztandar Ludu", 31.8.89 (to)




## PRL: Apel Komisji Badania Zbrodni Hitlerowskich

Okręgowa Komisja Badania Zbrodni Hitlerowskich — Instytut Pamięci Narodowej w Lublinie, rozpoczęła śledztwo w sprawie zbrodni hitlerowskich popełnionych na Polakach udzielających pomocy Żydom w latach 1939—1944.

W związku z tym Komisja wystąpiła z apelem do wszystkich, którzy mogliby w tym przedmiocie udzielić jakichkolwiek wiarygodnych informacji, o skontaktowanie się osobiste, telefoniczne lub listowne. Adres i telefon: Okręgowa Komisja Badania Zbrodni Hitlerowskich, Krakowskie Przedmieście 43a, Lublin tel. 216-43 lub 200-31 wewn. 141.

Na pierwszym piętrze budynku przy ul. Lubartowskiej 10 znajduje się synagoga i żydowska izba pamięci. W środę w nocy zostały tu powybijane wszystkie szyby. Chuliganom „zabawiającym się" w rzucanie do celu posłużyły kamienie z rozkopanej jezdni.

O tym niechlubnym wybryku wandali poinformował redakcję przewodniczący Kongregacji Religijnej Wyznania Mojżeszowego w Lublinie — Józef Hoing.

(nw)

Fot. (majk)

„Kurier Lubelski", 1-3 9 89



שרה און חיים שביט האָבן מיט א צייט צוריק באזוכט לובלין און מיידאנעק.



teatrnn.pl

# פון אונדזערע געשטאַלטן

## דער טראַגישער סוף פון פראָפ. באלאבאן דער גרויסער היסטאָריקער פון יידישן לובלין

ד"ר אלחנן האָראָוויץ

די יידן פון פוילן בכלל און פון לובלין בפרט זענען שולדיק א חוב דעם גרויסן היסטאָריקער פון יידישן לובלין, פראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן: זיי דאַרפן איבערזעצן זיין ביאָגראפיע אויף יידיש און עברית, וואס האט ארויסגעגעבן אויף ענגליש אין ניו־יאָרק די אלמנה פון זיין תלמיד ד"ר ישראל מ. בידערמאן.

אויך דעם בארימטן יידישן היסטאָריקער האָבן די דייטשן געפּרוּווט אויסנוצן אין זייער "טאָטאַלער מלחמה קעגן די יידן".

ווען אין ווארשע זענען פון איבער 500 טויזנט יידן געבליבן ווייניקער פון 60 טויזנט, האָט די געסטאַפּאָ געפאָדערט, אַז דעם 26 סטן דעצעמבער 1942 זאָל פראָפעסאָר באַלאַבאן דערציילן אין ראַדיאָ, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן "ווי יידן לעבן אין ווארשעווער געטאָ". אָבער דעם 26־טן דעצעמבער 1942 איז מאיר באלאבאן געשטאָרבן פון אַ הארץ־אַטאַק. ס'זענען אויך פארשפרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז ער איז באגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין לובלין האָט ד"ר מאיר באַלאַבאַן געלעבט במשך דער עסטרייכישער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען סיי מיליטערישער רב און סיי דער לייטער פון דעפּאַרטאַמענט פאר יידישע ענינים ביי דער עסטרייכיש־אונגארישער אָקופּאַציע־מאַכט אין פוילן. זיין סעקרעטאר איז געווען אַ לובלינער תושב אריה רובינליכט, וואָס האָט איבערגעגעבן דעם ד"ר באַלאַבאַן פרטים וועגן דעם לובלינער היסטאָריקער שלמה ניסענבוים, וועלכער האָט געלעבט אין געאַרבעט אין זייער שווערע מאטעריעלע באדינגונגען.

דעריבער האָט זיך באַלאַבאַן באזונדערס משתדל געווען צו באקומען אַ דערלויבעניש ארויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג – ניט פאר זיך, נאָר פאר שלמה ברוך ניסענבוים און אריה רובינליכט.

אויך אַ סך אנדערע לובלינער קולטורעלע, עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פּאָליטישע אינסטיטוציעס האָבן באקומען דערלויבענישן אַ דאנק ד"ר מאיר באַלאַבאַן אין די לעצטע דריי יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

זייענדיק אין לובלין, האָט מאיר באלאבאן געזאמעלט זייער וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן און זיי פארעפנטלעכט אין זיין בוך "די יידן־שטאָט לובלין", וואָס אין בלי־תקופות האָט מען זי אויך גערופן: "די הויפטשטאָט פון ועד ארבע הארצות" און "ירושלים דפולין".

## דער לעצטער לובלינער רבי שלמהלע אייגער אין ווארשעווער געטאָ

מיט 48 יאָר צוריק, איז דורך דער קאַניבאַלישער האַנט פון די נאַצישע רוצחים פאַרשניטן געוואָרן דאָס לעבן פון איינעם פון די בארימטסטע רעליגיעזע פערזענלעכקייטן, דער לובלינער רבי ר' שלמה אייגער זצ"ל.

אין דעם שוואַרצן שבת, חודש תמוז ת"ש, האָבן די דייטשע מערדער ארויס גענומען פון דעם הויז פון איינעם פון די נאָענטסטע מקורבים פון לובלינער רבין ר' שלמה אייגער זצ"ל, אָנגעטאָן אין זיינע שבתדיקע מלבושים, צוזאַמען מיט זיינע נאָענטסטע פאַמיליע־אָנגעהעריקע, און זיי דערשאָסן אויפן אָרט, אין הויף פון דעם זעלבן הויז.

יידן, וואָס זענען געווען עדות פון דעם רבס אומקום דערציילן, אַז ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, צוהאַלטנדיק מיט זיינע הענט די גרייז גרויע באָרד און פּיאות. דער ס.ס. מערדער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד און זי אָנגעהויבן רייסן. דער לובלינער רבי האָט מיט אַלע כוחות געגעבן אַ געשריי "ריר זיך נישט צו מיט דיינע טמאדיקע הענט צו מיין באָרד". דער דייטש האָט זיך צוערשט שטאַרק דערשראָקן פונעם רבינס געשריי, אָבער ער האָט דערנאָך אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און דערשאָסן דעם רבין און נאָך דעם זיינע פאַמיליע־אָנגעהעריקע.

מען האָט נאָך געהערט, ווי דער רבי האָט געגעבן א געשריי "שמע ישראל".

דאָס לובלינער חסידות געהערט, צום גרויסן צער צו די יעניקע, אין וועלכע די בעסטיאַליש נאַצישע שווערד האָט געטראָפן עד היסוד בה.

א צווייג פון דער גאונישער אייגער גזע האָט געוווינט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות אין לובלין. די קינדער פון רבין ר' אברהמעלע אייגער, ר' אלתר עזריאל מאיר אייגער און זיין ברודער ר' שלמהלע זצ"ל, ביידע ברידער, זענען געווען רביים פון טויזנטער חסידים און ר' אלתר מאיר אייגער האָט געשמט פאַר אַ גדול בישראל און פוסק, האָט געהאַט זיין בית המדרש אין לובלין, אויף קאָוואלסקי גאַס 4, ווו ס'פלעגן צו אים קומען טויזנטער יידן נאָך עצות און הילף. ער איז נפטר געוואָרן ת"ש, (1941) און האָט נאָך זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל אויפן יידישן בית־עולם אין לובלין.

דער צווייטער רבי ר' שלמהלע אייגער האָט פאַרקערפּערט אין זיך תורה און חסידות צוזאַמען. ער האָט באַזיצט די גאונישקייט פון זיין עלטער זיידן ר' עקיבא אייגער, און דעם דרך החסידות פון זיין פאָטער, דער רבי ר' אברהמעלע אייגער.

טויזנטער און טויזנטער חסידים פון גאנץ פוילן פלעגן צו אים קומען קיין לובלין, ווו זיין חסידות איז באַטראַכט געוואָרן אַלס המשך פון קאָצקער שאַרפקייט און גאונישקייט, אַ מין צונויפגיסונג פון חסידות און הלכה. און ווען דער גאון ר' מאיר שפירא, דער לובלינער רב זצ"ל איז נפטר געוואָרן, איז דער רבי ר' שלמה באַשטימט געוואָרן אלס מנהל פון דער ישיבה.

און כאָטש ער איז געווען רבי, פלעגט ער יעדן טאָג קומען אין

# יעקב גלאַטשטיין — דער קעמפער פאַר פּראָלעטאַרישער מוזיק־קולטור

## יששכר פאַטער

פאַר די אַלע, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער אומקום־תקופה פון פוילישן ייִדנטום, איז באַקאַנט דאָס בילד פון דעם פּעדאַגאָג און שרייַבער ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק מיט זײַנע קינדער, וועלכע זענען געפירט געוואָרן אין וואַרשע צום "אומשלאַג־פּלאַץ", אויף זייער לעצטן וועג צום טויט. דאָס בילד איז געוואָרן דער סימבאָלישער אויסדרוק פון דער מאַרטיראָלאָגיע־תקופה, פּונקט ווי דאָס באַקאַנטע בילד פון הירשענבערגן "גלות ספרד" איז געוואָרן דער סימבאָל פון ייִדישן גלות בכלל.

אַן ענלעכן אײַנדרוק מאַכט אויף יעדן מענטש דאָס בילד פון יעקב גלאַטשטיין מיט זײַן קינדער־כאָר אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס קוקט אויף אונדז אַראָפּ פון די ווענט פון "יד ושם" אין ירושלים און פון מוזיי אין קיבוץ "לוחמי הגיטאות". דאָס דאָזיקע בילד זאָגט עדות וועגן דער גאַנצער טראַגעדיע פון פוילישן ייִדנטום, אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקופּציע. אויסגעבלײַכטע און אײַנגעשרומפּענע פּנימלעך, צעשראָקענע אויגן און אײַנגעפאַלענע בעקלעך, דאַרע און קראַנקע — אַזעלכע זענען זיי געווען, די קינדער־כאָריסטן, אָנטיילנעמער פון יעקב גלאַטשטיינס קינדער־כאָר אין געטאָ וואַרשע. און ער אַליין — אַן אויסגעדאַרטער, בלאַסער, מיט צער און צאָרן אָנגעפּילטע, שוואַרץ־ברענענדיקע אויגן, אַן אויסגעהונגערטער און אויסגעמאַטערטער — שטייט אין מיטן, און אַרום אים זײַנע קינדער, קינדער פון אויסגעשטאָרבענע עלטערן, וואָס האָבן באַקומען אַ מקום־מקלט אין די קינדער־היימען און צוזאַמען מיט זייער דיריגענט און לערער געוואַרט אויף דער אויסלייזונג. אין צווישנצײַט האָט געזאַנג אויסגעפילט זייער טרויעריק לעבן. איז ער געווען צוזאַמען מיט זיי, צוזאַמען מיט זיי זיך געפּײַניקט און צוזאַמען מיט זיי געשטאָרבן. "און אַזוי ווי דער לעגענדאַרער בעל־תפילה, וואָס איז אַוועקגעפאַלן בײַם עמור בעת דער יום־כיפּורדיקער עבודה, אַזוי האָט יעקב גלאַטשטיין זײַן לעצטן אָטעם אויסגעהויכט אין וואַרשעווער געטאָ, נישט אָפּטרעטנדיק פון זײַן עבודה און נישט אויפהערנדיק צו טראָגן פרייד און מוט צו די שקלאַפן פון נאַצי־געטאָ". (פון יזכור־בוך נאָך די אומגעקומענע ציש"אָ־לערער אין פוילן).

### זיין לעבנס־וועג

געבוירן איז יעקב גלאַטשטיין אין יאָר 1895 אין דער שטאָט לובלין און געשטאַמט האָט ער פון אַ מיוחסדיקער משפחה. זײַן פאָטער משה איז געווען שטאָט־חזן. זײַן ברודערס זון איז געווען דער באַקאַנטער דיכטער יעקב גלאַטשטיין. ביידע יעקבס האָבן געלערנט בײַ די בעסטע מלמדים און ביידע האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיט ייִדישן, טראַדיציאָנעלן וויסן.

איז יעקבן ענג געוואָרן צו זיצן אין טאַטנס שטוב און זיך באַגנוגענען מיט זינגען אין זיין כאָר און זיין ביי אים דער ערשטער סאָליסט. ער האָט אָנגעהויבן זוכן נייע מעלאָדיעס, נייע אַקאָרדן און נײַע וועלטן.

ער איז אַוועק קיין וואַרשע, ווו ער האָט געלערנט פלייסיק מוזיק און אויך אַלגעמיינע לימודים. ער האָט גענאַשט פון אַלעס, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט און ספּעציעל האָט ער אַרויסגעוויזן פאַראינטערעסירונג פאַר ליטעראַטור. ער האָט געפילט, אַז מוזיק און ליטעראַטור זענען אַ צווילינג — פּונקט ווי שטימע און וואָרט זענען געפּאָרט, דעריבער דאַרף מען די ביידע עלעמענטן באַהעפטן. האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין ליטעראַרישן אָוונט, קיין לעקציע און קיין רעפעראַט, פון וועלכע עס איז נאָר געווען עפּעס צו לערנען. ער איז געוואָרן אַ בן־בית אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט ממש געשלאָסן אַ בונד מיט איר און אויך מיט די, וועלכע האָבן געפלעגט איר אַנטוויקלונג. ער איז געוואָרן דער מוזיקאַלישער שליח־ציבור פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי "בונד", וואָס האָט אַרויסגערוקט די לאָזונג פון קאַמף פאַר ייִדיש לשון און פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור. ער איז געוואָרן לערער פון געזאַנג אין די "צישאָ"־שולעס, גרינדער און דיריגענט פון גרויסן כאָר פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע "צוקונפט" און פּרעלעגענט און לעקטאָר אויף קולטור־אונטערנעמונגען.

לייענען מיר וועגן אים אין לערער־יזכור־בוך פון אומגעקומענע לערער פון די "צישאָ"־שולן אין פוילן די פאָלגנדיקע ווערטער:

"נישט געווען קיין יוגנטלעכער, וואָס האָט נישט געוווּסט דעם נאָמען פון אָט דעם שוואַרץ־חנוודיקן, באַשיידענעם ליבן דיריגענט פונעם גרויסן כאָר פון "צוקונפט". נישט געווען קיין תלמיד פון די "צישאָ"־שולן, וואָס האָט נישט פאַרגעטערט דעם נאָמען פונעם דאָזיקן באַגאַבטן געזאַנג־לערער. אויפן פאָן פון אָרעמען, טרויעריקן לעבן פון אָט די פאָלקסקינדער — איז די מוזיקאַלישע טעטיקייט פון יעקב גלאַטשטיין געווען אַ ליכטיקע און דערהויבענע דערשײַנונג. דאָס איז געווען מוזיקאַלישע קולטור. דאָס איז געווען לעבנסלוסט און פריידיקייט פון געזאַנג".

יעקב גלאַטשטיין האָט אין דער תקופה פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות געלעבט אין וואַרשע, אין דער סביבה פון אָרגאַניזירטן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. ער האָט מיטגעווייטיקט זיינע ווייטיקן, מיטגעקעמפט זיינע קאַמפן און זיך מיטגעפרייט מיט זיינע דערפאָלגן.

דער "צוקונפט"־כאָר, אָנגעפירט דורך יעקב גלאַטשטיין, איז געווען אַ מוזיקאַלישע אינסטיטוציע פון הויכן קינסטלערישן און דערציִערישן

---

דער ישיבה אריין פאַרהערן די תלמידים, מיט זיי שמועסן און לערנען און זיי געבן אַ הדרכה (א וועג) אין יידישקייט. ווען די נאַציס האָבן אריינמאַרשירט קיין לובלין, האָבן די חסידים פאר גרויס געלט אים מיט דער גאַנצער פאַמיליע אַריבערגעפירט אין אַ מיליטערישן אויטאָ קיין וואַרשע. די חסידים האָבן געלגיבט, אַז די ערשטע צייט פון זיין ויילן אין וואַרשע, צווישן אַ ריזיקן קיבוץ יידן, וועט דער רבי זיך קענען אויסבאַהאַלטן. אָבער דער מצב אין וואַרשע האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט, ביז דער רבי איז פון אַ נאַצישער קויל, ביי אַן אַקציע אין זיין הויז, אומגעקומען אויף קידוש השם אין חודש תמוז ת"ש (1940).

צווישן די קדושים, זענען אויך אומגעקומען זיינע פאַמיליע — מיטגלידער, וועלכע זענען געווען צוזאַמען מיט אים.

און אַזוי איז טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן די גרויסע גאונישע און רבישע דינאַסטיע, וואָס האָט זיך געצויגן אזוי פיל דורות.

**(פראגמענט פון ישראל גוטווירטס ארטיקל אין "די לעצטע נייעס")**

ווערט. ער איז געווען דער בולטסטער אויסדרוק פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער מוזיקאַלישער קולטור אויף דער ייִדישער גאַס אין פּוילן.

## דער דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר

טראָץ דעם, וואָס יעקב גלאַטשטיין איז אין זײַן ערנסטער מוזיקאַלישער אַרבעט געווען בעיקר געבונדן נאָר מיט איין באַשטימטן טייל פון ייִדישן פּוילן — מיטן אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס — איז ער דאָך געווען אָנערקענט פון דער גאַנצער ייִדישער און נישט־ייִדישער מוזיקאַלישער וועלט אין וואַרשע, ווי אַ באַגאַבטער דיריגענט און מוזיקער.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון קאָמפּאָזיציע. שוין אין יאָר 1918 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פאָלקס־און אַרבעטער־לידער אונטערן נאָמען די "פרײַע מוזע". דאָס זענען אין זייער מערהייט געווען לידער, געזונגענע פון ייִדישע אַרבעטס־מענטשן. צווישן זיי זענען אויך געווען זײַנע לידער צו טעקסטן פון ייִדישע דיכטערס.

יעקב גלאַטשטיין איז געווען אין מיטן פון זײַן שאַפערישן אויפבלי, ווען די נאַצישע בעסטיע האָט פאַרשלאָסן די טויערן פון וואַרשעווער געטאָ. צער און צאָרן האָבן אָנגעפילט זײַן האַרץ. אין גאַנצן צעטרייסלט איז ער געוואָרן, ווען זײַן פרוי איז אים געשטאָרבן נאָך אַ טיפוס־קראַנקייט. ער האָט דעמאָלט געמוזט זיך פאַרנעמען מיט דער דערציִונג פון זײַן קליין טעכטערל און אויך געמוזט זיך צוגעווינען צום שוידערלעכן געדאַנק, אַז זײַן זון — אַ טאַלאַנטירטער פּיאַניסט, וועמען אַלע האָבן פאָרויסגעזאָגט אַ ווירטואָזן־קאַריערע — וועט זיך מער נישט קענען ראַטעווען און מוזן אומקומען מיט אים צוזאַמען.

דעם איינציקן אַנטלויף פונעם גורל האָט ער געפונען אין זײַן אַרבעט. האָט ער זיך בעיקר געווידמעט מוזיקאַלישער טעטיקייט צווישן קינדער־פּליטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין די ייִדישע קינדערהיימען. ער האָט אויפגעשטעלט קינדער־כאָרן. ער פלעגט אָפט מיט די קינדער אָנטייל נעמען אין פאַרשידענע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען און מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט זאָרגן פאַרן הויכן ניוואָ פון יעדן אויפטריט.

ער האָט נאָך אויך אָנגעווענדט אַלע זײַנע כוחות אויף אונטערצוהאַלטן און צעמענטירן דעם "צוקונפט"־כאָר, און ווען אין יאָר 1941 האָט דער "בונד" געפײַערט זײַן יערלעכן יובילײ־יום־טוב, האָט יעקב גלאַטשטיין צוגעגרייט דעם גאַנצן אַרטיסטישן טייל צו דער אַקאַדעמיע. דאָס אַלץ, וואָס איז אים שטענדיק געווען אַזוי טײַער און ליב, האָט צום לעצטן מאָל, אונטער זײַן לײַטונג, אָפּגעהילכט אין זאַל פון דער יודאַיִסטישער ביבליאָטעק אין וואַרשע.

די לעצטע קאָמפּאָזיטאָרישע שאַפונג זײַנע איז געווען די מוזיק צום טעקסט פון יצחק קאַצענעלסאָן: "אַרויס איז געגאַנגען אַ ייִד אין גאַס".

★

ער איז שוין אין גאַס אַרויס נישט געגאַנגען. מען האָט אים געברענגט קיין טרעבלינקע, וווּ ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זײַן זון. זײַן נאָמען פיגורירט אין דער רשימה פון געפאַלענע קולטור־טוערס, וואָס ווערן דערמאָנט אין באַקאַנטן באַריכט פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום צום ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק. מיט זײַן אומקום־טויט איז פאַרשטומט געוואָרן דאָס ייִדישע פּראָלעטאַרישע און פאָלקס־געזאַנג, צוזאַמען מיט דער פרייד און האָפענונג, וואָס האָט פון דעם געזאַנג געקלונגען.

# ד"ר הערשענהאָרן — דער פאָלקס־דאָקטער און געזעלשאַפטלעכער טוער

### אבא סלאָמאַ / טאָראָנטאָ

וועגן ד"ר שלמה הערשענהאָרן, זיין לעבן און טעטיקייט, וואָלט מען גקאָנט זייער פיל שרייבן. איצט וויל איך זיך אָפּשטעלן בלויז אויף צוויי געביטן פון זיין פארצווייגטער טעטיקייט: אין דער געזונטהייט־געזעלשאפט "טאָז" און ביים אָרגאניזירן די זומער האַלב־קאָלאָניעס אויף שעננא גאס.

די "טאָז"־געזעלשאפט איז געווען די פּאָפּולערסטע יידישע אינסטיטוציע אין לובלין. אהין פלעגן קומען יידישע מאמעס מיט זייערע קינדער מיט פארשידענע געזונטהייט־פּראָבלעמען און באקומען מעדיצינישע הילף פאר א מינימאלן אָפּצאָל.

אין "טאָז" איז אויך געווען טעטיק א היגיענישע אָפּטיילונג, ווו מ'האָט אויס־געטיילט זייף און וועש פאר אָרעמע קינדער; דאָרט איז געווען אן אמבולא־טאָריע, א באראטונג־שטעלע פאר שוואנגערע פרויען און א מילך־קיך, וואָס האָט נויטבאדערפטיקע, יידישע קינדער באזאָרגט מיט א גלאָז מילך יעדן טאָג.

צווישן די דאָקטוירים וואָס האָבן געארבעט אין "טאָז", אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר ש. הערשענהארן, זענען געווען: ד"ר מאנדעלבוים, ד"ר צוקערפיין, ד"ר פלאָטקין און ד"ר קאגאן.

דער הויכפּונקט פון דער "טאָז"־טעטיקייט, זענען געווען די זומערדיקע האלב־קאָלאָניעס אויפן "טאָז"־פּלאץ, ווו איבער טויזנט קינדער פון דער לובלינער אָרעמקייט פלעגן פארברענגען די זומער־חדשים אויף דער פרייער לופט. דאָרט האָבן זיי זיך פארנומען מיט שפּילערייען און געזאנג, ספּאָרט־פארמעסטן און גימנאסטישע איבונגען. דאָס פארזאָרגן מיט שפּייז און באדינונג פאר איבער טויזנט קינדער, איז געווען אן אונטערנעמונג, וואָס האָט געפאָדערט א סך ארבעט און איבערגעגעבנקייט.

די סיום־פייערונג פון די האלב־קאָלאָניעס זענען פארוואנדלט געוואָרן אין א גרויסן יום־טוב פון דער גאנצער יידישער געזעלשאפטלעכקייט אין לובלין. אלע זענען געקומען זיך פרייען מיט די דערגרייכונגען פון דעם קינדער גן־עדן, וועמענס איניציאטאָר איז געווען ד"ר שלמה הערשענהאָרן – אזוי ביז דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, ווען די היטלערישע אָקופּאנטן האָבן חרוב געמאכט דאָס יידישע לעבן מיט אלע אירע אינסטיטוציעס.

חוץ זיין איבערגעגעבענער ארבעט אין "טאָז", האָט ד"ר הערשענהאָרן נאָך געפונען צייט צו זיין טעטיק אויף אנדערע געביטן. ער איז געווען איינער פון די פאָרשטייער פון "בונד" אין לובלינער שטאָטראט, דאָזאָר אין דער יידישער קהילה, ווי אויך אקטיוו אין אנדערע אינסטיטוציעס. ער האָט שטענדיק געפונען צייט און איז גרייט געווען צו העלפן לובלינער יידן מיט ראט און טאט.

זאָלן די פאָר ווערטער זיין א באשיי־דענע דערמאָנונג פאר דעם ליכטיקן אָנדענק און גוטן נאָמען פון לובלינער פאָלקס־דאָקטער שלמה הערשענהאָרן.

# מאַיאָר בלומא פּערלמוטער — די פּארטיזאנערין־פּאראשוטיסטין

**פונעם בוך "פוילישע יידן אין די וועלדער",**
**2 טער באנד "פאראשוטיסטן",**
**פון** שלמה שטראוס־מארקאָ,
**תל־אביב, 1981.**

ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט. אומברחמנותדיק האָט געבלאָזן דער ווינט אין פנים אריין מיט אַ שמייסנדיקן רעגן. דורך צעווייקטע פעלדער און בלאָטיקע וועגן, האָבן זיך געשלעפּט צוויי יונגע מענטשן. זיי האָבן די נאַסע קעלט נישט געפילט, כאָטש גרישאַ לעיווי איז געווען בלויז אין אַ לייכטן זומער־אַנצוגל אויף זיך און אויך בלומע, זיין באַגלייטערין — די איין און צוואַנציק יעריקע בלומע — איז געווען לייכט געקליידט. זייער געדאַנק האָט זיי דיקטירט בלויז איינס — ווייטער!... ווייטער פון די הילטעריסטישע מערדער!... ווייטער אויף מזרח...

זייער היים־שטאָט ביאַליסטאָק האָבן זיי שוין לאַנג געהאַט הינטער זיך. איבערגעלאָזט די נאָנטסטע אויף אייגענעם גורל — טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, חברים און פריינד, ווער ווייסט אויב מען וועט זיי נאָך אַמאָל זען?... דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַזאַ טיפן ווייטיק און פיין. ס'האָט גענאָגט און געציטערט פון יעדער דערינערונג און געדאַנק וועגן דעם אומגליק וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער היים. נאָר זיי האָבן געשפּאַנט ווייטער, פאָרויס, שוין דעם וויפלטן מעת־לעת — הונגעריק, מיד און דערשעפּט.

גרישאַ האָט אַרויסגענומען דעם לעצטן רעזערוו ברויט פון דעם זעקל און דערלאַנגט בלומען.

— עס — האָט ער געזאָגט מיט זיין ליבלעכער שטימע. — מיר וועלן אפשר ביי אַ פויער נאָך עפּעס קריגן צו קויפן.

— אונזו דו?

— אויך פאַר מיר איז נאָך פאַראַן אַ שטיקל — האָט ער געענטפערט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, ווייל אין דער ווירקלעכקייט האָט ער איר דאָס לעצטע געגעבן.

בלומע עסט דאָס ברויט דורכגעווייקט פון רעגן און שפּאַנט אַלץ ווייטער פאָרויס, טאָפּטשענדיק מיט די לייכטע שיך אין דער בלאָטע, וואָס אַרט זי שוין נישט. פאַר די אויגן קומען אַלץ אויף בילדער פון דער צייט, ווען זי האָט פאַרבראַכט אין תפיסה פון פאָרדאָן און שפּעטער — דער באַטאַליאָן אין וואַרשע, צו וועלכן זי האָט זיך אָנגעשלאָסן, כדי צו פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט. זי האָט זיך דערמאָנט די שיינע צייט, ווען זי האָט געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר פון ספּאָרט אין ביאַליסטאָקער קרייז — דעלעגירט פונעם קאָמסאָמאָל; די אַרבעט ביי די דייטשן אַלס מאַגאַזיניער, אונטער דעם נאָמען "צאַריצינסקאַ"... די בילדער זענען געשטאַנען ווי לעבעדיק פאַר די אויגן און אויף אַ ווײַלע האָט זי פאַרגעסן אין דעם ענדלאָזן וועג.

פון ביידע זייטן האָט זיך געצויגן אַ וואַלד פון שיינע הויכע סאָסנעס און אַרום איז געווען פינצטער און נאַס. דער הימל איז שוין עטלעכע טעג געווען פארצויגן מיט וואָלקנס און די טראָפּנס האָבן זיך געשאָטן אָן אויפהער פון הימל, פון דיביימער, פון די גרעזלעך. פּלוצעם האָט זיך באַוויזן אַ ליכט אין מיטן וואַלד...

— גרישאַ — האָט בלומע אויסגערופן, ווייזנדיק מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון דעם ליכט.

זיי זענען ביידע אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן. עס האָט זיך אין זיי אָפּגערופן דער אינסטינקט פון אַ געיאָגטער חיה, וואָס גייט צום וואַסער־קוואַל נישט ווייסנדיק צי עס וואַרט נישט דאָרט איר פאַרפאָלגער, אָדער אַ יעגער. נאָר די מידקייט און הונגער איז געווען שטאַרקער פון אַלעם.

אויף דער גאַיוווקע, ביי מאַריאַן סוראָוויעץ, האָבן זיי געלעבט אַ לענגערע צייט, אים געהאָלפן אין דער ווירטשאַפט. אויך דער פאַראיינזאַמטער פוילישער פאַמיליע איז געווען היימלעכער מיט זיי. אין דעם פאַריתומטן הייזל, אין טיפן וואַלד צווישן די סאָסנעס און נישט צוגענגלעכע באַגנעס, וועלכע מען האָט געקענט נאָר דורכמאַכן ווינטער, ווען עס האָט זיי באַדעקס דאָס דיקע אייז, איז געווען אַ ביסל זיכערער, רויִקער. עס איז דאָך אַן ערך פון צוויי קילאָמעטער צום ערשטן דאָרף יעלנאָ און נישט מער ווי פינף הונדערט מעטער צו אַנטרינען אין אַ נויט — צווישן די באַגנעס און געדיכטע קוסטן. זיי זענען אָבער געווען יונג און עס האָט געלאָקט אַ קאַמף, אַ ווירדיקער קאַמף מיט די, וואָס האָבן זיי פאַריאָגט פון די היימען, באַרויבט פון מענטשלעכער ווירדע, בירגערלעכע רעכט און שטאָלץ.

★

אומפאַרהאָפט איז געקומען דער טאָג, אויף וועלכן זיי האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. ס'איז נאָוועמבער 1942. ווי געווײַנלעך, זענען זיי אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. אין דרויסן איז נאָך געווען בלוי. פאַרוויקלט דעם קאָפּ אין אַ דאָרפיש טיכל, אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן אַן אויסגעריבענער פויערישער ראָק, האָט זי זיך געלאָזט צו דער דערנעבנדיקער געביידע, ווו עס זענען געשטאַנען די בהמות. נאָר אויף יעדן פאַל זענען זיי געווען וואַכזאַם. דאָס געהער אָנגעשפּאַנט צו יעדן מינדעסטן, פאַרדעכטיקטן שאָרך. מיטאַמאָל האָט זיך דורך דעם גערויש פון די ביימער דערטראָגן אַ טערקאָט פון רעדער פון אַ פויערישן וואָגן. פון דער נאָענט האָט בלומע דערקענט זייער שכן, דעם אַלטן איוואַן, וועלכער איז שווער געגאַנגען ביים וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי מאָגערע אָקסן.

— אַ גוטן מאָרגן — האָט זי די ערשטע באַגריסט. — וווּהין אַזוי פרי?

— אָ, מען דאַרף דאָך אַ ביסל נאַפט, אַ קילאָ זאַלץ, פאָר איך קיין יעלנאָ, נאָר ווער ווייסט, אויב איך וועל דאָרט אַריינקומען? מען זאָגט, אַז דאָרט זענען שוין אַריין די רוסן און אין דאָרף לאָזט מען קיינעם נישט אַריין און אויך נישט אַרויס...

איוואַן האָט נאָך עפּעס ווייטער דערציילט, נאָר בלומע האָט אים שוין נישט געהערט. עלעקטריזירט פון אַזאַ נייעס, איז זי שנעל געלאָפן צו גרישאַן.

— דאָס קענען זיין נאָר פאַרטיזאַנער! — האָט גרישאַ אויסגערופן מיט פרייד. — קום, בלומע, מיר טאָרן קיין צייט נישט פאַרלירן.

אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען, אַזוי האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט דעם גרעסטן חיפזון... מיטאַמאָל האָבן זיי דערהערט אַן אויסגעשריי — סטאָי! און פון צווישן די געדיכטע קוסטן איז אַרויסגעקומען אַ יונגער מענטש אין ציווילע קליידער און זיין געווער אָנגעצילט אויף דעם פּאָרל. זיי זענען שטיין געבליבן און אין קאָפּ איז בליץ־שנעל אַדורך דער געדאַנק — אמת, פאַרטיזאַנער... די הערצער האָבן אָנגעהויבן האַסטיקער קלאַפּן.

— צו מיר! — האָט האַפוילן דער מענטש מיט דער ביקס, צילנדיק די רער אויף גרישאַן.

זיי האָבן ביידע געמאַכט עטלעכע שריט אין זיין ריכטונג.

— וווּהין? און פון וואַנען לויפט איר?

— אין דאָרף אַריין, צו די פּאַרטיזאַנער — האָט געענטפערט גרישאַ.

— פּאַרטיזאַנער — האָט איבערגעחזרט דער וואַלד־מענטש — און דער מיליטערישער פּאַסעק, וועלכן דו טראָגסט?...

גרישאַ האָט נישט גלייך געענטפערט.

— הער, ברודערקע — דאָס קול פון פּאַרטיזאַן איז שוין געווען אַביסל מילדערער — דו ביסט אַ ציווילער מענטש, צו וואָס זשע דאַרפסטו דעם פּאַסעק? איך, צום ביישפּיל — דאָ האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זאָגן: איך בין אַ מיליטערמאַן און דערפאַר, דאַרף איך אים טאַקע, מיר איז ער נויטיקער.

גרישאַ האָט פּאַוואָליע אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם פּאַס און דערלאַנגט דעם וואַלד־מענטש.

— המ... — האָט ער געגעבן אַ ברום. — איצט קאָנט איר גיין — און אַליין איז ער צוריק פאַרשוווּנדן אין די קוסטן.

אין דאָרף איז געווען אַ רעש, אַ טומל, דאָס אוקראַיִנישע דערפל יעלנאָ האָט אין איר געשיכטע באַשטימט נישט געזען אַזויפיל מענטשן. אויף אַלע פלעצער פול־געשפּאַנטע וועגענער, צו וועלכע עס זענען געווען צוגעבונדן בהמות. אַ סך מענער האָבן זיך אַרומגעדרייט, פאַרשידן־געקליידעטע און מיט אלערליי געווער. ציווילע קליידער, אויסגעמישט מיט רוסישע מונדירן און אויך מיט טיילן פון דייטשע וניפאָרמען. אַ סך האָבן געהאַט ביקסן, אַנדערע ווידער יאַגד־פלינטן און נאָך אַנדערע — מינים אַלטמאָדיש געווער. ביי אַ טייל זענען בלויז געווען גראַנאַטן אָנגעהאָנגען אויפן פּאַסעק, מיט וועלכן ס'איז געווען אַרומגעגורט די פּופּייקע. ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין פרויען. אָנגעטאָן אין וואַטענע הויזן, האָבן עטלעכע פון זיי געצויגן עפּעס אַ קאַבעל.

★

ענדלעך זענען זיי צווישן פּאַרטיזאַנער. איצט קאָן שוין גאָרנישט שטערן אַריינצוטרעטן אין זייערע רייען. זיי האָבן זיך גענומען נאָכפרעגן צו דער קוואַרטיר פון דער אָנפירונג. ווער ס'האָט געקוקט אויף זיי מיט פאַרוווּנדערונג, ווער ווידער ס'האָט געשוויגן, ווער ס'האָט זיי אָפּגעפטרט מיט אַ נישט ווילנדיקן מאַך מיט דער האַנט, וואָס קאָן באַדייטן: "טשעפּע דיך אָפּ". ענדלעך האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן ביי אַ שיינעם הויז, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע דאָרפישע הייזער מיט דעם ברייטן פאַרנעם און בלעכענעם דאַך. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט דאָס הויז געהערט צו אַ רייכן פּויער, אַ חסיד פון די אוקראַיִנישע פאַשיסטן, וועמענס מנהיג איז געווען דער טרויעריק־באַרימטער סטעפּאַן באַנדעראַ.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין דעם הויז, האָט פאַר זייערע אויגן זיך אַנטפּלעקט אַן אמת פּאַרטיזאַניש בילד. אין דעם שיינעם גרויסן צימער מיט געמאָלענע ווענט זענען געווען אויסגעלייגט מיליטערישע זאָטלען, אַרום דער קוך אויסגעהאָנגען נאַסע אָנוצעס, דאָ און דאָרט צעשאָטן שטרוי פון אַ געלעגער. די גאַנצע לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט פערדישן און מענטשלעכן שווייס. אין אַ ווינקל איז געזעסן ביי אַ טישל אַ יונגערמאַן מיט אַ פאַרוואָרפענעם שוואַרצן קאָזאַקישן מאַנטל אויף די אַקסלען און געשריבן. ווי זיי האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, איז דאָס געווען פּאַוועל דעמיאַנענקאָ.

אויף זייער באַגריסונג האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַ בליק, ווי ער וואָלט פרעגן — וואָס ווילט איר?

— מיר ווילן זיך אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער. מיט וועמען קענען מיר ריידן?

— דאָרט — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ קליינוווּקסיקן חבר, וועלכן זיי האָבן ביז איצט נישט באַמערקט... דאָס איז געווען דער שעף פון שטאַב, כאָמאַ טימאָפיעוויטש קודאַיאַר — און ווייטער זיך איבערגעבויגן איבער די פּאַפּירן.

— מיר ווילן זיך אָנשליסן צו די פּאַרטיזאַנער — האָבן זיי איבערגעחזרט זייער ביטע.

— איר האָט דאָך נישט קיין געווער.

— וועלן מיר דאָס נעמען ביים שונא — האָט געענטפערט מיט אַ פעסטער איבערצייגונג גרישאַ לעיווי, מיט בלומעס צושטימונג.

קודאַיאַרס אויגן האָבן אָנגעהויבן שמייכלען. — הערסט, פּאַוועל — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין חבר — זיי ווילן געווער נעמען ביים שונא... וועלן מיר זיי איבערלאָזן ביי אונדז, וואָס זאָגסטו?

דער שרייבער האָט בלויז אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ אויף יאָ... און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן.

זיי זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום ניינטן באַטאַליאָן "זאַ ראָדינו" — דער באַקאַנטער אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש סאָבוראָוו. די אָפּטיילונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין די בריאַנסקער וועלדער און נאָך אַ לאַנגן רעיד דורך דעם דניעפּר זיך געפונען אין מערב־אוקראַיִנע. דער פירער פון זייער באַטאַליאָן איז דעמאָלט געווען איוואַן פיליפּאָוויטש פיאָדאָראָוו, דער שפּעטערדיקער פירער פון דער פאַראייניקונג נומער 2 פון ראָוונער פּאַרטיזאַנישן קרייז.

דעם צווייטן טאָג פרי האָבן זיי שוין געוואַרט נעבן דער גאַיווקע אויף דער אָפּטיילונג, וואָס האָט דורך דעם וואַלד זיך געלאָזט אין זיין באַשטימטן רעיד...

מיט טרערן אין די אויגן האָט זיך געזעגנט מיט זיי די פאַמיליע סוראָוויעץ. לאַנג זענען זיי געשטאַנען און געפּאָכעט מיט די טיכלעך און באַדויערט, וואָס זיי קאָנען נישט גיין צוזאַמען מיט זיי...

שוין אין די ערשטע טעג, זייענדיק אין דער אָפּטיילונג, האָבן זיי זיך געטראָפן מיט זייער באַקאַנטן פּאַרטיזאַנער, וועלכער האָט פּאַראַדירט מיט גרישאַס פּאַסיק. אויף זייער פאַרלאַנג ער זאָל אים צוריק געבן, האָט ער געמאַכט אַ פּנים פון אַן אומשולדיק קינד און געזאָגט: "וואָס איז דער אונטערשייד צי אויף מיר וועט זיין דער פּאַס, צי אויף דיר, אבי ער וועט אָנטייל נעמען אין קאַמף. אָט דאָס איז וויכטיק." אַ ווילער בחור און אויך אַ גוטער זעלנער איז דאָס געווען און, באמת, איז נישט געווען אויף וואָס צו קלאָגן זיך אויף אים צום קאָמאַנדיר פאַר דעם פּאַסיק.

★

... די אַקציע אין אָסטקע איז פאָרגעקומען דעם צווייטן טאָג, ווי זיי זענען נאָר געקומען צו די פּאַרטיזאַנער. דאָס איז געווען זייער ערשטער אָנטייל און דאָס ערשטע געפיל פון אַ באַוואָפנטן קאַמף.

אויף אַ רו־פּלאַץ, נאָך אַ מאַרש פון עטלעכע טעג, האָבן די יינגלעך פון דער קאָמענדאַנטור, צו וועלכער בלומע איז געווען צוגעטיילט, איר געגעבן אַ פּאָר נישט דורכנעצנדיקע שטיוול, אַזוי גערופענע "דאַוויגראָדזקי".

— דו, "פּאָלקאַ" — זיי האָבן נאָך נישט געקענט איר נאָמען, פּונקט אַזוי ווי זי האָט זייערע נישט געקענט, זיי זענען דאָך געווען שטענדיק אין מאַרש און נישט באַוויזן זיך דערקענען נענטער — דו באַהאַלט דיינע לאַקערקעס צום טאַנצן נאָך דעם, ווי מיר וועלן אַרויסטרייבן די "פּריצן". איצט צי אַרויף אונדזערע שטיוול.

בלומע האָט אַ קוק געגעבן אויף אירע "ציווילע" פּאַנטאָפל, פון וועלכע עס זענען שוין נאָך דעם מאַרש אַרויסגעקראָכן די פינגער און

זיך צעוויינט. ניין, נישט חלילה נאָך די פֿאַנטאָפּל, נאָר דער פֿאַקט, וואָס מען האָט זי שוין אַנערקענט אַלס פּאַרטיזאַן און מען האָט אין איר נישט פֿאַרגעסן...

עס איז סוף נאָוועמבער 1942. זיי זענען געקומען צו דער באַזע פֿון זייערע אָפּטיילונגען, צום דאָרף סילעזשוווקאַ, דעם באַקאַנטן אין דער געשיכטע פֿון פּאַרטיזאַנישע קאַמפֿן. דאָס איז געווען זשיטאָמירער קרייז. די כאַטעס זענען דאָ געווען געמאָלענע ווייס־גרין, אַרום אַ ריינקייט, אַ רואיק און שטיל לעבן פֿון די פּויערים אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף צווישן די געדיכטע וועלדער. דאָס אָרט איז געווען ממש אויסגעטרוימט פֿאַר אַ פּאַרטיזאַנישער באַזע.

נאָך דעם אָפּרו איז בלומע גערופֿן געוואָרן צום פֿירער פֿון שטאַבס־שוץ.

— יאַנאַ — האָט ער געזאָגט — דיין פֿראַגע וועגן צוטרעטן צו די פּאַרטיזאַנער מוז איצט געלייזט ווערן. דו האָסט מיטגעמאַכט בלויז אַ קליינע פּראָבע. מוזט וויסן, ביי אונדז איז נישט לייכט. די דיסציפּלין איז גרעסער ווי ביים נאָרמאַלן מיליטער, עס איז אַ קאַמף אין רוקן פֿון שונא און דאָס לעבן איז אין סכּנה יעדן אויגנבליק. בעסער פֿריִער אַלץ איבערצוקלערן, איידער מען טוט ענדגילטיק באַשליסן. — די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין און איז אַוועקגעגאַנגען.

די גאַנצע צייט איז זי געשטאַנען און אויסגעהערט די באַמערקונגען און באַלערונגען, וועלכע עס האָט וואַרשיינלעך געמוזט אויסהערן יעדער פּאַרטיזאַנער און זי האָט זיך געטראַכט: מיין קאַמף האָב איך דאָך שוין אָנגעהויבן אַלס זעכצן־יעריק מיידל אין די רייען פֿון דער אומלעגאַלער, קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין לובלין, דורכגעמאַכט אַ תּפֿיסה, אַ קאַמף אין ברענענדיקן וואַרשע. איך בין דאָך נישט געקומען אַהער צוליב ראָמאַנטיק, נאָר קעמפֿן מיטן שונא — נעמען נקמה...

אין דער פֿרי, האָט זי צוזאַמען מיט גרישאַ לעיווי זיך געמאָלדן אין שטאַב, וועלכער האָט זיך געפֿונען איני אַ הייזקע ביים ראַנד פֿון דאָרף, וואָס האָט זיך שוין געשלאָסן מיטן וואַלד. אויף זייער באַגריסונג, איז אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש אַ פּאַרטיזאַנער, אויסשטרעקנדיק צו זיי זיין האַנט, האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט מיט דעם נאָמען סאָבוראָוו און גלייך צוגעטרעטן:

— פֿון וואַנען זייט איר?

דער שמועס האָט געדויערט אַן ערך פֿון אַ שעה צייט...

— אויב אַזוי — האָט סאָבוראָוו פֿאַרענדיקט — וועלן מיר צוזאַמען שלאָגן אונדזער בשותּפֿותדיקן שונא.

— אַזוי איז — האָט בלומע און גרישאַ אויסגערופֿן, נישט פֿאַרגעסנדיק די נעכטיקע לעקציע — "ביי אונדז איז אַלץ ווי ביים מיליטער..."

מיט פֿרייד האָבן זיי אויפֿגענומען דעם באַפֿעל צו גיין צוריק אין זייער פּלוטאָן פֿון ניינטן באַטאַליאָן, ווו זיי האָבן זיך געמאָלדן ביי דעם קאָמאַנדיר איוואַן פֿיליפּאָוויטש פּיאָדאַראָוו.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָבן זיי צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַרטיזאַנער אָפּגעגעבן די שבֿועה:

"פֿאַר אונדזערע פֿאַרברענטע דערפֿער און שטעט, פֿאַר דעם טויט פֿון אונדזערע קינדער, פֿאַר דעם איזדעקעווען זיך איבער מיין פֿאָלק — שווער איך נקמה צו נעמען איבער דעם שונא אומברחמנותדיק. בלוט פֿאַר בלוט! טויט פֿאַר טויט!"...

★

פֿון בלומעס ערשטע פּאַרטיזאַנישע שריט איז פֿאַרגאַנגען אַ שיינע צייט. געבליבן זענען דערינערונגען פֿון בלוטיקע שלאַכטן, שווערע און ביטערע טעג. אין משך פֿון דער צייט האָט זי אויסגעפֿירט פֿאַרשידענע פֿונקציעס: געווען אַ זעלנער פֿון שטאַב־שוץ, אַ סאַניטאַר־שוועסטער, אַ דיווערסאַנט און אויסשפּירער. אַ סך מאָמענטן האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין זכּרון. זי געדענקט דעם קאַמף ביי סילעזשוווקע, דאָס איז שוין געווען דעמאָלט, ווען זי האָט זיך שוין צוגעוווינט צו שטיין אויף וואַרטע צוויי שעה אין פֿראָסט. זי האָט שוין באַקעמפֿט די שרעק, ווען אין אַזאַ ביינאַכטיקער שטילקייט, אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין אַ טיפֿן שלאָף, הייבן די ביימער אָן צו קנאַקן פֿון דעם פֿראָסט און עס דאַכט זיך דיר, אַז אָט פֿון צווישן די ביימער און קוסטעס רוקט זיך אַרויס אַ פֿיינטלעכע האַנט מיט אַ געלאַדענער ביקס... די נשמה איז טאַקע געשטאַנען ממש אויפֿן שפּיץ נאָז און געהאַט האָט זי נישט מער ווי אַן אַלט־פֿראַנקישע פֿלינטע מיט איין קויל — אויף אַלאַרם...

ווי גליקלעך איז זי שוין געווען, ווען זי איז אַריין אין דעם דושנעם הייזל, ווו אַלץ איז געשלאָפֿן אויף דער ערד, וועדער אויף אַ ביסל שטרוי, צוגעדעקט מיט וואָס נאָר איינער האָט געהאַט. בלומע איז אַרויפֿגעקראָכן אויף דעם ברייטן רוסישן אויוון, כּדי לעבן דער קעכין אולע זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען. ווידער זענען פֿאַרביי פֿיר שעה — און ווידער אַרויס אויף דער וואַרטע.

דאָס איז געווען סוף דעצעמבער 1942. איבער סילעזשוווקע זענען אָנגעפֿלויגן פֿיינטלעכע עראָפּלאַנען און גענומען באָמבאַרדירן. ס'האָט זיך אויך באַקומען אַ ידיעה, אַז עס דערנענטערן זיך צוויי דייטשע דיוויזיעס...

אַזוי האָט זיך געצויגן אויך דער גאַנצער חודש יאַנואַר 1943. שטענדיקע צוזאַמענשטויסן און קאַמפֿן, מאַרשן איבער טאָלן, גריבער און צערייסענע און בלאָטיק־צעווייקטע וועגן; דער אָנפֿאַל אויף דעם פּאַרטיזאַנישן שפּיטאָל אין די מאַרלינער כוטאָרן ווו מ'האָט פֿאַרברענט די פֿאַרוווּנדעטע; דער קאַמף ביי שוהאַל; נאָר דאָס שווערסטע איז פֿאַרגעשטאַנען דעם ניינטן פֿעברואַר, אונטער דעם דאָרף כאַרפּון.

די פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט קעגן זיך אַ דיוויזיע פֿון ס.ס. איינגעגראָבענע אונטער ביימער און האַלב איינגעפֿאַלענע הייזער... דער קאַמף האָט געדויערט אָן איבעררייס דריי טעג. דאָס דאָרף איז געשטאַנען אַרומגעכאַפּט פֿון פֿלאַמען. און די פּאַרטיזאַנער זענען די אָנגרייפֿער... אייגנטלעך איז דער ציל נישט געווען אָנצוגרייפֿן, נאָר נישט דערלויבן דעם שונא אַריינצודרינגען אין זייער געביט, וואָס איז געלעגן אויף צפֿון־מערבֿ פֿון כאַרפּון.

און דער ערשטער ליניע האָט געקעמפֿט דער 9־טער באַטאַליאָן. די פּאַרטיזאַנער האָבן פֿאַרנומען די פּאָזיציע ביים ראַנד פֿון וואַלד, אַן ערך הונדערט מעטער פֿונעם שונא. אָפּגעטיילט איינע פֿון די אַנדערע האָלט בלויז אַ פֿלאַכער שטח באַדעקט מיט שניי.

דער קאַמף איז געווען אַ פֿאַרביטערטער. אָן אויפֿהער האָט געשאָסן זיך דאָס פֿייער פֿוןביידע זייטן. עס זענען געווען זייער אַ סך טויטע און פֿאַרוווּנדעטע, וועמען בלומע האָט באַנדאַזשירט ליגנדיק צוגעפּרעסט צו דער ערד.

אויפֿן דריטן טאָג איז געוואָרן אַ ביסל שטילער, אָבער דעם שונא אַרויסצושטויסן פֿונעם דאָרף איז, טראָץ אַלעם, נישט געלונגען.

נישט ווייט פֿון כאַרפּון, פֿאַראיינזאַמט אין וואַלד, איז געשטאַנען אַ כוטאָר און דאָ אויף אַ ברייטער לאָנקע האָבן די פּאַרטיזאַנער צוגעגרייט דעם פּלאַץ כּדי צו דערמעגלעכן די עראָפּלאַנען צו לאַנדן. דער ציל איז געווען אַוועקצושיקן די עטלעכע צענדליק שווער פֿאַרוווּנדעטע; דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. בלומע איז געשטאַנען הילפֿלאָז, זיך צוגעקוקט צו די ליידן פֿון די מענטשן,

וועלכע זענען געלעגן און זיך געמאַטערט אין ווייטיק, הונגער און לייז; די לייז זענען פול געווען אַפילו אין די באַנדאַזשן. אַזוי האָבן זיך געצויגן אומענדלעכע שעהען און די עראָפּלאַנען האָט מען נישט געזען. בלומע איז יעדעס מאָל צוגעלאָפן צו די קראַנקע, זיי געטרייסט, באַרויִקט און ווידער אַוועק צום פּלאַץ, ווו מ׳האָט צוגעגרייט דאָס האָלץ פאַר די שייטער־סיגנאַלן. ענדלעך האָבן זיי דערהערט אַ ברומען אין דער לופטן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פון פרייד האָט בלומע פאַררייסן דעם קאָפּ צום הימל, דאָרט האָט זיך באַוועגט אַ קליין גלימערנדיק פּינטעלע. אין איין אָטעם איז זי אויך געלאָפן צו די שייטער־פונקטן מיט אַזאַ געפיל, ווי זי וואָלט געלאָפן באַגעגענען טאַטע־מאַמע. אָבער דער עראָפּלאַן האָט לאַנג געקרייזט אַרום דעם פּלאַץ און נישט געלאַנדעט. ווייזט אויס, אַז ס׳האָט אים פאַרפירט דאָס פייער פון דעם ברענענדיקן דאָרף... א פאַרצווייפלטע איז זי צוריק געגאַנגען צו די פאַרוווּנדעטע, זי האָט זיך פשוט געשעמט זיי צו קוקן אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט דאָ געווען די שולדיקע.

אין קאַמף ביי כאַרפּון האָבן זיי געגעבן גרויסע קרבנות. בלויז פון זייער פּלוטאָן זענען געפאַלן פופצן מאַן. די פאַרלוסטן האָבן זיי שטאַרק געפילט. לאַ די, איז נאָך אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. אויף אַן ערך ניינציק וועגענער זענען געלעגן פאַרוווּנדעטע און קראַנקע. אַזאַ גרויסן לאַגער האָט מען געמוזט פאַרטיידיקן, היטן און פלעגן... טראָץ אַלעם, האָבן זיי זיך נישט געלאָזט מיטרייסן פון אַ פאַרצווייפלונג, נאָר שטענדיק זיך דערהויבן איבער דעם טרויעריקן מצב.

פּערזענלעך, איז בלומע אַרויס פון דעם קאַמף בלויז מיט אָפּגעפּרוירענע פיס. נאָר דער אומברחמנותדיקער טויט האָט צוגערויבט איר בעסטן פריינט — גרישאַ לעיווי. ער האָט זיך לאַנג געמוטשעט און זי האָט זיך הילפסלאָז צוגעקוקט און נישט געהאַט מיט וואָס צו העלפן. גרישאַ איז געלעגן מיטן אויפגעריסענעם בויך, אין וועלכן ס׳האָט געשטעקט אַ גרויסער שפּליטער פון אַ גראַנאַט. אַלץ אַרום איז געווען נאַס פון זיין בלוט.

— בלומע, זאָלסט נקמה נעמען, אויך פאַר מיר... — דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער, און אויף בלומעס הענט האָט ער אויסגעהויכט די נשמה.

איר האַרץ איז געווען שטאַרק פאַרקלעמט פון אַזוי פיל ווייטיק און אַזוי פיל צוגעזעענע טויטן, האָט זי נישט געקענט וויינען. אָן ווערטער האָט זי געגעבן די שבועה צו האַלטן זיין צוואה.

אויף דעם באַפעל פון דער אָנפירונג, איז בלומע פּערלמוט צוגעטיילט געוואָרן צו דער אינפאָרמאַציע־אָפּטיילונג. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער דעם געביט, דערפער און וועלדער — מיט פאַרשידענע אויסשפּיר־אויפגאַבן. נאָר דאָס איינזאַמע וואַנדערן האָט זיך דערעסן און זי האָט געבעטן, מען זאָל זי בעסער צוטיילן צו אַ דיווערסיע־אָפּטיילונג.

דאָ, צווישן די פּאַרטיזאַנער, האָט זי זיך געפילט ווי אין אַן אייגענער וועלט, אין אַן אייגענער חברישער סביבה. כאָטש ביי אַזאַ אַרבעט איז מען תמיד אויסגעשטעלט אויף גרויסער געפאַר, האָט דאָ געהערשט אַ פעסטער גייסט, אַ כוח, וואָס שטענדיק געוועקט, געגעבן אַ באַפרידיקונג אין דער קאָנקרעטער אַרבעט קעגן שונא.

עס איז שוין געווען יוני 1943. זיי האָבן סטאַציאָנירט אין דאָרף יעזיאָר, קרייז דאָמבראָוויצע. בלומע איז נאָך געשמאַק געשלאָפן, ווי זי האָט פּלוצעם דערפילט, אַז מען רייסט זי ביים אָרעם.

— יאַנאַ, שטיי אויף! — האָט גערופן דער אַדיוטאַנט פון גענעראַל בעגמאַ.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט זי געפרעגט, נאָך האַלב פאַרשלאָפן.

— וואַסיל אַנדרעיעוויטש רופט דיך אין שטאַב.

— מאַך דיך נישט נאַריש, וואָס דאַרף מען מיך?

נאָר אייוואַנאָוו האָט, ווייזט אויס, געוווּסט אַזויפיל וויפל זי. שנעל האָט זי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס געוואַנט און שטאָלפּערנדיק אין דער פינצטער איבער פאַרשידענע גרודעס און פּניאַקעס, איז זי געלאָפן צום געצעלט פון שטאַב.

ביי אַ פייערל זענען געזעסן דער גענעראַל בעגמאַ, דער קאָמיסאַר פון געוועזענעם באַטאַליאָן "זאַ ראָדינו" און דער סעקרעטאַר פון קרייז־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל — לעאָניד סמירנאָוו.

מ׳האָט זי אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן איר פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט און אויך וועגן דעם, ווי אַזוי זי איז געקומען צו די פּאַרטיזאַנער. הויפּטזאַכלעך האָבן זיי זיך אינטערעסירט מיט דער אַרבעט אין ק.ז.מ.פּ. און מיט איר אַרעסטירונג. בלומע האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל דענערווירן: וואָס איז דאָס, האָט זי געטראַכט, צי האָט מען צו איר נישט קיין צוטרוי? אָבער באַלד איז איר אַלץ געוואָרן קלאָר.

— די לאַגע אין וואָלינער געביט איז שוין אויף אַזוי פיל רייף — האָט געזאָגט גענעראַל בעגמאַ — אַז מיר קענען צוטרעטן צו אָרגאַניזירן דאָרט אָפּטיילונגען פון דער אייגענער פּוילישער באַפעלקערונג. עס זענען שוין אויך פאַראַן קליינע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, ווי אויך זעלבסטשוץ־גרופּעס קעגן די באַנדעס פון בולבאָווצעס... מיר האָבן באַקומען געווער און מיר קענען שוין צוטרעטן צו אָרגאַניזירן אַן אמתע אַרמיי...

בלומע האָט שוין געפילט וואָס ס׳איז זיין כוונה — און ער האָט זי נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן.

— איר, ווי אַ פּוילישע בירגערין און מיטגליד פון ק.ז.מ.פּ., ווערט צוגעטיילט צו די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, מיט וועלכע עס פירט אָן דער פּוילישער בחור איוואַן גאַליצקי פון אונטער קיעוו.

צוויי קילאָמעטער פון דער אַלטער, פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ איז געלעגן דאָס אָרט קופּעלאַ און נישט ווייט אין וואַלד איז געווען די באַזע פון גאַליצקיס פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג אויף דעם נאָמען "פעליקס דזשערזשינסקי". די גאַנצע אָפּטיילונג האָט געציילט נישט מער ווי פופציק מאַן, מיינסטנס מענטשן פונעם דאָרף קופּעלאַ און פון די דערפער סלאָבודקאַ און מלינקי. שוואַך באַוואָפנט און נאָך ווייניקער אויסגעשטאַט אין מעדיקאַמענטן און באַנדאַזשן.

בלומעס אויפגאַבע איז געווען אַוועקצושטעלן דאָ די פּאָליטישע אַרבעט. גלייכצייטיק האָט זי באַקומען אויך די נאָמינאַציע פון סעקרעטאַר פון אונטערערדישן ראַיאָן־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל...

די אַרבעט מיט די געביטגרופּעס, איז געווען שטאַרק קאָנספּיראַטיוו, איבערהויפּט אין די דערפאַר, וועלכע זענען געלעגן נענטער צו ראָקיטנאָ, ווו עס פלעגן שטענדיק אַריינדרינגען די דייטשן. עס האָבן דאָ אויך נישט געפעלט קיין שפּיצלען און צוטרעגערס. די מיטגלידער פון קאָמסאָמאָל אין די דערפער זענען געוואָרן זייערע פאַרבינדלער און אינפאָרמאַטאָרן אויף דעם געביט.

אָנגעהויבן פון ראָקיטנאָ, דורך דער באַן־סטאַציע אָסטקי ביז דעם צפון־טייל פון דעם ראַיאָן, איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אַזוי גערופענער "פערדישער טעלעפאָן". געאַרבעט האָבן דאָ אַ גרופּע מיידלעך, וועלכע האָבן בלומען פאַרבינדן מיט דער סטאַציע־אַרבעטערין פון אָסטקי — לענאַ.

זייער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין וואַלד. ס׳איז געשטאַנען

פאַר איר אַ שיין אוקראַיִניש מיידל, מִיט אַ דיקן צאָפּ, אויסגעפלאָכטן ווי אַ קרוין אויף איר קאָפּ... זי האָט קודם געקוקט אויף בלומען מיט גרויס פאַרווונדערונג. ווי געוויינלעך, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט צו באַגעגענען אַ גרויזאַמען און באַוואַקסענעם פאַרטיזאַן מיט אַ לאַנגער באָרד, און דאָ האָט זי געטראָפן אַ יונג, צעשמייכלט מיידל, ווי זי אַליין, אין אַ ציווילן מאַנטל, בלויז אויף די פּלייצעס איז געווען אַריבערגעוואָרפן די ביקס, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ ביסל וואַגיקייט.

נאָך אַ לענגערן שמועס האָב לענאַ מסכּים געווען מיטצואַרבעטן. דורך די פאַרבינדלער פון די כוטאָרן, וועלכע זענען צו איר געקומען אונטער פאַרשידענע פּרעטעקסטן, האָבן זיי באַקומען די נויטיקע ידיעות פון דעם באַן־אָפּשניט, וואָס דערמעגלעכט אויסצופירן עפעקטיווע אָפּעראַציעס.

צווישן אַנדערע האָט די אָפּטיילונג בלויז אין חודש אָקטאָבער 1943 אויפגעריסן צוויי צוגן, אַ באַן־בריק און איבערגעשניטן די גאַנצע טעלעפאָן־פאַרבינדונג. צווישן די מינען־לייגער האָבן זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט די צוויי יידישע פאַרטיזאַנער — אברהם קעק און בראָנעק ציבולסקי.

וועבנדיק שטילערהייט אירע איבערלעבונגען האָט בלומע געזאָגט:

— איך דערמאָן זיך אַ פאַקט: מיר האָבן געלאַגערט אין דאָרף אילנאָ. כּדי צו באַזאָרגן זיך מיט לעבנסמיטל האָבן מיר געמוזט פאָרן צו די יעזשאָרנער כוטאָרן, צו וועלכע ס'האָט געפירט אַן איינציקער שמאָלער וועג, דורך ברייטע צעשפּרייטע באַגנעס און ווייטער איז שוין געווען אַ וואַלד און עטלעכע קליינע כאַטקעס. די געגנט האָבן מיר שוואַך געקענט. מיר זענען אַרויסגעפאָרן פאַרטאָג, אַ גרופּע פון אַ דרייסיק פאַרטיזאַנער, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאַר קאָוואַלענקאָ. פינף אויסשפּירער האָבן מיר געשיקט פאָרויס און מיר זענען פּאַוואָליע געפאָרן דורך דער וואַסער־דאַמבע אויף אונדזערע פערד, יעדער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען וועגן דעם עבר. פּלוצעם האָבן מיר דערהערט אַ קנאַלן פון ביקסן. מיר זענען אַראָפּ פון די פערד און גענומען זיך דעקן צווישן די שיטערע קוסטן. די קוילן זענען געפלויגן גאַנץ נידעריק.

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן מיר דערהערט דאָס קול פון אונדזער קאָמיסאַר: — די ערשטע קאָמפּאַניע רעכטס! די צווייטע לינקס! פאָרויס! הוררראַאַ!...

דאָס האָט געזאָלט מאַכן אַן איינדרוק פון אַ גרויסן כּוח, כּדי אָנצוװאַרפן אַ שרעק אויף די וולאַסאָווצעס.

דערווייל האָבן מיר דערזען פיר פון די אויסשפּירער, דעם פינפטן האָבן מיר נישט באַמערקט און אויך נישט די פערד. די אָפּטיילונג איז אַרויף אויף דעם טרוקענעם באָדן, צעשפּרייט אין אַ טיראַליער האָבן מיר געעפנט אַ געדיכט פייער, דורכרייסנדיק זיך אין וואַלד אַריין... דער שונא איז אָפּגעטרעטן.

אויף דעם וואַלד־פּליך האָבן מיר געטראָפן אונדזער אויסשפּירער, אַ דורכגעלעכערטן מיט קוילן און פון זיין קאָפּ אַ צעשפּאָלטענעם אויף אַ קרייץ האָט זיך אַרויסגעגאָסן דער מוח... מיר זענען שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערט.

מיט אַ טיכל האָב איך פאַרבונדן דעם קאָפּ פון אונדזער אויסשפּירער. דעם טויטן קערפּער אַריבערגעוואָרפן אויף מיין זאָטל און צוריקגעקערט זיך אין דאָרף.

★

די פאַרטיזאַנער האָבן געלאַגערט אין אַ יונג סאָסנאָווע וועלדל, נישט ווייט פון דאָרף דובניצקאַ־פּאָלעסיע. אַרום דעם דאָרף איז געווען די אמתע מלוכה פון די פאַרטיזאַנער. דאָ איז אויך געווען דער פליפלאַץ, די באַלעבאַטישקייט פון גענעראַל סאַבוראָוו. דער פליפלאַץ האָט אויך געדינט אַנדערע אָפּטיילונגען, ווי די ווייסרוסישע, ראָוונער פון גענעראַל בעגמאַ, טשערניכאָווער פון גענעראַל פיאָדאָראָוו און אַנדערע.

די אָפּטיילונג אויפן נאָמען "דזשערזשינסקי" האָט געוווינט אין שאַלאַשן, אויסגעשטעלט אין אַ ריי און צווישן זיי זענען געווען סטעזשקעס אויסגעשיטע מיט זאַמד. מיט בלומען צוזאַמען האָט געוווינט אַ ווילנער סטודענטין פון פאַרמאַקאָלאָגיע — האַלינאַ פּאַסטערנאַק. דער שאַלאַש איז געווען געבויט פון שטרוי און וויקלינע. אויבן איז געווען אַן עפענונג פאַר דעם רויך, ווען זיי פלעגן צעלייגן אַ פייערל אין מיטן שאַלאַש, כּדי עפּעס אָפּקאָכן, אָדער סתּם זיך צו וואַרעמען. פון ביידע זייטן זענען געווען די געלעגערס, דער איינגאַנג פאַרהאָנגען מיט אַ טישטוך, די ווענט זענען געווען מיט עפּעס באַצירט. אין די באַדינגונגען איז דאָס געווען אַן אויסגעטרוימטער פּאַלאַץ.

זייער שאַלאַש האָט אויך געדינט אַלס לייענזאַל. ס'איז דאָ געווען ריין, נישט אַזוי פאַרקאָפּטשעט ווי ביי די מענער. טאַקע דערפאַר זענען אַלע גערן אַהערגעקומען כאַפּן אַ שמועס און אַ ביסל אַנטשפּאַנען די נערוון, אָדער סתּם אַרום דעם פייערל אויפזינגען אַן אוקראַיִנישע דומקע.

בלומע דערמאָנט זיך: אין טאָג ווען זי האָט געבויט דעם שאַלאַש, זענען אָנגעקומען עטלעכע רייטער, צווישן זיי אַן עלטערער מאַן מיט אַ באָרד און אין זיין זייט דער סעקרעטאַר פון קאָמסמאָמאָל — סמירנאָוו.

— זדראַוואָ, דיעוושקאַ! — האָט אויסגערופן דער בערדיקער.

— פאַר וואָס אַרבעטסטו אַליין? פאַר וואָס העלפן נישט די בחורים? — ער איז גלייך אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און גענומען זיך צום אויפשטעלן די ווענט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בערדיקער איז געווען דער העלדישער פאַרטיזאַן גענעראַל קאָוופּאַק....

די אָפּטיילונג צו וועלכער בלומע האָט געהערט, איז צוגעטיילט געוואָרן צום שיצן דאָס פליפעלד. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט היטער ווייט פון דער באַזע, איבערגענומען די אייגענע פליִער און אויך אין אַ נויטפאַל אָפּגעשלאָגן די פיינטלעכע.

ס'איז כמעט נישט צו באַגרייפן, ווי אַזוי ס'איז מעגלעך געווען, אין רוקן פון די דייטשן צו האַלטן עטלעכע חדשים אַ פליפעלד אויף אַזאַ ברייטן פאַרנעם. בייטאָג האָט מען דאָ נישט געזען קיין לעבעדיקע נשמה, קיין שום באַוועגונג, אָבער אַרום, אין די וועלדער האָט געשוויבלט און געגריבלט פון נאַמיאָטן מענטשן, פערד און וועגענער. פאַרנאַכט האָבן זיי שוין גענומען צוגרייטן דאָס האָלץ פאַר דעם פייער: יעדן אָוונט אויף אַן אַנדער באַשטימטן אָרט. אויף דעם צייכן פון די ברענענדיקע הויפנס האָבן די פליער געלאַנדעט. מיינסטנס זענען געקומען צו פליען "דוגלאַסן". אָפט — עטלעכע מיטאַמאָל. זיי פלעגן ברענגען געווער, אַמוניציע, מעדיקאַמענטן, דאָקטוירים, קאָרעספּאָנדענטן. אויף די קאַסטנס זענען שטענדיק געווען אויפשריפטן: "האַרציקע גריסן פון די מענטשן פון סיביר, אוראַל, מאָסקווע". נישט איין מאָל האָבן זיי צווישן די זעק מיט אַמוניציע געפינען אויסגעאַרבעט אויף דראָטן אויערן־שיטצע, הענטשקעס אָדער סקאַרפּעטן. די מתּנות האָבן יעדן טיף גערירט, עס האָט דערמאָנט אין די נאָענטסטע. ווער ווייסט — עס האָט טאַקע געקענט זיין זייערע אַ מתּנה. נישט איין מאָל פלעגן די פליִער בלייבן נעכטיקן. די עראָפּלאַנען האָט מען דעמאָלט אַריינגעצויגן אין וואַלד, פאַרמאַסקירט און די פליִער האָבן זיך אויסגעזעצט ביי פאַרטיזאַנישע פייערלעך,

געשמועסט, געזונגען און ווען מ'איז צוריקגעקומען אויף דער באַזע, האָט מען געהאַט וואָס צו דערציילן....

ביי אַ דריי קילאָמעטער פון פּליפּעלד האָבן זיי געהאַט זייער פעלדשפּיטאָל און אין דאָרף דובניצק אַ באָד, אָרגאַניזירט אין אַן אַלט פּאַרלאָזט הויז. נעבן די צעגליטע שטיינער, אויף וועלכע מ'האָט געגאָסן וואַסער אויף פּאַרע, זענען געווען פּאַליצעס מיט בעזעמלעך פון בערעזענע צווייגלעך. בלומע איז געווען זיכער, אַז די דאָזיקע באָד וועט זי קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ווייל אויסבאָדן זיך אין יענע באַדינגונגען, איז דאָך געווען אַן אמתער תענוג.

דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט מיט גיכע טריט. יעדן טאָג האָט מען געהערט אין די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן וועגן נייע באַפרייטע שטעט און צוגלייך די מעלדונגען פון די דייטשן: "מיר האָבן פּלאַנמעסיק געררומט". זייער אַרבעט האָט איצט אָנגענומען אַן אַלץ ברייטערן פּאַרנעם און גרעסערע אַקציעס. די אָפּטיילונגען האָבן אָנגעהויבן אָנצוגרייפן גאַרניזאָנען, צו שאַפן אַ פּאַניק אין די רייען פון שונא און צווינגען אָפּצוציען מיליטער פון דעם פראָנט.

די ראָוונער אָפּטיילונגען האָבן באַקומען אַ באַפעל צו צעשמעטערן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין ראָקיטנאָ. זיי ווידער האָבן געהאַט די אויפגאַבע דורכצופירן אַ ריי אויסשפּיר־אַרבעטן. ס'איז געקומען דער דעצידירנדיקער מאָמענט. גענוי לויט דעם פּלאַן. האָבן די ראָוונער אָפּטיילונגען געדאַרפט פאַרנעמען אַלט ראָקיטנאָ און פאַרניכטן דעם דרוק־טורעם; זיי ווידער האָבן גלייכצייטיק געדאַרפט אָנטיילנעמען ביי אַטאַקירן דעם באַנהויף.

★

די ראָוונער אָפּטיילונג, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל בעגמאַ, האָט געצויגן אויף מערב. אויפן פּלאַץ איז געבליבן אַ ניי־אָרגאַניזירטע בריגאַדע אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן נירקאַ. אין דער בריגאַדע איז בלומע פּערלמוט באַשטימט געוואָרן אַלס פּאָליטישער הילפס־קאָמיסאַר.

צו דער בריגאַדע האָבן געהערט: די אָפּטיילונגען אויף דעם נאָמען פון "דזשערזשינסקי", "מאַלאַטאָוו" און די גרופּעס פון די דערפער קאַראַשני, שאַכע, וויעלון און בערעזוו.

זייער אויפגאַבע איז געווען: פירן אַן אויסשפּיר־אַרבעט, סאַבאָטאַזש און דיווערסיע, אָבער דאָס וויכטיקסטע איז געווען — מאָביליזירן די יוגנט און אַריבערפירן דורכן פראָנט אויף דער סאָוויעטישער זייט.

דעם 24־טן דעצעמבער 1943 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָמיסיע אין דאָרף שאַכע. דער דאָקטער האָט אַרויסגעגעבן אַ געזונט־צייגעניש און שוין דעם זעלבן טאָג האָבן די פּאַרטיזאַנער אַריבערגעפירט איבערן פראָנט זעקס הונדערט מאַן און זיי איבערגעגעבן דער 13־טער אַרמיי פון דעם גענעראַל־לייטענאַנט פּוכאָוו.

נאָכן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי קיין ראָקיטנאָ, איז בלומע צוריקגעקומען צום "שטורעם־באַטאַליאָן" פון דער בריגאַדע "גרונוואַלד", וועמענס אָנפירער איז געווען דער קאַפּיטאַן טעאָדאָר דוראַ. מיט אַ דעסאַנט־גרופּע האָט מען זי אַראָפּגעוואָרפן אין געביט פון לובלין, ווו זי האָט אָנגעהויבן אַ נייעם קאַמפּס־עטאַפּ מיט די היטלעריסטן, אין די רייען פון דער פּאָלקס־אַרמיי...

בלייבנדיק טריי דער געגעבענער שבועה איר טייערן יונגן פריינד — דעם העלדישן פּאַרטיזאַן גרישאַ לעיווי — האָט זי ווייטער געקעמפט אין די פּאַרטיזאַנישע רייען אין די קאָזלאָוויעצקער וועלדער, שפּעטער אין די רייען פון דער נאָרמאַלער פּוילישער אַרמיי, ביז צום ענדגילטיקן זיג איבער דער בלוטיקער היטלעריסטישער בעסטיע.

# נחת פון לובלינער

מיט אַ באַזונדערער הנאה פאַרצייכענען מיר אין איצטיקן יובל־נומער "קול לובלין" די אָנגעזעענע צאָל בני־עיר, וואָס האָבן אונדז פאַרשאַפט אַ סך נחת – און מיר מעגן זיין שטאָלץ מיט זייערע אויפטוען:

אויפן ליטעראַרישן געביט – **יחיאל גראַנאַטשטיין** אין ירושלים, **משה זאַלצמאַן** אין פּאַריז, **בנימין לובעלסקי** אין ירושלים און **נ. שמן** אין טאָראָנטאָ, וועמענס ביכער זענען לעצטנס דערשינען אין ישראל און געהאַט אויסגעצייכנטע רעצענזיעס, וואָס אַ טייל פון זיי פאַרעפנטלעכן מיר ווייטער, נאָר מיט באַדייטנדיקע קירצונגען, צוליב מאַנגל אין אָרט.

אין מלוכהשן פאַרלאַג אין לובלין איז אויך דערשינען, אין פּוילישער איבערזעצונג דאָס בוך פון **רוזשקע שניידמאַן־פּישמאַן** "MÓJ LUBLIN".

לטובת מדינת ישראל: **באַלטשע און ישראל אייזענבערג** – מיטן שענקען אַן אַמבולאַנס פאַרן מגן דוד אדום אין פּתח־תקוה; **שרה און מאַנפרעד פרענקעל** – פאַרן שטיצן די מיידל־שול אין בני־ברק, "אור חיים" און פאַר אונטערהאַלטן נויטבאַדערפטיקע לובלינער משפחות אין לאַנד; **לובאַ און משה קאָרן** פאַרן העלפן אויפשטעלן אַ קינדערגאָרטן פאַר איבער 80 קינדער אין תל־אביב.

אַנערקענונג און אויסצייכענונגען: אונדזער בן־עיר **ד"ר שמחה בינעם ווייס** איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע אין וואַרשע; **אינזש' מרדכי לערמאַן** אין פּאַריז האָט באַקומען די ערן־פּרעמיע פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין פראַנקרייך, ווי אויך דעם אָרדער "ריטער פון ליטעראַטור און קונסט" פון פראַנצויזישן קולטור־מיניסטער.

★

**2 "לובלינער פראַגמענטן" פון יחיאל גראַנאַטשטיינס בוך "הגבורה האחרת":**

## יחיאל גרנטשטיין

**(2 קטעים מתוך הספר של בן־עירנו "הגבורה האחרת" – היהודי הדתי במאבק גבורה ובמרי נגד גזירות הנאצים בשנות השואה. בהוצאת מכון זכר נפתלי, מרכז לחקר החסידות ומחשבת ישראל מיסודו של הרה"ג אליהו חיים קרליבך שליט"א. ירושלים, תשמ"ט, 1988. 408 עמ'.**

## חיילים יהודים בשבי הנאצים מתפללים ביום כיפור בציבור

החייל היהודי בצבא הפולני, מ. ראיאק, נפל בימים הראשונים למלחמה, בשנת 1939, בשבי הגרמני. כמו רבים אחרים הועבר למחנה־שבויים גדול בלובלין (בזמן שאליו מתייחס העד נמצאו בו כשלושת אלפים שבויי־מלחמה). תקופה ארוכה עשה העד במחנה זה, ועל יום כיפור אחד, בשנת תש"ב־1941, הוא מספר: ––"בין השבויים היהודיים היה רב־שדה בשם: הרב קליין. הרב אירגן במחתרת מנין לקראת יום הכיפורים. היהודים פינו צריף אחד, הביאו מן העיר טליתות, ואלה שהצליחו להשתחרר מהעבודה, התאספו כדי להתפלל בציבור.

בשעת התפילה לא חסרו כמובן דמעות ובכי. על אף שהמנין אורגן בחשאי, במחתרת, לא יכלו היהודים להתגבר על

רגשותיהם והתפללו על הקול, עד שהדי התפילה הגיעו לאזני הגרמנים.

לתוך הצריף חדרו מ. גלובוצ׳ניק, רידל, דילויוונגר, מרפינקל, שטראם, ועוד. היהודים נבהלו מאוד, החלו לסגת מן הצריף, ולעזוב אותו, אך גלובוצ׳ניק ציווה עליהם להמשיך בתפילה. היהודים המשיכו בתפילותיהם, והגרמנים ניצבו כל הזמן בצריף. אחר כך קרא גלובוצ׳ניק להרב קליין לבוא אליו והוא התווכח עמו בענינים יהודיים, וחקר אותו בענין "הפרוטוקולים של זקני־ציון", בדבר השימוש בדם נוצרי לאפיית־מצות, ובנושאים דומים ———".

הרשע המפורסם הנ"ל, גלובוצ׳ניק, שידו היתה בטבח יהודים לא רק בפולין, אלא גם בסלובקיה, בולגריה, יוגוסלביה ויוון, תמה כנראה, והתפלא מתכונתם של בני־העם היהודי שכל הצרות הפוקדות אותם: הרעב, ההשפלה, העינויים והמוות שאותו הם רואים לפניהם בבירור, אין בכוחם לנתקם ממורשתם, מאמונתם, מאלוקי־אבותם, עד שגם במחנה־שבויים, מתחת לאפם, אינם נרתעים מלדבוק בהם. הוא קרא לרב המחנה לשיחה על עניני דת ואמונה של היהודים כדי להבין יותר את יסוד כוחם הנפשי־הרוחני.

ואפשר גם אפשר שהתפילה היהודית הנלהבת ביום כיפור במחנה־שבויים, התפילה שבה הצוררים הנ"ל נכחו, אותתה לו ולחבריו כי על עם קשה עורף כזה אולי לעולם יתגברו, אולי לעולם לא ינצחוהו?

## קצין גרמני גבוה והילד היהודי

חייל יהודי בצבא פולני שנפל בראשית המלחמה בשבי הגרמנים, הועבר על ידיהם למחנה־שבויים בעיר לובלין. הלה מספר בעדותו:

———"ברחוב פגשני הד"ר שטורם (קצין גרמני גבוה במחנה השבויים הנ"ל – י.ג.), והוליכני לבית־יהודי אחד ברחוב גרודזקה. היהודים, בראותם אותי נכנס עם גרמני לדירת מגורם, נבהלו. אך הלה הרגיעם. למשפחה זאת היה ילד יפהפה בגיל שלוש. הקצין הגרמני שיחק עמו, כיבדו בממתקים, והילד זהר מרוב שמחה. גם ההורים של הילד היו מופתעים לטובה מן היחד החם והבלתי רגיל של הקצין הגרמני אל ילדם, ורוו נחת. אך, לפתע הוציא הגרמני את אקדחו וירה בראשו של הילד שהתנפץ לחתיכות והציף את החדר בדם רב ———".

# זכרונות פון אַ בעל־תשובה

## פון יוסף פרידלענדער

**משה זאַלצמאַן, מענטשן און געשעענישן, "ישראל־בוך", תל־אביב, 1988.**

משה זאַלצמאַנס זכרונות־בוך געהערט צו דער תשובה־ליטעראַטור פון געוועזענע. פאַרברענטע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין זייער סאָוויעטישן גאָט. פאַראַן שוין אַ גרויסע ליטעראַטור ביי אונדז און ביי די אומות העולם, וואָס באַשרייבן די גרויסע "אמונה" און איר טראַגישן סוף. משה זאַלצמאַן האָט עס שוין געטאָן אין זיין פריערדיקן בוך "און מען האָט מיך רעהאַביליטירט", וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער, אַ דאַנק זיינע פראַנצויזישע, דייטשע און העבראישע איבערזעצונגען.

פינף און צוואנציק יאָר אָפּזיצן אין סאָוויעטישן גולאַג, האָבן צוגעגרייט דעם יידישן שניידער פון זאַמאָשטש, צו זיין ראָלע. די שפּעטערדיקע צרות אין פוילן און אין פראַנקרייך האָבן נאָך צוגעגעבן צום ביטערן גורל פון מחבר. אַזוי אַרום איז ער דורכגעגאַנגען זיינע "אוניווערסיטעטן" אין תפיסות און אין לאַגערן; שוין אָפּגעשמועסט פונעם אונטערגרונטישן לעבן.

וואָס זאַלצמאַן ברענגט שטאַרק אַרויס, איז די התלהבות פון די קאָמוניסטישע חסידים, וואָס שטייגט איבער אַלע אַנדערע. עס איז נישט קיין ווונדער. אויף דער יידישער גאַס אין פוילן האָט זיך געראַנגלט דער ציוניזם מיטן לינקיזם, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין "בונד" און אין אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונגען; בעיקר אין קאָמוניזם. די לינקע האָבן געקעמפט צווישן זיך. די שווערע לאַגע פון יידן אין פוילן האָט צוגעשטעלט גענוג ברענשטאָף פאַר אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און זייערע פייערן.

זאַלצמאַן דערציילט וועגן זיינע חברים, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן נישט געוואָלט אויפגעבן זייער פאַרליבטקייט, טראָץ אַלע אַנטוישונגען. מען קען עס פאַרשטיין, אָבער נישט באַרעכטיקן; וויל אָן דעם גלויבן, האָט זייער לעבן פאַרלאָרן יעדן זין און יעדער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

זיין אופן פון שרייבן איז איינפאַך, אָן ליטעראַרישע פּרעטענזיעס. אָבער דאָס זענען שטיקער לעבן און ווירקלעכקייט פון אונדזער נאָענטן עבר. דער מחבר דערציילט מעשים שהיו "מיטן לעצט געבליבענעם בלוט פון זיין האַרץ". דאָס זאָגט עדות אויף זיין אויפריכטיקייט און ערלעכקייט. ער ברענגט אַרויס זיין פערזענלעכן גורל, וואָס איז דער גורל פון אַ גאַנצן דור, און אפשר פון עטלעכע דורות, נאָך פון פאָריקן יאָרהונדערט.

אין בוך קומען אויך אַריין אָפּשאַצונגען פון באַקאַנטע פערזענלעכקייטן, וואָס שטיצן זיך אויף פערזענלעכע קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען. וועגן קלמן מרמר שילדערט זאַלצמאַן די צוויי יאָר פון זיין אַרבעט אין קיעוו אין אָרטיקן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ביי דער אוקראַאינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. מרמר'ס כוונה איז געווען – אַרויסגעבן זיינע פאָרשערישע אַרבעטן וועגן די פּיאָנערן פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע: דוד עדעלשטאַט, מאָריס ווינטשעווסקי, יוסף באָוושאָווער, ווי אויך זיין פאָרשונג וועגן אהרן ליבערמאַן. פון דעם איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. מרמר האָט נישט געשריבן און נישט דערציילט וועגן די צוויי יאָר אין קיעוו. זאַלצמאַנס השערה איז, "אַז מרמר האָט פאַר די צוויי יאָר איבערגעלעבט טיפע אינערלעכע שטרייטן, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט פיל ליידן".

די זכרונות וועגן שארל ראַפּאָפּאָרט זענען גאָר אינטערעסאַנט. דר. זשיטלאָווסקי איז געווען פון זיינע חסידים, סיי צוליב זיין ערנסטן רעוואָלוציאָניזם "מיט כמעט אַ באַקונינישער רעוואָלוציאָנערער ליידנשאַפט" און סיי צוליב "זיין העלער, פרייער טעאָרעטישער קאָפּ". טראָץ זיין אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט ראַפּאָפּאָרט געהאַט אַ וואַרעמאַן סענטימענט צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין זיין לעצטן בריוו פון אָקטאָבער 1941, האָט ער אויסגעדריקט זיין ווונטש, אַז אַ פאָרשטייער פון אַ יידישער קהילה אָדער אָרגאַניזאַציע זאָל פּראָקלאַמירן אויף זיין קבר, אַז ראַפּאָפּאָרט באַדויערט, וואָס ער – וועלכער האָט



teatrnn.pl

פאַרטיידיקט זיין גאַנץ לעבן די סאָציאַלע, הומאַניטאַרע און דעמאָקראַטישע אידייען – האָט נישט געאַרבעט ספּעציעל פאַרן אידישן פאָלק.

זייער וואַרעם שרייבט זאַלצמאַן וועגן בנימין שלעווין. ער ברענגט אַ ציטאַט פון שלעווינס רעדע ביי די פריינט פון מפ"ם אין פאַריז, וואָס איז מבשר, "אַז מציון יצא הסוציאַליזם". אויב ס'וועט אַמאָל קומען דער "אמת'ער, נישט געפעלשטער סאָציאַליזם אין דער וועלט, וועלן מיר אין ישראל נישט זיין פון די לעצטע".

עס קומען אַריין אין בוך אַנדערע אָפּשאַצונגען וועגן נאָענטע פריינט און חברים פון זאַלצמאַנס חדר. עס איז אַ גוטער סימן פאַרן מחבר, וואָס ער וויל פאַראייביקן זייער אָנדענק און אַרויסברענגען זייער גרויסן אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט פאַר וועלכע זיי האָבן, ווי ער אליין, באַצאָלט אַ גרויסן פּרייז.

# א ברעטאַנישער פארלאג האָט פאַרעפנטלעכט א בוך וועגן א לובלינער בונדיסטקע

אַ קליין ביכל (פון 90 זייטן), וועמענס מחבר איז אַמאָל געווען אַ באַשיידענער יידישער אַרבעטער פון פוילן און האָט שוין דערגרייכט דעם עלטער פון "גבורה" – אַ דאַנק אים באַקענען מיר זיך מיט אַ וועלט פון אַן אָריגינעלער קולטור און ליידנשאַפטן.

מיט דעם לעבנס־וועג פון בעלאַ שפּיראָ, אַזוי ווי משה זאלצמאן האָט עס באַשריבן, האָט אַ גאַנצע קהילה באַקומען איר תיקון, לויטן נוסח פון די ביכער־זכרונות וועגן דער "שואה". דערביי דערוווסט מען זיך אויך, אַז פון דער שטאָט לובלין האָבן געשטאַמט אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע פּערזענלעכקייטן, ווי זאַלקינד־האָרוויץ, וועלכער האָט אויסגעקעמפט די עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין עלזאַס און לאָטרינגען; דער פילאָזאָף עמיל מאַיערסאָן, די לאַורעאַטין פון "גאָנקור־פּריז" אַנאַ לאַנגפוס, דער דיכטער משה שולשטיין – ד.ה. די וועלכע זענען געוואָרן פאַריזער תושבים, צי דער געניאַלער דיכטער יעקב גלאַטשטיין.

משה זאַלצמאַן, וועמענס ביכער זענען איבערזעצט געוואָרן אין פראַנצויזיש דורך אירען קאַנפער, מיט דער הקדמה פון מאַרק הילעל, איז ממשיך דעם דאָזיקן וועג און איבערגעבנדיק די דאָזיקע ירושה, איז ער געוואָרן אַ מענטש וועלכער איז "רייכער" פון אַלע אונזערע מיליאַרדערן.

צום סוף ווילט זיך אויך דערמאָנען די פאַרלאַגן, וועלכע האָבן פאַרעפנטלעכט ביכער פון משה זאַלצמאַן:

1) Bela SZPIRO; La Digitale, Burg de Baye, 29130 Quimperle

2) Edit. Recherches

**פיליפ בוקאַראַ**

**יידיש־פראנצויזישער זשורנאליסט,**

**פון ספרדישן אָפּשטאם.**

# ביים פארלאָשענעם פלאם

## שלמה וואָרזאָגער

**"ביים פאַרלאָשענעם פלאַם", בנימין לובעלסקי, פאַרלאַג י.ל. פרץ תשמ"ט 1989.**

נאָך אַ בוך פון נאַצישן גיהנום? פון די סאָוויעטישע לאַגערן? ניין. עס רעדט זיך וועגן איינעם – און ער איז נישט דער איינציקער – אַ יונגערמאַן פון פוילן, וועמען עס איז יונגערהייט ענג געוואָרן אין די ד' אמות פון יידישן לעבן און מיט דער האָפענונג אויף אַ שענערן, בעסערן מאָרגן, מיט פלאַם און אמונה פאַר יושר און גערעכטיקייט – האָט ער זיך געלאָזט קיין שפּאַניע אין ניינצן זעקס און דרייסיק, בעתן בירגערקריג. נאָך אַן אקטיוון באַטייליקן זיך אין די קאַמפן אין פאַרשפּילטן בירגערקריג – פראַנקרייך, בעלגיע, אַלזשיריע. תפיסה. אַרבעט־לאַגערן. ניינצן ניין און פערציק – צוריק אין פוילן, אַקטיוו אין די שפּיצן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי – די רעגירונגס־פאַרטיי פון באַפרייטן "סאָציאַליסטישן פוילן", "בויען דעם סאָציאַליזם". אַ פּאָליטישער מענטש מיט פאַרטיי־סטאַזש, קעמפער, מאַרטירער, אידעיש קאָנסעקווענט – איז ער ווידער, ווי מ'זאָגט, ביי זיך אין דער היים, אין לאַנד פון זיין געבוירן.

און דאָ קומט די נייע ווירקלעכקייט באַלר נאָכן איבערטרעטן די שוועל פון נייעם "סאָציאַליסטישן פוילן", "ווו פינף יאָר היטלעריסטישע אָקופּאַציע האָבן מיט זיך געברענגט נישט נאָר יידישע, נאָר אויך פוילישע נאַציאָנאַל־קולטוראלע פאַרוויסטונג, פּאָליאַקן־אַנטיסעמיטן האָבן געזען בלויז און מיט פרייד באַגריסט די היטלעריסטישע יידן־אויסראָטונג". (זייט 36).

"אין קיך, ווו די מאכלים ווערן געגרייט" (בנימין לובעלסקי ווערט צוגעטיילט צו דער ענגלישער אָפּטיילונג פון סטודיע־ביוראָ פון דער צווייטער אָפּטיילונג פון גענעראַל־שטאַב פון דער פוילישער אַרמיי) הייבט ער אָן עסן "מיט ווייניקער אַפּעטיט."... אָט דער "ווייניקער אַפּעטיט" ווערט אין אַ קורצער צייט – אַ פּאַטש אין אידעישן פנים פון מחבר, און ער איז נישט דער איינציקער.

תוך כדי אַקטיווער מיטאַרבעט, באַשעפטיקונגען אין שליחות פון דער פאַרטיי אויף פאַרשיידענע וויכטיק וואָגיקע פּאָסטנס און אין הויכע אינסטאַנצן – הייבט אים אָן דאָס "עסן" קריכן פון האַלדז. עס רעדט זיך וועגן הויכע באַאַמטע, מיניסטעריאַלע פונקציעס, מיליטערישע אַקאַדעמיעס. אַלע אין געשפּאַן פון נייעם פוילן – אַ שפּאַנען לויט דער "מוזיק", אָפענער און געהיימער פונעם "גרויסן ברודער", דעם "פאָטער פון די פעלקער".

דער גרעסטער טייל פון די פערזענלעכקייטן – בעסטע און געטרייעסטע, הויך אינטעליגענטע מענטשן: געוועזענע קעמפער, לאַנגע יאָרן אין די תפיסות אין פאַשיסטישן פוילן, חברים פון דער פאַרטיי פון פראַנקרייך, בעלגיע, פּאַלעסטינע, אידעאַליסטישע קאָמוניסטן פון די אמעריקעס, קאַנאַדע, די עליטע פון די דאָרטיקע קאָמוניסטישע פאַרטייען: אלע צוריקגעקומענע "אַהיים", מיט אַלטן און נייעם ברען און ענטוזיאַזם בויען ס'נייע פאָלקס־פוילן.

מען האָט "געקוקט אויפן סאָוויעטנפאַרבאַנד מיט פאַרטייאישע אויגן פון צוטרוי, ליבע, האָפענונג, צו ווערן אַמאָל אויך אַ טייל פון סאָוויעטישן סיסטעם." (זייט 60).

אויף צענדליקער זייטן דערציילט אונדז דער מחבר, מיט פאַכמענישער און וויסנשאַפטלעכער גענויקייט און ווי איינער פון אינעווייניק, וועגן דער טעטיקייט אויף די געביטן פון מלוכהשער, מיליטערישער, אויסערלעכער און אינערלעכער זיכערקייט און אַנדערע אָפּעראַטיווע פונקציעס: אויך קולטור, ליטעראַטור, פרעסע, עקאָנאָמיע, פּאָליטישע תורה, פּאַרטיי־באַשלוסן. ער האָט די מעגלעכקייט פון דער נאָנט און אויף, ווי מ'זאָגט, דער אייגענער הויט פילן און אָבסערווירן די התנהגות פון יחידים און פון גאַנצע סעקטאָרן אין זייער טאָגטעגלעכער אַרבעט, אויך זייער פּאָליטיש־גייסטיק־אידעאישע נשמה־לאַנדשאַפט.

ער איז אויך מער ווי איין מאָל אַ לעבעדיקער עדות פון חברים, זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, וואָס ווערן פלוצעם נעלם... אַ טויטע שטומקייט הערשט נאָכדעם. פנימער – מאַסקעס. מען שלינגט אַראָפּ ביטערע פילן פון די פעלנדיקע און מען איז ווייטער ממשיך, נישט אָן מורא, צו ווערן איינער פון די פעלנדיקע.

קיין שום פראַגן. קיין שום פאַרוואָסן. פּאַרטיי איז די העכסטע אינסטאַנץ. אירע מעשים, אינסטרוקציעס זענען אומאָפּפרעגלעך. קאָמוניסטן טאָרן זיך ניט וואַקלען, טאָרן נישט צווייפלען.

אויך אַז איינער קומט צוריק פון "דאָרטן" מיט אַ מויל אויסגעהאַקטע ציין – איז ער ממשיך מיטן מויל אויסגעהאַקטע ציין די פּראָפּאַגאַנדע־תורה, אַפילו ווען די ווערטער קומען אַרויס פון "האלב־ליידיקן מויל שווישטשענדיקע"...

אַזעלכע און ענלעכע פאַלן זענען געווען אין די צענדליקער. דער שאָטן פון יענער אייזערנער לאַפּע האָט געפינצטערט אין די אויגן, פאַרשטעלט די זון, פאַרטושט און פאַרנעפּלט דעם מוח, זיך געלייגט אויפן לייב און לעבן: דער פחד הויערט איבערן קאָפּ, דריקט אויף דער נשמה און מער פון אַלץ – די גרויסע אומפאַרענטפערטע פראַגע: – דאָס איז דאָס נייע פּאָלקס־פּוילן? דאָס איז קאָמוניזם? צוליב דעם האָב איך באַדאַרפט צוריק קומען העלפן בויען, ברענגען פרייהייט, גלייכהייט פאַרן מענטש?

און די אַרבעט גייט ווייטער. מענטשן־מאַריאָנעטן: מיליטערישע קאַדרן, מונדירטע און נישט־מונדירטע מענטשן. קאַלטע, שטייפע פנימער. סודותפולקייט, דיסטאַנץ, חשד פון איינעם צו אַנדערן.

אַ גאַלעריע טיפּן, געשטאַלטן פון די גאָר הויכע פענצטער. אַ סך קאָמוניסטן פון די מערב־לענדער, קעגנער פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, קעגן דיסקרימינאַציע, אונטערדריקונג, אַרבעטלאָזיקייט און סתם אויסנוצעריי. מענטשן אידעישע, אָרנטלעכע, האַרציקע. איבערגעלאָזט היימען, הויכן לעבנס־סטאַנדאַרט, חברים, קרובים, פריינד: אַלטע פּוילישע בירגער, קינדער פון פּוילישע בירגער, קינדער פון דער מלחמה, עמיגרירט קיין אויסלאַנד – געלאָזט זיך מעבר לים צוריק א היים, העלפן אויפשטעלן אַ נייע אָרדענונג, פאַרווירקלעכן דעם קאָמוניזם – זייער לעבנס־ציל.

★

איך האָב דאָס בוך געלייענט מער ווי איין מאָל. געלייענט מיט פאַראַנאָישער הנאה. – באַזונדערס האָט מיך אינטערעסירט די אָפּטייל "אויף די כוואַליעס פון עטער". אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע טיפּן־גאַלעריע. דאָס איז אַ שילדערונג מיט שרייבערישער קולטור און הויכער יכולת. סיי די חציונותדיקע זייט, סיי דער פּסיכאָלאָגיש־גייסטיקער מצב. דעם מחבר געראָט אַרויסברענגען דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע, דאָס פּינטעלע אמת, דעם ליכטיקן טראָפּן אין ים פון פינצטערע שקרים, אידעישע קרומקייטן און פאַרקריפּלטקייטן. אַ ביודעמדיקע, געניאַלע אכזריות און א ציניזם שאין דוגמתו. מיר זעען אויך דעם פּאָליטיש־אידעיש רייפן מענטש אין זיין סבלנות און סובלנות, אין זיין צופּאַסונגס־פעיקייט און אומווילן מוותר צו זיין אויף זיין אידעע, אין וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן, געלעבט און פאַר איר געקעמפט, געשטעלט אין קאָן זיין לעבן, זיין צוקונפט. ערלעכע מענטשן אין אַן אומערלעכער תקופה, אַ פאַרברעכערישער מנהיג און אַ קליקע פאַרקאָרומפּירטע מיטהעלפער האָבן באַראַבעוועט און באַרויבט דעם מענטשנס שענסטן חלום: א חלום פון אַ דור, צוויי דורות פרייהייט־קעמפער. צעבראָכן זייער לעבן און געשענדעט זייער חלום.

די פאַקטן זענען איבערגעלעבטע, קאָנטראָלירטע ביזן קלענסטן פרט, ווערן דערציילט מיט גענויער פּינקטלעכקייט, אָביעקטיוו און – מענטשלעך־אָרנטלעך. פון דאַנעט – זייער איבערצייגנדיקייט. כאָטש נעם און ציטיר גאַנצע שטעלן פון די קנאַפּע דריי הונדערט און פופציק זייטן. נישט ווייניקער וויכטיק איז אויך דער "ווי אזוי" עס ווערט דערציילט. דאָס איז אַ בעלעטריסטישע זשורנאַליסטיק. זשורנאַליסטיק אין בעסטן זין פון דאָזיקן זשאַנער. א קלאָרער קאָפּ, אַ ריין האַרץ פירט די פען פון מסוגלדיקע פינגער. אַ פליסיק, וואַרעם לשון. לייענענדיק ציגסטו זיך ווידער און נאָך אַמאָל איבער, אַז דער מחבר באַהערשט גוט ס'לשון אין וועלכן ער שרייבט, שילדערט און איז אַ בן־בית אין עטלעכע לשונות, וועלטשפּראַכן: פראַנצויזיש, ענגליש, שפּאַניש, ווי שייך נישט רוסיש, שוין אָפּגערעדט פון פּויליש. איז די רבותא נאָך גרעסער ווען מ'הערט אַזאַ יידיש: דאָס פּאָלקסטימלעכע לשון, נישט אָן הומאָר, איראָניע, אָפּט – גאַליק־סאַרקאַסטיש. היינט דער געמיש פון העברעיזמען? זיכער זענען זיי נישט קיין כאַפּן "שיריים" פון רייכע עברית־טישן.

חוץ לזה איז ער אויך, מעג מען זאָגן, אַ בר־מזל, וואָס ער איז אַרויס אַ גאַנצער: עטלעכע מאָל אַ גאַנצער: שליחותן מעבר דער גרענעץ פון פּוילן, ווי אַ יועץ און אין דיפּלאמאַטישע ענינים קיין מאָסקווע, וויעטנאַם, קאָרעא. פאַר דעם – אַרויס אַ גאַנצער נאָכן פאַרשפּילטן בירגערקריג אין שפּאַניע, אַרבעטלאַגער אין אַלזשיריע און טאַקע פון נייעם פּאָלקס־פּוילן, מיט איר אלטער שינאה צו "זשידאָקאָמונא".

זיין און אונדזער מזל, וואָס דער גאָט פון קונסט שטייט אים עד היום צוקאָפּנס. בנימין לובעלסקי האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער. (אין 1984 – אַ בוך: "יידן אין שפּאַנישן בירגערקריג") און, ווי מ'זאָגט: עוד ידו נטויה.

ניין, עס שאָקירט נישט ווען דער מחבר רעדט אין ערשטער פערזאָן. עס רעדט זיך דאָך וועגן פערזענלעכע איבערלעבונגען. דורך פערזענלעכער אספקלריה, אויפן פאָן פון זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צענדליקער יאָרן און לסוף – אין "זיין" סאָציאַליסטישן פוילן. מיר האָבן, בכן, א פול, ברייט בילד און אויך, און בעיקר, אין דער טיף. א כלל־בילד פון פוילנס אזוי צו זאָגן נייעם מלוכה־סיסטעם מיט אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע "קינדער־קראַנקייטן" און איז נאָך ווייט נישט ארויס פון די ווינדעלעך... צי זיי וועלן ארויס, ווי אזוי זיי וועלן אַרויס – ימים אָדער שנים יגידו.

ווייל איז אים און אונדז, אַז ער איז אַרויס. – אַרויס מאָראַליש גאַנץ און שרייבעריש שעפעריש.

## נ. שמן: באַציאונג צו מענטש

לייענער, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט יידישער פּראָבלע־מאַטיק, אָדער פראַגן פון דער יידישער פילאָזאָפיע און געשיכטע, ווייסן ווער עס איז נ. שמן, וואָס האָט שוין אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אייניקע זייער חשובע ווערק אויף די דאָזיקע געביטן. די דאָזיקע לייענער קענען זיך אָבער זייער ווייניק דערוויסן וועגן שמנען גופא פון זיינע ביכער, וועלכע ער האָט שוין ביז איצט אַרויסגעגעבן און וועט, לאָמיר האָפן, ווייטער אַרויסגעבן סיי אין יידיש, סיי אין אונדזערע אַנדערע לשונות.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז אונדז אויסגעקומען צו פאַרצייכענען ביבליאָגראַפיש נ. שמנס אַ צוויי בענדיק ווערק וועגן דער באַציאונג צו דער פרוי און יהדות. זייער אַן אינטערעסאַנט ווערק, אין וועלכן דער מחבר האָט אַריינגעלייגט זייער און זייער אַ סך מי, וויסן און פאָרשונג. איצט פאַרצײַכענען מיר אַ נייע ביבליאָגראַפישע פּאָזיציע אין דער פאָרשערישער טעטיקייט פון דעם פרוכטבאַרן געלערנטן, וועלכער האָט זיין אַרבעט באַזירט אויפן תנ"ך, תלמוד, יהדות און ליטעראַרישע שטודיעס.

דאָס ווערק, אין 2 בענד, האַלט: דער ערשטער באַנד 420 זייטן; דער צווייטער באַנד – 546 זייטן. דער ערשטער באַנד איז געטיילט אין 3 קאַפּיטלען, דער צווייטער באַנד אין 4 קאַפּי־טלען.

די ביאָגראַפּיע פון נ. שמן איז א טייל לייענער צו ביסלעך באַקאַנט. מ'ווייסט, אַז ער איז געווען אַ תלמיד פון דער לובלינער ישיבה און זיך גערעכנט ווי איינער פון אירע וויכטיקסטע אין דער יידישער וועלט. נ. שמן האָט ביז איצט שוין אַויסגעגעבן אַ היפּשע צאָל ביכער און אונדז געדענקט זיך, צווישן אַנדערע ביכער, וועגן דעם חסידישן ניגון, וואָס איז אַ ווערק וועגן תוך פון חסידות און איר ניגון.

די ביכער זענען דערשינען אין פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב 1989.

דער מחבר זאָגט עדות אין דער הקדמה, אַז די איצטיקע 2 בענד זענען אַ המשך פון זײַן פריִערדיקן ווערק א.נ. "די באַציִונג צום פרעמדן", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1945 אין טאָראָנטאָ. אין די צוויי בענדער פון דעם נײַ־דערשינענעם בוך, באַלײַכט דער מחבר דאָס פּראָבלעם פון הומאַניזם אין די יִידישע מקורות, באַנוצנדיק זיך מיט אַ רײַכן פעכער פון בײַשפּילן אויף דער ברייטער קאַנווע יִידישער געשיכטע. דאָס בוך שפּרייט זיך אויך אויס אויף דער גאָר ברייטער פּראָבלעמאַטיק צווישן די צוויי, אין פלוג, פּשוטע פראַגן: וואָס איז אַ מענטש? און – ווער איז אַ מענטש?...

**י. יאָנאַס**

## ד"ר שמחה בינעם ווייס – פּאָרזיצער פון ועד הקהילה אין ווארשע

דעם 12־טן פעברואַר 1989, איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאציע, אויף וועלכער מ'האָט אויסגעוויילט 5 מיטגלידער אין פאַרטרעטער.

אויף אַ זיצונג דעם 14־טן פעברואַר, האָט די פאַרוואַלטונג זיך קאָנסטיטואירט אויף פאָלגנדיקן אופן:

פּאָרזיצער – ד"ר שמחה ווייס, וויצע־פּאָרזיצער – שמואל שעדלעצקי, סעקרעטאַר – זביגניעוו טארגעלסקי און די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער: זיגמונט באָגוסלאַווסקי און יוסף עדעלשטיין. אַלס פארטרעטער איז באַשטימט געוואָרן קאָנסטאַנטי געבערט.

אין שייכות מיטן אַרויספאָר אויף צוויי יאָר פון ז. טארגעלסקי קיין אויסלאַנד, איז צוקאָאָפּטירט געוואָרן אין באַשטאַנד פון דער פאַרוואַלטונג ק. געבערט, וועלכער וועט אויספירן די פונקציע פון אַ סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג.

נאָכן באַגיטיקן דעם באַשטאַנד פון דער וואַרשעווער פאַרוואַלטונג דורך דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון ועד הקהילות אין פוילן איז די אָרטיקע פאַרוואַלטונג צוגעטרעטן אויספירן אירע פליכטן.

עס האָט זיך איינגעשטעלט ביי די וואַרשעווער יידן אַ טראַדיציע: יעדן יאָר, אין חודש אלול, אָפּרייניקן אין די ראמען פון אַ געזעלשאַפטלעכער פארפליכטונג, דעם גענשער יידישן בית־עולם. די ווייט־גרעסטע טייל קברים שטייען דאָרט פאריתומט, נישטאָ ווער עס זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען, זאָרגן פאר זייער צושטאַנד. די נאָענטסטע קרובים זענען געוואָרן פאַרטיליקט דורך די היטלעריסטישע רוצחים, איז געבליבן אַ בית־עולם אָן אַ פאָלק.

עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט, בראש פון וועלכן עס שטייט ד"ר שמחה בינעם ווייס, וואָס דערמאָנט די לעבנגעבליבענע יידן אין דער פוילישער הויפּטשטאָט, אַז מען דארף אויספירן אַ הייליקן, נאַציאָנאַלן חוב.

במשך פון פיר זונטיק־טעג, זענען געקומען אויפן בית־עולם 87 יידישע מענער און פרויען, וועלכע האָבן, צו עטלעכע שעה, געאַרבעט ביים אָפּרייניקן די קברים אין די קוואַרטירן נ'ר 20, 26 און 30, ווי עס זענען באַערדיקט געוואָרן גרויסע פוילישע יידן: רביים, לומדים, שריפשטעלער, קינסטלער, וויסנשאַפט־לער און דאָקטוירים.

קומט די דאָזיקע איידעלע יידישע מענטשן אַ האַרציקן דאַנק פאר דערפילן אַ הייליקע פליכט.

(פ"ש, 28.10.88)

# אויסצייכענונגען פאר מרדכי לערמאן
# די מאָטיוון פון דער זשורי
## פון פאַראיין פון ייד. שרייבער און זשורנאַליסטן אין פראַנקרייך

מ. לערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1912 אין לובלין. די קינדער־יאָרן פאַרברענגט אין חדרים און יידישע לערן־אַנשטאַלטן. די גימנאַזיע פאַרענדיקט אין יאָר 1930.

אין יאָר 1931 פאַרלאָזט פוילן, געקומען קיין פראַנקרייך און פאַרשריבן זיך אויפן אוניווערסיטעט אין קאַן. אין 1933 באַקומען דעם דיפּלאָם פון קאָמערציעלע וויסנשאַפטן און אין יאָר 1934 דעם דיפּלאָם פון אינזשיניער־כעמיקער. נאָכן פאַרענדיקן די שטודיעס, געצוווּנגען צוריקצופאָרן קיין פוילן צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, שוין געבליבן דאָרט ביזן 9־טן סעפּטעמבער 1939 — דעם טאָג פון דער דייטשער אינוואַזיע אין זיין היים־שטאָט.

בעת דער מלחמה, פאַרלוירן די גאַנצע משפחה. צוזאַמען מיט דער פרוי (יוריסטין, דיפּלאָמירטע פון וואַרשעווער אוניווער־סיטעט) איבערגעלעבט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד די גרויסע טראַגעדיע, וואָס האָט געטראָפן דאָס יידישע פאָלק.

קיין פראַנקרייך זיך אומגעקערט אין דעצעמבער 1947.

געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פועלי־ציון פּאַרטיי אין פראַנקרייך, פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט "אַרבעטער־היים" וועלכע האָט פאַרוואַלטעט מיט צוויי קינדער־הייזער, געווען רעדאַקטאָר פון "אַרבעטער וואָרט" ביז זי האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, אָנהויב די 80־ער יאָרן. היינט צו טאָג איז ער אַ פרייוויליקער מיטאַרבעטער פון "אונדזער וואָרט".

פון יאָר 1967, איז לערמאַן געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן און זינט דעם לעצטן יאָר איר פּרעזידענט, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער קולטור, מיטגליד פון ביוראָ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, מיטגליד פון "קריף", וויצע־פאָרזיצער פון וועלט־פאַרבאַנד פון די פוילישע יידן.

פאַר זיין דרײַציקיאָריקער אַרבעט, דעקאָרירט געוואָרן מיטן מעדאַל פון מיניסטעריום פאַר יוגנט אין פראַנקרייך. באַקומען די "מאַקס צוקערמאַן פּרעמיע" און פאַר דער זשורנאַליסטישער אַקטיוויטעט — דעם זילבערנעם מעדאַל פון דער שטאָט פּאַריז.

★

אין אויגוסט היי־יאָר איז מרדכי לערמאן געוואָרן אויסגעצייכנט דורכן קולטור־מיניסטער פון פראנקרייך, ה' זשאק לאנג, מיטן טיטל "ריטער פון ליטעראטור און קונסט".

לובלינער יידן אין פראנקרייך און אין ישראל, שליסן זיך אָן צו די אלע באגריסונגען, וועלכע דער לאורעאט האָט באקומען.

# אן אמבולאנס פארן מגן דוד אדום אין פתח־תקוה — א מתנה פון באלטשע און ישראל אייזענבערג

דעם 28סטן יוני 1989, איז אין הויף פון מגן דוד אדום אין פּתח־תקוה, פאָרגעקומען די פייערונג פון איבערגעבן אן אמבולאנס פאר דער דאָזיקער אינסטיטוציע דורך אונדזערע בני־עיר פון לאָס־אנזשעלעס, באלטשע און ישראל אייזענבערג, וואָס האָבן זוכה געווען צו פייערן זייער „גאָלדענע חתונה".

צום דעם אקט איז געקומען א בכבודיקער עולם פון קרובים, לאנדסלייט און פריינט, וועלכע זענען באגריסט געוואָרן דורך דער פרוי לאָרעטא לעווין פון מגן דוד אדום; דוד שטאָקפּיש אין נאָמען פון די לובלינער; לייזער אָבער, אין נאָמען פון די לאנדסלייט אין לאָס־אנזשעלעס; יעקב טייר (א ברודער פון באלטשען, וואָס האָט באגריסט אין נאָמען פון דער משפחה) און ישראל אייזענבערג, וואָס האָט אין זיינע קורצע ווערטער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם לעבנס־וועג, וועלכן ער און באלטשע האָבן דורכגעמאכט אין די לעצטע 50 יאָר — פון לובלין, דורך די נאצישע טויט־לאגערן, ביז דער באפרייאונג און אויפשטעלן א משפחה אין לאָס־אנזשעלעס.

# מעות חיטין פארטיילונג פון שרה און מאנפרעד פרענקעל פאר נויטבאדערפטיקע משפחות אין ישראל

אונדזער בת־עיר שרה פרענקעל־באס און איר מאן מאנפרעד פון אנטווערפּען, האָבן ערב פסח תשמ"ט פארטיילט צו 17 משפחות די סומע פון 500 שקל פאר א משפחה — לויט די בעסטע יידישע טראַדיציעס פון „קמחה דפסחא". פריינט מאנפרעד פרענקעל האָט אין באגלייטונג פון קאָמיטעט־מיטגליד משה זאלצמאן באזוכט די נויטבאדערפטיקע מענטשן און זיי פערזענלעך איבערגעגעבן די הילף, פאר וועלכן מיר דריקן אים אויס א דאנק און א יישר־כוח.

# א קינדערגאָרטן אין תל־אביב א"נ פון לובא און משה קאָרן

דעם 23סטן אָקטאָבער ה. י., איז אינעם תל־אביבער קווארטאל רמת ישראל — בצרון פאָרגעקומען דער פייערלעכער חנוכת־הבית פון א קינדערגאָרטן (מעון יום), וועלכער איז געוואָרן אויפגעשטעלט א דאנק דער שפענדונג פון אונדזערע בני־עיר לובא און משה קאָרן.

צענטליקער לובלינער יידן, אויך איינוווינער פון דער שכונה, ראטמענער פון תל־אביבער שטאָטראט, בראש מיטן בירגערמייסטער שלמה להט, די פּרעזידענטין פון דער אלוועלטלעכער וויצ"אָ און געסט פון לאנד און פון אויסלאנד, האָבן זיך באטייליקט אין דעם אקט.

דער צאָלרייך פארזאמלטער עולם האָט אויסגעהערט א ריי באגריסונגען פון שטאָט־פּרעזידענט שלמה להט, פון מיכל מודעי, אין נאָמען פון וויצ"אָ, סעקרעטאר פון שטאָטראט ישראל גראבינסקי, די ראטמענער גריפעל און ארצי, עדינה מטלון און די פרוי דעקאַטאַ, פרוי פון האָלענדישן פינאנס־

מיניסטער, זאב פרידמאן פון דער סאָציאַלער אָפּטיילונג פון דער עיריה, דוד כהן – פאָרשטייער פון דער שכונה, סאָלאָמאָן קאָרן (זון פון לובא און משה) און משה קאָרן.

דער שטאָט־פּרעזידענט און פרוי מודעי האָבן איבערגעגעבן ספּעציעלע אָנדענק־מעדאלן צו לובא און משה קאָרן, און די קינדער האָבן זיי דערלאנגט בלומען. (זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אז לובא קאָרן איז איינע פון די טיכטיקסטע און איבערגעגעבנסטע וויצ"אָ־טוערינס אין דייטשלאנד).

אינעם מעון יום, וועלכער אין טעטיק פון 7 פרי ביז 4 נאָכמיטאָג, געפינען זיך 80 קינדער אין עלטער פון 2־3 יאָר, אין 3 קלאסן, אָנגעפירט פון וויצ"אָ, וועלכע פארוואלטעט מיט 180 אזעלכע קינדער־אנשטאלטן אין ישראל.


ספר
לקורות היהודים בלובלין
ציונים לנפשות של גאוני גדולי ופרנסי עירנו
וקצת מתולדות חייהם
גם מעט מקורות עדתינו בזמנים עברו
אספתי ולקטתי אני מספרים, ומכתבים עתיקים
יליד העיר הזאת
שלמה ברוך ניסענבוים.
עם הערות ומלואים מאת החכמים והחוקרים הגדולים חפר׳ המנוח דוד קויפמאן ז״ל, ויבדלו לחיים הפר׳ א. א. הרכבי והחכם ש. באבער נ״י,

לובלין
בדפוס של ר׳ אברהם פעדער נ״י
ומ׳ ר׳ ברוך זעצר נ״י
שנת תר״ס לפ״ק

ЛЕКОРОТЪ ГАІЕГУДИМЪ БЕЛЮБЛИНЪ
т. е. къ Исторію евреевъ въ г. Люблинѣ
Составилъ С. Б. НИСЕНБАУМЪ изъ Люблина
Въ тип. А. Федера, въ Люблинѣ 1899 г.






לאנדסלייט, קרובים און פריינט האָבן זיך באטייליקט אינעם אקט פון איבערגעבן דורך באלטשע און ישראל אייזענבערג אן אמבולאנס פארן מגן דוד אדום אין פתח תקוה.

אויפן בילד אויבן, לינקס: הילע פון שלמה ברוך ניסענבוימס בוך "לקורות היהודים בלובלין", וואס די געציילטע קאפיעס פון דעם ספר, האָבן פאר א הויכן אָפּצאָל איינגעזאמלט, מיט נאָך היסטאָרישע דאָקומענטן פון לובלין און פיוסק, שרה און מאנפרעד פרענקעל פון אנטווערפען.






## מזל טוב און כל טוב אונדזער בן־עיר אין לאָס אנזשעלעס

### יוסף שנור

צו זיינע 75 יאָר – עד מאה ועשרים.

די געבורט־דאטע איז געפּייערט געוואָרן דעם 13.8.89 אין א שיינעם זאַל, ביי געדעקטע טישן. באגריסט האָט ישראל אייזענבערג, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן די מעלות טובות פון בעל היובל. אויפן בילד, פון רעכטס: בעלא שערמאַן, פייגעלע שנור, גדליהו פישמאַן, העלען אָבער. עס שטייען: לעאָן שערמאַן, מאָריס און בעלא ראָזענסאָן, אסתר פישמאַן, יוסף שנור, לייזער אָבער.



מעון יום לתינוקות ולפעוטים נחנך השבוע בשכונת רמת־ישראל בתל־אביב על־ידי זוג הנדבנים **לובה ומשה קורן** מגרמניה שתרמו את הבניין. בטקס השתתפו רבים מידידי הזוג מגרמניה ומארה"ב, שאחדים כבר נדבקו מהדוגמא והבטיחו לתרום לפרוייקטים דומים. ראש העיריה **שלמה (צ'יץ') להט** שברך את התורמים בחום לב, דיבר לכבוד הנוכחים בגרמנית. „הגרמנית שלי טובה, אבל לא מושלמת" – וקצר הרבה תשואות כאשר התנצל בזו הלשון: „היחס שלי לשפה הגרמנית הוא כמו לאשתי: אני אוהב אותה, אבל אינני שולט בה...". בתמונה: לובה קורן גוזרת את הסרט בכניסה למעון היום. מימינה בנה **סלומון** ובעלה משה, משמאלה סגן ראש העיריה **יגאל גריפל**. **(צילום: דני לב, י.פ.פ.א)**

לובא קאָרן שניידט איבער די באַנד, בעת דעם חנוכת הבית פונעם קינדערגאָרטן אין רמת ישראל – בצרון אין תל־אביב, אויף די נעמען פון לובא און משה קאָרן. דערנעבן שטייען: משה קאָרן און זייער זון סאַלאָמאָן.

**הבורסה נפרדת מוותיק כתביה**



ד"ר אלחנן הורוביץ כתב "על המשמר", פרש מכיסוי הבורסה. במחווה יוצאת דופן של הנהלת הבורסה הורמה כוסית ברכה לרגל פרישתו של העיתונאי הוותיק, המלווה את הבורסה ופעילותה מאז הקמתה. בטקס הפרידה השתתפו כל עיתונאי הבורסה הצעירים, שידעו להביע הערכה לפועלו. ד"ר הורוביץ ימשיך לתרום מניסיונו ומהידע העצום שלו לקוראי המדור הכלכלי של "על המשמר" במדורו "משק עולמי". בתמונה: יוסי ניצני, מנכ"ל הבורסה (מימין) ונתן שילה, המשנה למנכ"ל (משמאל), מעניקים לד"ר הורוביץ שי פרידה. (צילום: ישראל סאן)

**אונדזער רעדאקציע־מיטגליד ד"ר אלחנן האָרוויץ איז אויף א פייערלעכן אופן באגריסט געוואָרן דורך דער דירעקציע פון דער תל־אביבער בערזע, אין שיכות מיטן ארויסגיין אויף עמעריטור, נאָכן באדינען במשך צענטליקער יאָרן אייניקע צייטונגען, ווי זייער ווירטשאַפטלעכער קאָרעספּאָנדענט.**

א האַרציקן דאַנק אונדזערע בנות־עיר –

**רבקה טאוב־דעמבין**
און
**צעשא הערשטיין**

פאַר שענקען זייערע שיינע בילדער צו דער אויספלעטונג אויף דער יום העצמאות פייערונג פון די לובלינער אין ישראל.

דער קאָמיטעט



## מזל־טוב אונדזער קאָמיטעט־מיטגליד

### משה וואַסאָנג און פרוי חנה

צו דער "גאָלדענער חתונה", וועלכע זיי האָבן געפּייערט אין תל־אביב, מיטן אנטייל פון פיל לובלינער יידן.

אויפן בילד: פון רעכטס – "דאָס יונגע פּאָרל" חנה און משה, מיטן אייניקל (וואָס באגריסט זיי) און זון; פון די געסט: לובא און משה קאָרן, דוד און רבקהלע שטאָקפּיש

# גלוריפיקציה של הרפתקאה

## אפרים איינשטיין

**(בעקבות ספרו של בנימין לובלסקי: "יידן אין שפאנישן בירגערקריג").**

כשנתקלתי בספרו של בן־עירנו בנימין לובלסקי, קראתי אותו מראשיתו עד סופו ואמרתי לעצמי: היות שעברו מתקופה ההיא 55 שנים, אנסה בכוחותי המצומצמים להוריד את בגדי הקדושה מתקופה, שמעטים מציבור היהודי חושבים אותה כהרואית — ושוב הציבור היהודי (ואני בתוכם) דעה שונה.

המחבר אינו נותן בראשית ספרו נתוני תשתית של המאורעות, שבעקבותיהם פרץ המרד הפשיסטי של הגנרל פרנקו. הוא מתחיל מיד, בהקדמה לספר, על ה־40 אלף מתנדבים, שזרמו מכל העולם. לכן, אני אוסיף את החסר.

בפברואר 1936, התקיימו בספרד בחירות לפרלמנט והרשימה המאוחדת של "חזית העם", זכתה ברוב מכריע וכתוצאה — הורכבה ממשלה, שהכילה כל הכוחות הדימוקרטיים, השמאלניים והקומוניסטים בספרד. זה לא מצא חן בעיני הגנרלים וגנרל פראנקו, שהיה מפקד של הצבא הקולוניאלי במרוקו, הרים את נס המרד נגד הרפובליקה הצעירה — והסוף ידוע.

היה זה בשנת 1936. גרמניה ואיטליה ישבו חזק בעוכף שלטונם, ובמיוחד גרמניה הנאצית הטילה צל שחור ומאיים על פני אירופה. המרד הפאשיסטי של פראנקו היה צריך להדליק אור ארום בצרפת ואנגליה, היות ואם, חלילה, פרנקו ינצח, הוא יצטרף כצלע שלישי פאשיסטי לגרמניה ואיטליה. היה זה איום ישיר על צרפת ועל מושבותיה באפריקה הצפונית וההגיון מחייב, ששתי הדימוקרטיות המערביות היו צריכים להתחיל במשלוח עזרה צבאית מסיבית לכוחות הרפובליקה שהותקפה. אבל קרה בדיוק ההיפך. שעות ספורות אחרי פרוץ המרד של פרנקו, אסרו אנגליה וצרפת באיסור חמור (המעוגן בחוק שנתקבל במהירות) על משלוח עזרה צבאית, לא בחומרים ולא באנשים ואסרו גם על מעבר חוקי של מתנדבים לעזרת הרפובליקה.

נשאלת השאלה: איך הגיבה ברית המועצות? אם בריטניה וצרפת פיתחו תקוות, שהיעד של גרמניה הוא ברית־המועצות, אזי למוסקבה היה ברור כשמש, שבמוקדם או במאוחר, היעד הוא — מוסקבה. וזה היה באינטרס העליון של סטאלין, למנוע הצטרפות של אויב נוסף לאלה שכבר קיימים. אבל סטאלין אמר: לא! אף חייל לא נשלח לעזרת הרפובליקה, שבממשלתה היה לקומוניסטים הספרדיים עמדה דומיננטית.

אבל סטאלין לא היה זקוק לסגור את הגבולות, הם אף פעם לא היו פתוחים.

המרד של פרנקו הטיל מבוכה במפלגות הקומוניסטיות החזקות בצרפת ובאיטליה. בהגיעה הידיעה על המרד, החלו מחוסרי עבודה בצרפת ובאיטליה, חברי מפלגה נאמנים, להתארגן לצאת לספרד כמתנדבים לעזרת הרפובליקה. אבל הבוסים של המפלגות הקומוניסטיות אמרו לא! "אנו צריכים אתכם למלחמה בפאשיזם שלנו". כעבור יומיים בוטל האיסור. מה קרה? מוסקבה ביטלה את האיסור.

כאן אני רוצה לתקן, מה שכתבתי לעיל, שמוסקבה לא שלחה אף חייל. זה לא מדוייק. ברית־המועצות היתה מאז ומעולם יעד בריחה (כעין "ארץ מובטחת") לרבבות קומוניסטים נאמנים, שנאלצו לברוח ממולדתם מסיבות פוליטיות. ולאן בורח ילד, אפילו אם הוא ילד גדול בצר לו, אם לא לאמא? ובפרט, כשהאמא שופעת כל־כך הרבה אידיאלים לתיקון העולם? במרוצת השנים הצטברו רבבות אנשים מכל הארצות, ובעיני מוסקבה זה היה אלמנט מסוכן מאוד, שהתנסו בחיים בארצות קפיטליסטיות ועלולים להדביק אנשים רוסיים ישרי־דרך, ברעיונותיהם האנטי־מהפכניות. מ"אנשי שוליים" אלה מוסקבה רצתה להתפטר — וכאן מצאו את ההזדמנות, נתנו להם את הדרך, אבל לא שכחו לשלוח איתם קומיסרים פוליטיים נאמנים, כעין "משגיחי כשרות" ש"לא יביישו את הפירמה".

בקשר לנשק, מצרך חשוב לניהול מלחמה, מספר לנו המחבר, שמוסקבה לא פתחה מחסני הנשק שלה הגדושים בשביל הרפובליקנים, אלא מה ששלחו, היה מהסוג "אלטע זאכן". לכל היותר, הנשק הזה היה טוב רק להתכה ("שמעלץ").

40 אלף היו ס"ה המתנדבים, שבאו מ־53 ארצות, ביניהם —8.000 יהודים, היינו 20%. על היהודים אפשר לומר, ללא צל של ספק, שהתנדבותם באה מתוך מניעים אידאולוגיים טהורים. על החומר האנושי של הגויים, אומר המחבר מילים ברורות, וגם ברמז: רק מעטים בודדים, באו מתוך מניעים אידאולוגיים. היתר, 99%, התנדבו מתוך מניעים שונים: חלקם נמאס להם לחיות בגלות, אחרים — נמאס להם העבודה המפרכת במכרות פחם ועבודות קשות אחרות ומבזות. חלק גדול מהם היו הרפתקנים שחיפשו לעשות חיים ולהתעשר בתור "מרודרים", ההולכים אחרי המחנה הלוחם ושודדים את הנופלים. חלק ניכר מהמתנדבים היו אסירים לשעבר, או כאלה שברחו מידי החוק. גם מלגיון זרים הצרפתי, ברחו לגיונרים והצטרפו למתנדבים בספרד. כאלה היו פני הדברים.

והמחבר מוסיף: "גם אלה שמלאו את חובתם באמונה, לא ידעו בשביל מי ולמה הם לוחמים... המתנדבים היו מאורגנים כיחידות לפי ארץ מוצאם הלאומי ועל דגלם. העם היחידי, שלא זכה ליחידה לאומית על דגלה, היה העם היהודי, חרף היותו הקבוצה הלאומית הגדולה ביותר וחומר אנושי הטוב ביותר. הטוב במלחמה גם באופנסיבה, וגם בדפנסיבה". לא היה מי שיתבע את עלבונם.

המתנדבים היהודים צורפו ליחידות הלאומיות של הגויים, לפי ארץ מוצאם, כגון: יהודי מפולין צורף ליחידה הפולנית — וכך הלאה. מה שאיפיין את כל הקבוצות הלאומיות: האנטישמיות, בהבדל אחד, שאצל הרוב, האנטישמיות היתה מוסתרת, לא גלויה לעין. פרט לפולנים. אצלם, שנאת היהודים היתה גלויה ורעשנית, כאילו שהם בביתם. איש לא מחה על האנטישמיות, כאילו שזה טבעי. והקומיסרים הפוליטיים היהודים לא היו מעוניינים להגיב. זה לא היה מתקבל יפה במטה הראשי. (אגב לא תמיד היה ידוע מי יהודי, בגלל שינוי השמות. אמנם לא כפו על שינוי השמות).

כעבור שנה וחצי, כשנראו כבר באופק התבוסה המתקרבת, החליטו הבוסים, שיחידה יהודית יעשה רושם טוב, וזה "לטובת ספרד הלוחמת" והוקמה יחידה יהודית של כ־200 לוחמים על שם "בוטווין". "נמצאו כאלה שהציעו את השם "בר־כוכבא", אבל השם לא נתקבל — יותר מדי "נאציאָנאַליסטיש" (ציטטה). כך החליטו הקומיסרים הפוליטיים היהודים. כך גבר "בוטווין" על "בר־כוכבא". ומי היה "בוטווין"? (מבלי חלילה להפחית מגבורתו). אצטט את המחבר: „נפתלי באָטווין האָט מקריב געווען זיין לעבן פאר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן". א

ווייטערע ציטאַטע: "דער נאָמען "באַטווין" האָט בעסער געפּאַסט פאַר די יידישע קאָמוניסטן און קאָמוניסטישע סימפּאַטיקער".

עם מטען כזה של הקרבה, אין פלא, שבוטווין גבר על בר־כוכבא. רצוי להוסיף, שהמפלגה הקומוניסטית הפולנית, פורקה לחלוטין ע"י הקומינטערן, מלפני שנאכלה מבפנים ע"י פרובוקטורים, ומנהיגיה, שלמזלם הרע נמצאו במוסקבה, נאסרו ונשלחו לארצות גזירה.

באותו פרק זמן, כמעט מקביל למרד פרנקו, (באפריל 1936) התמרדו ערביי פלסטין נגד הבריטים, ובעיקר — נגד הישוב היהודי, שמנה אז כ־350.000 יהודים. הבריטים טיפלו בערבים בכפפות משי, רק במקרים כשפגעו במוסדות ממשלתיים בריטיים. המרד היה כעין "האנטיפדה" בימינו, רק באמצעים אחרים. הערבים החלו מיד באש חיה ובסכינים. ובהתאם לכך, היתה גם ההתגוננות (או ההתקפות) של הישוב היהודי, שהיה שקוע מעל הראש בעבודת יצירה, בהכנת התשתית לעת שיבוא. חרף המרד הערבי, הסכנה בדרכים, נמשכה העבודה בשדה, בגורן, בדיג, ברפת, בתחבורה, בכרמים, בחינוך, באוניברסיטה, בסדנאות, בבנין, בהקמת ישובים חדשים וקיבוצים, בסלילת כבישים ובהכנת "כלים" תחת האף הבריטי.

המשכנו בעבודתנו — והנה פרץ מרד פרנקו בספרד ושמונת אלפים יהודים צעירים אידאליסטים תמימים, מגיעים לעזרת הרפובליקה לשפוך את דמם במדינה, איפה שהם סופגים עלבונות על יהודותם ובכדי להיות נסבלים, הם נאלצים להחליף את שמותיהם ולהסוות את יהדותם. רק השם "ספרד" עורר בכל יהודי מחשבות אסוציאטיביות עגומות, כגון: אינקויזיציה, טורקוומדו, עינויים, שריפת יהודים על מוקדי אש וכו'. יש לזכור, ששמונת אלפים המתנדבים באו כולם מארצות קפיטליסטיות, כך, שהבחירה היה בידם, לולא הסקציות היהודיות במפלגות הקומוניסטיות, שמהם באו "הקומיסרים הפוליטיים". אלמלא הם, אפשר היה להפנות חלק משמונת האלפים לזירה שלשם הם שייכים, לארץ־ישראל, שם היו מתקבלים באהבה ובשמחה, וכאן היה גם טעם לחייהם.

אי־אפשר להחזיר את גלגלי ההיסטוריה, לכן תפסיקו להתהדר בנוצות של גבורים, תפסיקו את הגלוריפיקציה של כשלון. היה ברור, אם ברית־המועצות לא שלחה אף לא חייל ולא רובה, בזמן שהיטלר ומוסוליני סיפקו לפרנקו מכל טוב, אזי עוד לפני שהגיע המתנדב הראשון דרך הרי הפירינאיים לספרד, תבוסת הרפובליקאים היתה מובטחת, לכן תורידו את בגדי הקדושה ואל תספרו, שהמבצע ספרד הרים את כבוד העם היהודי בעולם. אין שקר גדול מזה, כבוד העם היהודי ובטחונו היה בארץ־ישראל — ולא משנה, אם גם מארץ ישראל באו כ־150 מתנדבים. ציטטה: "יידן פון דער גאנצער וועלט זענען פרייוויליק געקומען קיין שפּאַניע קעמפן קעגן פאַשיזם, האָבן זיי אויך געקעמפט פאַר דער יידישער זאַך!" (עמ' 204). און א צווייטע ציטאַטע: "מיינע יידישע חברים, די משהס און אברהמס האָבן צוזאמען געמישט זייער בלוט מיטן בלוט פון די דזשאָנס, היינריכס און אנדערע, זענען א באַוויז, אז ווען עס קומט צום קאמף פאַר פרייהייט, דאַרט געפינט מען אויך יידן" (עמ' 205). והמחבר שואל: "צי העלפט עס אונדז יידן, אין די אויגן פון די פעלקער? — דאס איז שוין א צווייטע פראַגע". (עמ' 205). למחבר אין אומץ לענות על השאלה...

הסוף ידוע: אחרי שגנרל פרנקו דחה בתוקף שתי הצעות שלום של הממשלה הרפובליקאית, התמעטו ודעכו הקרבות. באחד מקרבות אלה האחרונות והמיותרות, נפל בן־עירנו ישראל הלבסברג. אחיו דב, החי בישראל, ממשיך להתאבל על בחור יקר זה.

הנופלים מבין הבריגדה היהודית היו מרובים למעלה מהמשוער ולא עמדו בשום פרופורציה ביחס למספרם. כמה נפלו? אצטט מה אומר מחבר בנימין לובלסקי:

"מיט ווייטיק מוז איך זיך אָפּהאַלטן אויסרעכענען זייערע נעמען. ס' וואָלט געווען א צו לאַנגע רשימה, אלץ טייערע מענטשן, געפאַלענע, צעזייט איבער פאַרשידענע מקומות פון דער שפּאַנישער ערד" (עמ' 204).

כך נפלו על מזבח של מטרות זרות, שהיו ונשארו עויינות לעם היהודי ולמדינת ישראל. זה היה מחיר הדמים של הרפתקאה כושלת, שמעלליה תובעים עדיין דיווידנדה פוליטית וטפיחה על השכם מההיסטוריה.

אלה מהלוחמים היהודים שנשארו בחיים, נפוצו והתפזרו כמוץ ברוח וחפשו הצלה. רובם נכלאו במחנות מעצר שונים, חלק מהם באו לארץ־ישראל ורק כאן, אחרי שנים רבות של ניכור ועויינות מצד "הקמרדים" — הרגישו בפעם הראשונה את החיבוק החם והלבבי של העם בישראל. וזה יכול להעיד על עצמו גם בנימין לובלסקי.

(פורסם על סמך חופש הויכוח).



א לובלינער דעלעגאַציע האָט אויך היי־יאָר זיך באַטייליקט אין דעם אקט פון לייגן קרענץ ביים דענקמאַל פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד אין יד ושם אין ירושלים, אין טאָג פון דער שואה און גבורה. פון רעכטס: דזשודיט דזשאָזעף פון ניו־יאָרק, צעשא אַבליגענהאַרץ, רבקהלע שטאַקפיש און צעשא פישער־טראַכטענבערג.

# ביי אונדזערע לאנדסמאנשאפטן

## דו"ח מפעולות ארגון יוצאי לובלין בישראל
## (אוקטובר 1988 – נובמבר 1989)
### מתתיהו הורן, יו"ר

**אזכרה שנתית**

באזכרה שנערכה ביום 22.11.89 (י"ג לחשון תשמ"ט) באולם בית המלין בתל־אביב, לא היתה השתתפות רבתית, כמו בשנים הקודמות. מדי שנה ושנה, השתתפות הלובלינאים קטנה, בגלל כל מיני סיבות ותירוצים, וגם עקב הזדקנות. לצערינו, אי־אפשר להלחם בטבע.

לחברי הוועד יש תרעומות כלפי אותם האנשים, שמתייחסים באדישות להנצחת יקירנו ואינם באים לאמירת קדיש בציבור לזכר הנשמות הטהורות של בני עירנו, שניספו בתקופת השואה.

באזכרה השנה השתתפו: הגב' חייקה גרוסמן, סגן יו"ר הכנסת לשעבר ומר אריה בראון, החזן הראשי לצה"ל. הכותב שורות אלה, הנחה את הערב.

בין היתר הופיעו התלמידים מבית ספר תיכון עייש לאו באק מחיפה, בחזיון ופרקי קריאה.

ביום כ"ז לסיון תשמ"ט יום השואה והגבורה, התקיימה אזכרה בבית הקברות ע"י האנדרטה של קדושי לובלין־מאידאנק. מ. הורן פתח את האזכרה, בציינו את חשיבות המפגשים פעם בשנה ליד אנדרטה זו ונשא דברי דיומא.

החזן אברהם גרינבלט אמר פרקי תהילים, אל מלא רחמים וקדיש בציבור.

**חגיגות יום העצמאות**

משנה לשנה אנו חוגגים את יום העצמאות, במסגרת הארגון -- והדבר הפך כבר למסורת.

השנה התקיים הנשף באולם "תכלת", ברח' שנקין בת"א, בהשתתפות הזמרת הידועה, שחקנית תיאטרון האידיש, הגב' ז'ניה קסלר. נשפים כאלה מאפשרים פגישות רעים בין בני עירנו מהארץ ומחו"ל.

מר שלמה זינשטיין, ידידנו מניו־יורק, בירך את הנוכחים במילים נרגשות, באומרו: "שנזכה עוד להרבה שנים לקיים מסיבות כאלה" – ומסר תעודת הוקרה לחברי הועד שארגנו ארוע זה. כמו כן התקיימה הגרלת 2 תמונות יקרות ערך שנתרמו ע"י רבקה טאוּב־דמבין וצפורה ואהרון הרשטיין.

הערב עבר באוירה נעימה, בשירה וריקודים.

**מפגשים חברתיים**

קיימנו מספר פגישות עם בני עירנו מארץ ומחו"ל.

ביום 11.4.89 בשעה 7 בערב, באולם התאחדות עולי פולין בתל־אביב, ברח' דיזנגוף 158, התקיים מפגש על כוס תה בהשתתפות ד"ר בינם ווייס ורעייתו, מלובלין. האורח מפולין סיפר על פעולות הנצחה שנעשו שם וחשיבותן. בפגישה השתתפה גם בלומה פרלמוטר־דודה, בת לובלין, צנחנית בדרגת רב־סרן, שלחמה ביחידה פרטיזנית נגד הכובש הנאצי.

היו שאלות ותשובות, והדיון היה על רמה גבוהה ומעמיק. לאחר ההרצאה, הקרינו שקופיות על לובלין היהודית לפני השואה.

כמו כן נפגשנו עם שלושה שחקנים מהתיאטרון הפולני בלובלין, אשר סיפרו על ההצגות, שהם מקיימים עבור הציבור הפולני ולתיירים יהודיים.

עם הופעת ספרו של בן עירנו בנימין לובלסקי "ביים פארלאָשענעם פלאם", התקיים מפגש ביום 17.4.89 בשעה 7.00 בערב, בבית לייוויק רח' דב־הוז תל־אביב. השתתפו: ש.ל. שניידרמן מניו־יורק, מרדכי צנין, דוד שטוקפיש והמחבר. כל המרצים ציינו את חשיבות הספר, מבחינה היסטורית וציבורית.

**סרט וידיאו**

בחודש יוני השנה, התקיימה ישיבה מיוחדת של הועד שהיתה מוקדשת להצעות חדשות של הנצחה. בסוף הוחלט להנציח את עיר לובלין בצורה נאותה, ע"י שני פרוייקטים:

1. הוצאת סרט־וידאו, שלכל בני־עירנו, ילדינו ונכדינו, תהיה בבית קלטת על הישוב היהודי בלובלין – לפני השואה ואחריה. אנחנו מאמינים, שהיא תתן בבואה נאמנה של ביתנו הישן, על חייו הססגוניים והתוססים.
2. אלבום. עותק אחד במתכונת גדולה והוצאת פאר, יימצא בתצוגת־קבע בבית התפוצות בת"א. מספר גדול של העותקים במתכונת יותר קטנה, וגם בביצוע אמנותי, יופץ בין הלובלינאים בישראל ובעולם כולו. תוכנו של האלבום יהיה עשיר ויקיף גם




אויף דער יום העצמאות פייערונג פון די לובלינער אין תל־אביב. דער צווייטער רעכטס – שלמה זינשטיין פון ניו־יאָרק.



חלק היסטורי, שיוקדש לישוב היהודי בלובלין בכל הדורות. האלבום יהיה כאוצר בכל בית לובלינאי.

נשלחו 750 מכתבים בארץ ובחו"ל, בכדי לקבל תשובה לפרויקט הנ"ל. לדאבוננו, ההענות עד כה היתה חלשה. יתכן, שימצאו מספר לובלינאים בעלי יכולת ורצון טוב – ואז נוכל להגשים את הפרויקט.

## אימוץ בתי ספר

בית ספר תיכון ליאו באק בחיפה, ובית ספר ממלכתי "עלומים" ברמת השרון, אימצו את קהילת לובלין. מדי שנה, בערב חג השבועות, אנו מחלקים מלגות לאותם התלמידים, שהצטיינו בלימודים ומעטי היכולת.

השנה עזרנו מבחינה כספית לאחד התלמידים, על מנת שיוכל להשתתף בסיור בפולין, יחד עם בני כיתתו.

**חלוקת מלגות ע"ש בלה מנדלסברג־שילדקרויט.**

התקיימה השנה באוניברסיטת בר־אילן, ב־3 באפריל 1989, בהשתתפות: ד"ר דינה פורת, היסטוריונית, עו"ד חיים קוסובסקי־שחור, דוד שטוקפיש, ד"ר שמחה בונים ווייס מוורשה וגברת מרים ברגמן – כלת הפרס לשנת תשמ"ט על מחקרה "מחנה דראנסי בצרפת – מחנה מעבר לאושוויץ".



**אויפן בילד אויבן – אויפנאמע פאר די געסט פון פוילן (פון לינקס): ד"ר בינעם ווייס, בלומא פערלמוטער (פון ווארשע), מ. האָרן (באגריסט), קאַראָלאַ ווייס (פון ווארשע), ד. שטאָקפיש. אויפן בילד אונטן: אויפנאמע פאר דריי ארטיסטן פון שטאָטישן טעאטער אין לובלין, אין "לובלינער ווינקל" אין תל־אביב. פון רעכטס: די דריי געסט, מ. האָרן, א. לאסקאָווסקי.**

## סאַן־פּאולאָ

אונטערן פאָרזיץ פון מאָטל דינער, איז דעם 13טן נאָוועמבער 1988, פאָרגעקומען אין בית־כנסת אויף רוא דע גראַסאַ די יערלעכע אזכרה נאָך די קדושים פון לובלין, סטאשעוו און אומגעגנט. אין זיין דערעפענונג־וואָרט, האָט דער פאָרזיצער אָפּגעגעבן כבוד אונדזערע קדושים און גערופן צו זיין וואכזאם קעגן די דערשיינונגען פון נעאָ־נאציזם און דעמאָנסטרירן סאָלידאריטעט מיטן יידישן פאָלק און מיט מדינת ישראל.

וועגן די היטלעריסטישע פארברעכנס קעגן יידישן פאָלק האָט גערעדט דער חשובער עסקן אהרון פארטשעוו, געבוירן אין לובארטאָוו, וואָס האָט אליין אדורכגעמאכט דעם היטלעריסטישן גהינום. עס זענען אויך ארויסגעטרעטן: יואל ראָלניק, לאנגיאָריקער ציוניסטישער טוער אין בראזיל; חיה צווייִמאן, סעקרעטארין פון דער סטאשעווער לאנדסמאנשאפט; בעלא ווייס שילדערט דאָס פארמלחמהדיקה יידישע לעבן אין סטאשעוו; הילדא זינגער, געבוירן אין זשעלעכאָוו, לייענט א פראגמענט פון שמערקע קאטשערגינסקיס "די לעצטע נאכט אין ווילנער געטאָ"; א שטארקן איינדרוק האָט איבערגעלאָזט די רעציטאציע פון אויסצוגן פון דער חורבן ליטעראטור, פון אונדזער בת־עיר מינטשע דינער־יאקובאָוויטש.

דעם רעליגיעזן טייל האָט אדורכגעפירט דער חזן שמחה זילבערמאן און מיט קדיש בציבור איז געשלאָסן געוואָרן די איינדרוקספולע פייערונג.

## טאָראָנטאָ

ערב ראש־השנה, האָבן מיר אדורכגעפירט די יערלעכע אזכרה אויף דעם בית־עולם, וווּ עס געפינט זיך דער מאָנומענט לזכר די קדושים פון לובלין. יעדעס יאָר פירן מיר אדורך 4־5 אונטערנעמונגען, ווי: די אלגעמיינע פארזאמלונג, קאָמיטעט־זיצונגען, דעם באנקעט.

מיר האָבן דאָ געהאט פארלוסטן. עס זענען פון אונדז אוועק אין דער אייביקייט:

### משה ראָטענבערג ז"ל
### יוסף פינקעלשטיין ז"ל.

בייגעלייגט זייערע בילדער. פינקעלשטיין האָט פאריתומט זיין פרוי פרידא, צוויי זין, טאָכטער און איניקל. ראָטענבערג האָט איבערגעלאָזט זיין פרוי פאָלא, צוויי פארהייראטע זין און אייניקלעך.

כבוד זייער אָנדענק.

**משה וואקסבוים**

**פּאריז**

# צו דער 46־סטער יאָרצייט פון אומקום

צאָלרייך זענען די לובלינער און פארטשעווער אין פאריז געקומען צו דעם הײַ־יאָריקן יזכור, אָפּצומערקן די 46־סטע יאָרצייט.

נאָכן אנצינדן די זעקס סימבאָלישע ליכט, האָט דער חזן דאנאָוו, פון דער "נאָטרע דאם דע נאַזאַרעט" שיל, מיט א סך געפיל געמאכט דעם אל־מלא־רחמים און צוזאמען מיטן גאנצן עולם געזאָגט קדיש. די פאָרזיצערין פון דער אזכרה. געוו. ווידערשטענדלערין און דעפּאָרטירטע טעשקע פאָרשטעטער קאָרמאן האָט אין איר אריינפיר־וואָרט דערקלערט, אז זי געפינט זיך נאָך אונטערן טיפן איינדרוק פון בייוווינען דעם היינטיקן פרימאָרגן אין דראנסי, ביי דער דערעפענונג פון מוזעאום געווידמעט דעם אומקום, אין איינעם פון די וואגאָנען,



teatrnn.pl

מיט וועלכע מען האָט דעפּאָרטירט די 80 טויזנט יידן פון פראנקרייך אין די טויט־לאגערן.

דער סעקרעטאר פון דער פארטשעווער לאנדסמאנשאפט, אברהם קאסטנער האָט אין זיין ארויסטרעטונג דאַרמאָנט מיט א סך צער און ווייטיק וועגן אומקום פון די זעקס טויזנט פּאַרטשעווער יידן, וואָס האָבן דור־דורות געלעבט און געשפּינט דאָס אייגנאַרטיקע, יידישע לעבן, טראָץ אלע רדיפות. אָבער זיי זענען טראגיש אומגעקומען דורך די דייטשע מערדער מיט זייערע געטרייע מיטהעלפער — פּאָלאַקן, אוקראינער און ליטווינער.

דער שרייבער פון די שורות ברענגט ארויס דעם געראנגל פאר דער עקזיסטענץ פון יידישן ישוב אין לובלין, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1396.

אין לובלין איז געלייגט געוואָרן דער פונדאמענט פון אויפבויען די יידישע קולטור־אויטאָנאָמיע מיט א צענטראלער אָנפירערשאפט פון אלע קהילות, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א יידישן פּארלאמענט.

די וויצע־פּאָרזיצערין פון דער לובלינער לאנדסמאמנשאַפט, גיטעלע עדעלשטיין שליסט דעם יזכור־נאָכמיטאָג מיט רעציטירן, מיט א סך הארץ און נשמה, אויסצוגן פון דער גרויסער פּאָעמע פון דיכטער משה שולשטיין ז"ל ביים פנקס פון לובלין.

# פּורים יום־טוב

דער גרויסער זאַל פון אַרבעטער־רינג איז געווען אויסגעפּולט איבער די ברעגן פון די מיטגלידער, וואָס זענען געקומען אָפּצייכענען דעם פריילעכן פּורים־יום־טוב אין דער היימיש־משפּחהדיקער אַטמאָספער וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר אַ לאַנדסמאַנשאַפט. דער שרייבער פון די שורות באַגריסט דעם חשובן עולם און שיקט איבער אַ רפואה שלימה צו דער גרויסער צאָל קראנקע מיטגלידער.

זיין רוף האָט געהאַט דעם געהעריקן אָפּרוף און מיט די וואָס האָבן זיך באַשטייערט אויף דעם פּורים יום־טוב, שליסן מיר די אַקציע מיט 11 מיליאָן אַלטע פראַנק, פּלוס 5.000 נייע פראַנק, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן פאַרן ק.ק.ל., בכדי די לאַנדסמאַנשאַפט זאָל אָנטייל נעמען אין דער אַקציע פון פלאַנצן נייעביימער.

טעשקע פּאָרשטעטער־קאָרמאַן האַלט אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן יום טוב פּורים, אויף דער קאַנווע פון דער מגילת אסתר, וואָס איז אַ לערע פאר אַלע צייטן.

דערפּאָלגרייך האָט דינה'לע (ביי די לובלינער) און קאָסטער (ביי די פּאַרטשעווער) אַדורכגעפירט דעם משלח־מנות פאַרקויף פון בלומען, וואַס די מיטגלידער שיקן זיך קעגנזייטיק איבער.

אינעם אַרטיסטישן טייל, איז מיט גרויס טאַלאַנט אַרויסגעטרעטן דער באַקאַנטער זינגער איזאַק מענטליק, אין באַגלייטונג פון פּיאַנאָ־מוזיקער.

אַ יישר כוח די איבערגעגעבענע קאָמיטעט־מיטגלידער, וואָס האָבן בייגעטראָגן צום דערפּאָלג פון יום־טוב. משה'קע ראָזנבלום, אברהם קאָסטער, דינה'לע ראָטשטיין, אַנאַטאָל בינשטאָק און זיין פרוי, מאָטאַלע ניסנבוים און זיין פרוי, יוסף טאָבער, חוה'טשע לאָבערבלאַט און עוואַ לעוונבוים — פאַרן זאָרגפולן צוגרייטן דעם שיינעם יום טוב מיט די טראַדיציאָנעלע פּורים־געבעקסן און פרוכטן.

# דער יערלעכער באַנקעט

דער טראדיציאָנעלער באנקעט, וואָס יעדע געזעלשאפט באַמיט זיך אונטערצוהאלטן, טראָץ דעם וואָס מיר קענען די נאטירלעכע, ביאָלאָגישע דערשיינונגען פון די מיטגלידער, ווי עלטער, קראנקהייט אאז"וו. דערפאר זענען אונדזערע אָנשטרענגונגען און זאָרגן גרעסערע וואָס האָט מיטגעווירקט, אז מיר זאָלן נעמען איניציאטיוו צו אָרגאַניזירן צוזאמען מיט דער פארטשעווער געזעלשאפט.

דער פּאָרזיצער פון דער אונטערנעמונגס־קאָמיסיע, משה'לע ראָזענבלום און דער פאָרשטייער פון די פּאַרטשעווער, אברהם קאָסטער, באגריסן דעם עולם און שיקן איבער א רפואה שלימה די קראנקע מיטגלידער, וועלכע האָבן, ליידער, נישט געקענט קומען.

מען באגריסט דעם פּאָרזיצער פון דער לובלינער געזעלשאפט שמואל שפּירא און זש. אבראַמאָוויטשן, וואָס זענען מיט געציילטע טעג צוריק ארויס פון די שפּיטעלער און דאָך געהאלטן פאר זייער חוב אנטייל צו נעמען אין יום־טוב, צוזאמען מיט אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט.

בעת אַן איבעררייס, האָט די וויצע־פּאָרזיצערין פון דער לובלינער געזעלשאפט, גיטעלע עדעלשטיין, אין איר קורצן, אינהאלטסרייכן ארויסטריט דערמאָנט, אז מיר קענען נישט ביי אַ יידישן צוזאַמענטרעף, אַפילו אַ יום־טוב ווי ס'איז דער יערלעכער באנקעט, נישט דערמאָנען די געשעענישן אין מדינת ישראל און גאָר באזונדערס די אינטערנאציאָנאלע פּאָליטישע קאָמפּאניעס ארום ישראל. איר אויספיר: מיטן יערלעכן באנקעט, שליסן מיר אָפּ די יערלעכע פאָלקס־אקציע פאר ישראל, וואָס מיר דארפן מיט כבוד אויספירן אונדזער פארפליכטיקונג. זי רופט אויך צו שטיצן די ספּעציעלע אקציע פאר ק.ק.ל. אז אויפן אָרט פון יעדן פארברענטן בוים, דארף מען פלאנצו צוויי נייע.

איר רוף האָט באקומען דעם געהעריקן אָפּקלאנג. פייגעלע זאָבעדמאַן האָט אדורכגעפירט די זאמל־אקציע וואָס האָט אריינגעברענגט העכער א מיליאָן אלטע פראנק.

דער עולם האָט פריילעך פארברענגט אונטער דער רייכער מוזיק־ און געזאנג־פּראָגראם פון סטארסקי, וועלכער האָט זיך דער ערשטער בא שטייערט פאר דער אקציע פון ק.ק.ל.

דער יום־טובדיקער נאָכמיטאָג איז געשלאָסן געוואָרן מיטן געזאנג פון "התקווה" פון גאנצן עולם.

א יישר־כוח די קאָמיטעט־מיטגלידער פארן דערפּאָלג, גאָר באזונדערס משה'לע ראָזענבלום, דינה'לע ראָטשטיין, אנאטאָל בינשטאָק און פון די פארטשעווער — דער פּאָרזיצער אדאָלף קעניגסמאן און אברהם קאָסטער.

# אזכרה נאָכן טויט פון שמואל שפּירא

די פּאָרזיצערין פון דער פארזאמלונג, טעשקע פּאָרשטעטער־קאָרמאן דערקלערט אז די דאטע פון דעם היינטיקן צונויפקום איז נאָך באשטימט געוואָרן פאר די וואקאנסן, נאָר צוליב דעם טויט פון פּאָרזיצער פון דער געזעלשאפט שמואל שפּירא, וועט אַנשטאָט דער פארזאמלונג פּאָרקומען די אזכרה. שמואל שפּיראָ'ס טויט איז א גרויסער פארלוסט פארן גאנצן יידיש־ריידנדיקן ישוב, אָבער גאָר באזונדערס — פאר דער געזעלשאפט "פאראייניקטע קינדער פון לובלין און אומגעגנט". שוין ליגנדיק אויפן טויטן־בעט, אין שרעקלעכע יסורים און א סעקונדע, ווען ער האָט געעפנט די אויגן, דערזעענדיק מיך, פרעגט ער וואָס הערט זיך ביי דעם קראנקן מיטגליד קיסקי? דערמאָנט אויך וועגן דער אקציע פאר ישראל פארן יאָר 1989. איך דריק אויס גרויס אַנערקענונג אונדזער קאסירערין דינהלע ראָטשטיין, וואָס האָט צוזאמען מיט זיין טאָכטער געוואכט טעג און נעכט נעבן דעם קראנקן. נאָך דער פּטירה, האָט דער קאָמיטעט־מיטגליד ראָזענבלום פארגעשלאָגן צו פלאנצן א וואלד אויפן נאָמען פון שמואלן — און ער האָט זיך באשטייערט מיט פופציק ביימער. מיר האָפן, אז אונדזערע מיטגלידער וועלן נאָכפאַלגן זיין איניציאטיוו.

דער שרייבער פון די שורות דערקלערט, אז ס'איז שווער אין די ערשטע טעג נאָך דער פּטירה ארויסצוברענגען אלזייטיק די גייסטיקע פּערזענלעכקייט פון נפטר, און נאָך שווערער ארויסצוברענגען א טרייסט די אָנוועזנדע אויף דער אזכרה: די טאָכטער, איידעם און אייניקלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך אזוי געגרויסט, ווייל זיי האָבן רעאליזירט זיין יאָרן־לאנגע ציוניסטישע שטרעבונג מיט זייער עולה זיין קיין ישראל. ער האָט נאָך געהאַט די זכיה, שוין א שווער־קראַנקער, צו פירן איין אייניקל צו דער חופה אין ירושלים.

דער פּרעזידענט פון פאָלקס־קאָמיטעט יוסף זאָבערמאן רעדט מיט ווייטיק וועגן פארלוסט פון שמואל שפּיראָ. ווי אן ערשטראנגיקן עסקן, גאָר באזונדערס — אין די זאמל־אקציעס לטובת ישראל, און ווי אַ קוזין, וואָס האָט געקענט זיין חסידישע משפּחה אין לובלין, וואָס איך געפין, אז אז נאָך דער פּרשה, ווו עס ווערט דערציילט וועגן טויט פון יעקבן, לערנט מען ויחי (לעבן), איז דאָס וואָס זיינע אייניקלעך לעבן אין ירושלים, וואָס ניט אלע עסקנים האָבן צו דעם זוכה געווען. ס'איז די פארזיכערונג, אז זיין יידיש־ציוניסטישער אידעאל וועט דורך זיינע יורשים פאָרגעזעצט ווערן.

מילכה שולשטיין האָט מיט גרויס געפיל געלייענט אויסצוגן פון בוך "ביים פּנקס פון לובלין" פון משה שולשטיין. משה'לע ראָזענבלום רופט אלע מיטגלידער צו רעאליזירן דאָס פלאנצן 1000 ביימער דורך ק.ק.ל. און זאָגט קדיש מיטן גאנצן עולם.

די אזכרה האָט אויף אלע אָנוועזנדיקע איבערגעלאָזט א טיפן איינדרוק.

**משה זאַלצמאַן**





אויף דער אזכרה אין מעלבורן

## ווער און מיט וויפל האָט זיך באשטייערט פאר דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין ישראל

(אָנהייבנדיק פון 25 דאָלאר און 25 שקל)

### אין אמעריקאנער דאָלארן

| | | |
|---|---|---|
| יורם פרישמאן, לאָס־אנזשעלעס | 1000 | דאָלאר |
| משה'לע לעווינסאָן, ניס | 500 | " |
| דליה פאראן, לאָס־אנזשעלעס | 500 | " |
| גדליהו פישמאן, לאָס־אנזשעלעס | 400 | " |
| פאמיליע אָבער, לאָס־אנזשעלעס | 150 | " |
| פאמיליע גוטגליק, לאָס־אנזשעלעס | 150 | " |
| לובלינער לאנדסמאנשאפט, ניו־יאָרק | 150 | " |
| מאָטל גארטענקראוט, ניו־יאָרק | 100 | " |
| פאמיליע ראָזענזאָן, לאָס־אנזשעלעס | 100 | " |
| פאמיליע דזשאָזעף, ניו־יאָרק | 100 | " |
| יצחק עהרענבערג, לאָס־אנזשעלעס | 100 | " |
| שלמה מושקאט, תל־אביב | 100 | " |
| משה און לובא קאָרן, תל־אביב | 100 | " |
| קאָפּל מיזשריצקי, געזאמלט אין בוענאָס־איירעס | 110 | " |
| מענדל מילשטיין, סאן־פראנציסקאָ | 65 | " |
| שלמה זינשטיין, ניו־יאָרק | 50 | " |
| גיטעלע און יידל עדעל, פאריז | 50 | " |
| פאמיליא קראָנענבערג, לאָס־אנזשעלעס | 50 | " |
| הענרי רובינשטיין, לאָס־אנזשעלעס | 50 | " |
| לעאָן שערמאן, לאָס־אנזשעלעס | 50 | " |
| פאָלאַ מרגוליס, ניו־יאָרק | 50 | " |
| פאמיליע עוואנס, לאָס־אנזשעלעס | 50 | " |
| פאמיליע ברונאָ, לאָס־אנזשעלעס | 40 | " |
| פאמיליע פישמאן, לאָס־אנזשעלעס | 30 | " |
| נחמן גורפינקעל, מינכען | 30 | " |
| פאמיליע לעווען, לאָס־אנזשעלעס | 30 | " |
| אברהם סלאָמא, טאָראָנטאָ | 30 | " |
| פאמיליע מייזעלס, לאָס־אנזשעלעס | 25 | " |
| פאמיליע נאדעל, לאָס־אנזשעלעס | 25 | " |
| פאמיליע צווייקאפּט, מאָנטרעאל | 25 | " |
| ראובן פרידמאן, ניו־יאָרק | 25 | " |

### אין קאנאדער דאָלארן

| | | |
|---|---|---|
| לובלינער לאנדסמאנשאפט, טאָראָנטאָ | 500 | " |

### אין פראנצויזישע פראנק

| | | |
|---|---|---|
| פאראייניקטע קינדער פון לובלין | 1000 | פראנק |
| שמואל שפּיראָ ז"ל, פאריז | 500 | " |
| טעשקע פאָרשטעטער־קאָרמאן, פאריז | 200 | " |
| מאטיס זשעלאזאָ, פאריז | 200 | " |
| פאמיליע גאָלדמאן, פאריז | 100 | " |
| משה זאלצמאן, פאריז | 100 | " |

### אין שקלים

| | | |
|---|---|---|
| מאָטל גארטענקראוט, ניו־יאָרק | 800 | ש"ח |
| ראובן ראָסעט, סאן־פאולאָ | 200 | " |
| ורדה אמירה, ירושלים | 100 | " |
| פאמיליע ראָזענבוש, גבעתיים | 50 | " |
| פאמיליע דזשאָזעף, ניו־יאָרק | 50 | " |

# נייע לובלינער און אומגעגענד ברענטש 360, אַרבעטער רינג

To All Lubliner Landsleit In New York

צו אלע לובלינער לאנדסלייט אין ניו יאָרק



## MEMORIAL GATHERING

Dear Landsman:

The New Lubliner and Vicinity Br. 360, W.C. requests you to participate in the **ANNUAL MEMORIAL GATHERING** to pay your respect to the thousands of Landsleit Men, Women and Children who were annihilated by the Nazi regime,

**on Sunday, November 12, 1989 — 1:30 P.M.**
**BNAI ZION AMERICAN ISRAEL FRIENDSHIP HOUSE**
136 E. 39th Street, New York

We cannot permit the bloodshed and holocaust of those terrible days and years to be forgotten.

**RABBI MOSHE M. GREEBEL**
will officiate in a special **MEMORIAL PROGRAM**

Children of the **SECOND GENERATION** will participate.

## יזכור אקאדעמיע

לאמיר אייביק געדענקען, און קיינמאל נישט פארגעסן אונדזער חרוב געווארענע **לובלין**.

צו די **יארצייט** נאך די טויזנטער לובלינער קדושים, מענער און פרויען, אלעמען שוידערליך אומגעבראכט דארך די דייטשע מערדער, רופט דער **נייער לובלינער און אומגעגענט ברענטש 360 א**

**יזכור פארזאמלונג פאר זונטאג דעם 12טען נאוועמבער 1989**
**1:30 נאכמיטאג**
**BNAI ZION AMERICAN ISRAELI FRIENDSHIP HOUSE**
136 East 39th St., New York

**הרב הג׳ ר׳ משה גריבעל שליט״א**
וועט אויפטרעטן מיט די פאסיגע תפילות

מיר פארערן אויף אלע **לובלינער** און אומגעגעד צו קומען צום **יארצייט**
**און אפגעבען כבוד צו אונזערע געפאלענע קדושים.**
**די עקזעקוטיווע**

**Harry Fruchtman,** Chairman **Regina Mitelman,** Secretary **Shirley Warman,** Treasurer

---

To All Lubliner Landsleit
LOS ANGELES, CALIF.

## MEMORIAL GATHERING

NOVEMBER 6, 1988 marks the 46th year since the 1942 martyrdom of Jewish victims of Lublin

YISKOR: Sunday, November 6, 1988 at 1:00 P.M.

At: Chapel of Temple Beth Am
1039 So. La Cienega Blvd.
Los Angeles CA 90035

GUEST SPEAKER: Rabbi Levi Meier, Ph.D.
Chaplain, Cedars-Sinai Medical Center

Yours truly,

Israel Eisenberg.

For further information, call
(213) 938-1285

צו אונדזערע לאַנדסלייט
אין לאָס-אַנזשעלעס!

## איינלאדונג צו דער יערלעכער אזכרה

ווערט קומט פאר

אי״ה זונטאג כו. חשון תשמ״ט, דעם 6 טען נאוועמבער 1988, 1. נאכמיטאג אין בית המדרש פון ביה עם שוהל 1039 לא סיענעגא בולוואר. לאס אנגעלעס קאליפארניע.



אין פראגראם:

1. איינפיר
2. צינדן די זעקס יזכור-ליכט
3. חורבן-ליטעראטור
4. נאגריסונגען - רעפעראט
5. אל מלא רחמים
6. קדיש בציבור

איינלאדונגען צו די אזכרות אין ניו-יאָרק און אין לאָס-אנזשעלעס

# מכתבים • בריוו • מכתבים • בריוו

לכ' ארגון יוצאי לובלין בישראל.

**הנדון:** סיור מקהלת הקיבוץ הארצי בלובלין והסביבה, בימים 3-7.7.89.

שלום רב,

מקהלת הקיבוץ הארצי של השומר הצ־עיר, קיימה סיור בעיר לובלין וסביבו־תיה, לפי הזמנת מקהלה ליד אגודת המו־רים של לובלין. הסיור עבר בהצלחה רבה. המקהלה התקבלה בצורה לבבית ביותר ובהפגנה של ידידות ליהודים ולי־שראל. חברי המקהלה גרו בבתי חברי המקהלה המארחת, במשך 4 ימים. כמו־כן התקבלנו ע"י ראש העיר וחברי העיריה, בקבלת פנים חגיגית.

הסיור כלל, נוסף לעיר לובלין, את בית הספר החקלאי בפשטשֶלה־וולָה, נאלנ־צ'וב, קאזימייז'. בוולודבה ביקרנו בבית־כנסת, שהיום משמש מוזיאון. היינו גם בזמושץ' ובילגוריי. קיימנו טכסים של הנחת זרים והדלקת נרות־נשמה בסוביבור ומיידאנק. באחד המקומות, נפגשנו עם מספר יהודים בבית מדרש, שם נמסר לי ע"י אחד מהם שיר, שנכתב ע"י אשתו וביקש ממני להעבירו אליכם. השיר מרגש ביותר. כמו כן נמסר לי ע"י אחד ממארחינו הפולני, עתון עם תמונות מתקופת הגיטו וביקש להעביר אליכם. אני מצרף את השיר והתמונות.

קיימנו קונצרטים בלובלין, בילגוריי ונלנצ'וב. הסיור נסקר ע"י העתונות והרדיו בלובלין וורשה.

באם הנכם מעוניינים בפרטים נוספים, אני לרשותכם. שלום רב –

**יצחק רון**

קיבוץ יקום. טל. 052-524357.

השיר ביידיש ובפולנית, שהובא ע"י מר יצחק רון.

## דער גורל

### נחום שיץ (פאראסאַלניק)
### און פרוי / לובלין

זונעניו מיין,/ ווו איז דיין קבר?/ ווו איז דיין געביין?/ איך בין געבליבן איינזאם/ אזוי ווי דער שטיין./ א קדיש־בחור האָב איך מיין מאַן אין שטוב געבראַכט,/ איך האָב אים געהיטן בייטאָג און ביינאַכט./ און ווען ער האָט געוויינט, ווען ער האָט געלאַכט,/ איז מיין הארץ געווען פול מיט פרייד./ ביז וואנען ס'איז געקומען די פינצטערע נאַכט.../ ווי אזוי קאָן מען אוועקרייסן א קינד פון א מאַמען?/ טויטן און ווארפן אין רויטע פלאַמען?/ צי קאָן נאָך מיין הארץ וויינען און לאַכן?/ ס'איז געוואָרן אזוי ווי דער שטיין./ לויף איך אויף אלע וועגן,/ און טו מענטשן פרעגן: ווו איז דיין קבר?/ ווו איז דיין געביין?/ כ'וויל כאָטש אוועקלייגן א שטיין./ כ'וויל זאָגן קדיש, אל מלא רחמים/ פונעם הארץ אויסגיסן מיין ביטער געוויין...

לובלין, אפריל 1989.

Nuchym Szyc, LUBLIN

LOS

Syneczku mój!  
Gdzie Twój grób? Gdzie Twe prochy?  
Zostałam sama jak ten kamień.

A Kadysz bucher memu mężowi przyniosłam do domu,  
Pilnowałam Go w nocy i w dzień,  
Kiedy się śmiał i kiedy płakał,  
Serce moje było pełne radości,  
Aż przyszła ciemna noc....

Jak można oderwać dziecko od matki?  
Zabić i rzucić w czerwony płomień ?  
Czy może moje serce jeszcze płakać i śmiać się?  
- Stało się jak ten kamień.

Biegam po wszystkich drogach  
I pytam się ludzi:  
- Gdzie Twój grób? Gdzie Twoje prochy?

Chcę położyć chociaż ten kamień  
Chcę zmówić Kadysz  
-El mùla rachmym...  
Chcę z mego serca wylać gorzkie łzy.

kwiecień,1989r.

לכ/בוד מ. הורן – יו"ר  
ארגון יוצאי לובלין בישראל  
דיזנגוף 158  
תל־אביב.

מר הורן הנכבד

המשלחת שלנו לפולין תמנה 13 איש ומורה. במכתבך מה־22.12 כתבת כי נוכל לקחת חלק מהמלגה שאתם עתידים לתת לנו בחודש אפריל, כרגיל, ואילו אני התכוונתי לשאול אם לרגל היציאה של המשלחת תוכלו לסייע לנו בסכום נוסף על המלגה.

עכשיו ידוע לי גם, שבתכנית הביקור בפולין, לבקר גם בלובלין. המורה יונה קציר, שעומדת בראש המשלחת, מבקשת לדעת, אם יש לקהילה משאלה מיוחדת, בעת הביקור שלנו בפולין. תוכל להתקשר אישית עם הגב' יונה קציר, לטל. 256941.

בברכה,

צעירה טריפון־אבן  
מנהלת החטיבה העליונה.

לכבוד סויקה ארליכמן, עפולה.

סויקה נכבדה!

הנני לאשר קבלת הספר "שתיקה שהופרה". ברצוני להביע את הערכתי עבור יוזמתך ומאמצך בהוצאת ספר זה, ספר מעניין מאד וחשוב לדורות שלנו ולדורות הבאים.

את, כבת לובלין, הצלחת לעשות זאת בצורה נאה. במיוחד עכשיו, כאשר חלק מאומות העולם רוצה לטשטש את תקופת מלחמת העולם השניה, שבכלל לא היתה שואה וכי היא רק פרי דמיון והשמצה של היהודים.

122 עדויות של ניצולי שואה אשר סיפרו לתלמידי בית ספר תיכון על שם דוד בן גוריון בעפולה את קורותיהם מתקופה טרגית זו – זו הוכחה נחרצת לעולם כולו, שהשואה האיומה הזו היתה.

אם את, סויקה, באמצעות ספר זה ומשרד החינוך באמצעות תוכנית לביקורי נוער במחנות השמדה, הצלחתם להחדיר ללבבות בני דורינו מהי השואה, וכמה חשוב לשמור על מדינתנו – הרי השגתם את מטרתכם.

בהוקרה

מתיהו הורן

ארגון יוצאי לובלין יעשה כל מאמץ, בכדי להפיץ את הספר הנ"ל.

*העתק למנהל בית ספר תיכון בעפולה, משה גלבמן.

★

## שרה בראנדעס (שפרינצאלע), קיבוץ מעוז חיים.

... צום 45 סטן יום השואה והגבורה, האָט אונדזער קיבוץ ארויסגעגעבן א ספעציעלע זאמלונג, אין וועלכער איך האָב אויך באשריבן מיינע איבערלעבונגען. איך דערמאָן דאָרט מיין קוזין מענדל ווייסמאן פון קאָפּענהאגן און זיין פאָטער משה ווייסמאן ז"ל, סעקרעטאר פון נאָדל־פאראיין אין לובלין. א געוויסע צייט זענען מיר געווען צוזאמען אין א קאָלכאָז אין קירגיזיע, אין דער שטאָט אָש, אויך מיט חוהטשע לאָבערבלאט (בראנד) און איר מאן יחזקאל ז"ל. פון דאָרט געדענק איך אויך יחיאל טייגמאן פון דער קרוטקע גאס, זיין פאָטער איז געווען א שניידער. דאָס זענען געווען צייטן, ווען מ'האָט געבלאָזן אין א ביסל שטרוי, כדי אָנצוצינדן א פייער און אויפקאָכן א ביסל וואסער מיט קלייען, וואָס האָט דערנאָך געשמאָכן אין הארץ.

★

## שלמה זינשטיין, ניו־יאָרק.

איך שיק אייך א טשעק אלס קאָנטע פאר דעם אלבום און קאסעטע, ווי איר שרייבט אין אייער לעצטן בריוו. ס'איז א שיינער, גוטער געדאנק, אויב מיר וועלן דאָס דערגרייכן. איך ווינטש אייך דערפאָלג. אויב כ'וועל זיין נייטיק מיט עפּעס זיך צו באטייליקן, בין איך צו אייער דיספּאָזיציע.

★

## קאָפּל מיזריצקי, בוענאָס־איירעס

דאָסמאָל שיקן מיר נאָר 90 דאָלאר, וועלכע ס'איז געלונגען צונויפצוזאמלען ביי די עטלעכע לובלינער, וואָס זענען קלענער געוואָרן אין צאָל. דער לעצטער נומער "קול לובלין" איז אָנגעקומען נאָר צו מיין שוועגערין און צו מיין קוזין שמואל קאָסמאן. דאקעגן די 5 נומערן וועלכע ווערן געשיקט אויף מיין אדרעס, האָב איך נישט דערהאלטן.

★

## גדליהו פישמאן, לאָס־אנזשעלעס.

איך גלויב צו באזוכן ישראל אין חודש מאי ה.י., נאָר פאר דעם וויל איך אויף א 2 טעג אריינפאָרן קיין לובלין, בלויז אָנקומען אין מיידאנעק און דאָרט זאָגן קדיש. אויב ס'איז נישט שווער, שרייבט מיר אָן עפּעס וועגן דער היינטיקער לובלין. וועמען קאָן מען דאָרט זען און שמועסן און בכלל – וועגן אלץ וואָס קאָן מיר פארלייכטערן דעם באזוך אין דער שטאָט.

★

## אברהם קארפּענשיף, ליאָן

... איך האָב מיט גרויס אינטערעס געלייענט אין לעצטן נומער "קול לובלין" די זכרונות פון יצחק רייכענשטיין ז"ל "50 יאָר הפועל", אין וועלכע ער דערמאָנט אזוי פיל נעמען פון ספּאָרטלער, וואָס שטייען מיר איצט פאר די אויגן. באשרייבנדיק די פרויען־סעקציע, האָט ער נישט דערמאָנט מיין פארשטאָרבענע פרוי שרה ערלינגער, ווי אויך, אז דער לאָקאל אויף קרולעווסקע 3 האָט פריער געהערט צו איר פאָטער. איך בין געווען באקאנט ווי א גוטער פינג־פּאָנג שפּילער און א יאָר פאר מיין מיליטער־דינסט, געווען מייסטער פון פעדערן־געוויכט אין באָקס, אין לובלינער קרייז.

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז דאָ, אין ליאָן, אוועק אין דער אייביקייט שרה ראָן. איך גלויב, אז זי האָט א שוועסטער דאָרקאָ אין פּאריז. איר פּאָטער האָט געהאט א שניט־געשעפט אויף לובארטאָווסקע 24. איר מאן האָט געהייסן בארטעל.

★

## הערי פּרוכטמאן, ניו־יאָרק.

ס'איז געווען א פארגעניגן צו לייענען דעם זשורנאל "קול לובלין", וועלכער אינפאָרמירט פון אונדזערע לאנדסלייט אין דער וועלט. בייגעלייגט א טשעק פון 150 דאָלר פון אונדזער סאָסייעטי אין ניו־יאָרק.

★

## אננא בראָס, טאָראָנטאָ.

בייגעלייגט א טשעק אויף 500 דאָלאר. אויסער דער באשטעטיקונג, בעטן מיר אויך איבערצוגעבן וועגן דער יערלעכער באשטייערונג אין נאָענטסטן נומער "קול לובלין". אין פארגאנגענעם יאָר, האָט איר נישט אָנגעגעבן די באשטייערונג. פאר וואָס?

★

## יוסף שנור, לאָס־אנזשעלעס

מיר קאָנען זיין שטאָלץ מיט אונדזער זשורנאל "קול לובלין", וועלכער אינפאָרמירט אונדזערע לאנדסלייט וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין די אָרגאניזאציעס אונדזערע, ווי ביי יחידים. צו וואָס קריטיקירן, אז דער זשורנאל איז נישט געוואָרן ארויסגעגעבן גענוג יום־טובדיק לכבוד דעם 40סטן יום העצמאות. מיר שטאָלצירן אלע מיט די 40 יאָר מדינת ישראל, אָבער אונדזער זשורנאל איז צו באדינען לובלין, און ווי אזעלכער איז ער גענוג אָביעקטיוו און פּאָזיטיוו צו דער יידישער מדינה. ס'איז א גוטע אידעע צו שאפן א קאסעטע־פילם וועגן לובלין, נאָר איך צווייפל, צי אונדזערע קינדער וועלן דאָס באנעמען. איך בין דאָך מסכים מיט דער אונטערנעמונג און אז דער רוב פּאָטאָס וועלכע זענען אין אייער באזיץ, וועלן קומען צום אויסדרוק אין דעם פילם.

# לזכרם • צום אָנדענק



שמואל שפּיראָ ז״ל

## שמואל שפּיראָ ז״ל

שבת, דעם 15טן סעפּטעמבער 1989, 01.15 ביינאַכט, איז פאַרלאָשן געוואָרן א ליכט — שמואל שפּיראָ איז נפטר געוואָרן. מיר וועלן מער נישט הערן זיין קול. דער אומברחמנותדיקער טויט האָט ארויסגעריסן א בוים.

טייערע שמואל! האָסט פאַריתומט דיין קראַנקע פרוי, געניא, דיינע קינדער און אייניקלעך. האָסט אָבער אויך פאַריתומט אונדזער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, אין וועמענס נאָמען איך דאַרף איצט האַלטן דעם הספד. די דאָזיקע לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע האָסט במשך צוויי צענדליק יאָר געפלעגט, מיט האַרץ און נשמה, און ווי א פאַסטעך געפירט זיינע שעפעלעך, נאָכן אוועקגיין אין דער אייביקייט פון אַלטער זאַבערמאַן ז״ל. ביז דיין לעצטער אָטעם־פּויזע, האָסטו ערלעך און געטריי אָנגעפירט מיט דער לובלינער סאָסייעטי. מיט עטלעכע טעג צוריק האָסטו זיך געפרעגט, צי מ׳האָט ארויסגעשיקט די איינלאַדונגען צו דער פאַרזאַמלונג, כאָטש ביסט נישט געווען באַפרייט פון די יסורים. און נאָך א סך וואָלט מען געקענט דערציילן פון דיינע מעשים טובים. שטייען מיר איצט אַרום דעם אָרון צוזאַמענגעבראָכן, אין טיפן צער און טרויער, צוליב דעם גרויסן פאַלוסט אונדזערן. ווי האָט געזאָגט אונדזער קאַסירערין דינהלע לאָטערשטיין: ״שמואל שפּיראָ איז געווען אונדזער פאָטער״.

ער איז געווען א קינד פון צען קינדער, ביי דער אָנגעזעענער לובלינער משפחה שפּיראָ, וווּ אַלע זענען דערצויגן געוואָרן אין יידישן גייסט. פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ביסטו אוועק קיין פראַנקרייך. אין אָנהייב איז דיר שווער געווען צו שטעלן זיך אויף די פיס. דאָך איז דיר געלונגען אַראָפּצוברענגען פון פּוילן דיין געליבטע געניע, די טרייע לעבנס־באַגלייטערין, פאַר וועלכער האָסט זיך אַזוי מקריב געווען אין די לעצטע יאָרן. מ׳האָט גאַנץ אָפט און ערנסט געשמועסט, אַז ווען מ׳וואָלט באַדאַרפט געבן די נאָבעל־פּרעמיע א גוטן מאַן, איז זי געקומען דיר, שמואל.

ווי נאָר האָסט זיך אומגעקערט א היים אין יאָר 1944, נאָך 5 יאָר דייטשישער געפאַנגענשאַפט, האַסטו זיך גענומען צו גזעלשאַפטלעכער אַרבעט, באַזאַמען מיטן פּערזענלעכן איינאָרדענען זיך. נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, ביסטו אויסגעקליבן געוואָרן אויפן אַמט פון פּרעזידענט פון דער פאָלקס־אַקציע צו העלפן דעם יידישן לאַנד־און די דאָזיקע אויפגאַבע האָסטן אויסגעפירט אויפן בעסטן אופן.

אָט באַלד וועט מען דיך באַגלייטן צו דיין אייביקער רו — און מיר פרעגן מיט זאָרג: ווער וועט פאַנעמען דאָס אָרט ביי דער מזרח־וואַנט פון דיינע אַקטיוויטעטן און אויף זייער א סך געביטן פון יידישן לעבן? האָסט תמיד געהאָלפן מיט א ברייטער האַנט א יידישן שרייבער ביים ארויסגעבן זיין בוך, האָסט געשטיצט דעם פּרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב, ביסט געווען אַנגאַזשירט אין דער געלט־אַקציע פאַר ״אונדזער וואָרט״ און אחרון אחרון, און טאַקע אויך חביב ביי דיר — די לובלינער אָרגאַניזאַציע.

נאָך דיין טויט, שמואל, זענען מיר געוואָרן ווי איינגעשרומפּן, וועסט אונדז אַלעמען פעלן. אויף די צוזאַמענטרעפן פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, פון וועלכע דו ביסט געווען די קרוין, וועט מען דיר מער נישט זען און הערן. וועלן מיר מיט ליבשאַפט און פּיעטעט דערמאָנען דיין נאָמען. זאָל דיר די ערד גרינג זיין!

**גיטעלע עדעל־שילדקרויט**
(פונעם הספד ביים אָפענעם קבר)

## מיין נאָענטער חבר שמואל

מיר איז שווער צו ריידן וועגן א זייער נאָענטן חבר, ווי ס׳איז געווען פאַר מיר שמואל. מיר איז שווער אים מספיד צו זיין אין דער באַגלייטונג צו זיין אייביקער רו. וואָס קען איך שוין צוגעבן, וואָס פאַר מיר האָט געזאָגט די וויצע־פּרעזיצערין פון דער געזעלשאַפט פאַראייניקטע קינדער פון לובלין.

ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם יידישן מענטש, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין דער יידישער אָרעמקייט פון זיין היימשטאָט לובלין, דורכגעמאַכט די טראַדיציאָנעלע שול פון יידישער דערציאונג, געזוכט, ווי די גאַנצע יידישע יוגנט אין פּוילן, וועגן ווי אַזוי זיך ארויסצובאַקומען פון דער דאָזיקער אָרעמקייט. ער האָט געזען אין די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען דעם וועג פון פּערזענלעכער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

זיין רעוואָלוציאָנערן וועג האָט ער געפונען אין די לינקע פּועלי־ציון, וואָס איז געווען די צווייטע שטאַרקע באַוועגונג נאָכן ״בונד״ אויף דער יידישער גאַס. שוין דעמאָלט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער וועג צו נאַציאָנאַלער מענטשלעכער באַפרייאונג, ליגט אין דעם באָראָכאָוויזם, וואָס האָט געפונען דעם וועג פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג נאָר אויף אייגענער טעריטאָריע. פאַר זיינע אידייען, האָט ער באַצאָלט מיט אַ יאָר תפיסה אין פּוילן.

ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם וועג פון דער יידישער עמיגראַציע, וועלכע האָט געזוכט נייע וווין־ערטער, וווּ דער אַנטיסעמיטיזם איז ווייניקער אַגרעסיוו ווי אין פּוילן און וווּ ס׳ענען פאַראַן מעגלעכקייטן פון פיזישער עקזיסטענץ.

געקומען קיין פראַנקרייך און דאָ געבויט זיין לעבן. ער האָט געהאַט דאָס גליק איבערצולעבן די מלחמה מיט זיין פרוי און איינציקער טאָכטער און קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין פּאָליטישן און געזעלשאַפט־לעכן וועג, וועלכן ער האָט זיך אָנגעצייכנט, ווען ער האָט נאָך געלעבט אין פּוילן.

אַן איבערגעגעבענער און דיסציפּלינירטער געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט ער שטענדיק אויסגעפירט בשלימות אַלע אויפגאַבן, וועלכע מען האָט אויף אים

ארויפגעלייגט. אזוי גוט אין דער פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט אָנגעהערט ביז צום לעצטן אָטעם פון זיין עקזיסטענץ; ביי דער לובלינער גרעזעלשאַפט, וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און נפש, וואָס איז אויסגעוואַקסן אלס איינע פון די שענסטע אָרגאַניזאַציעס: דער פאָלקס-אַקציע פאַרן פאַראייניקטן אפּיל, וואָס האָט זיך דערוואָרבן א גרויסן אָנזען אין דער זאַמל-אַקציע. דערפאַר האָט ער אויך באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן, ווען מען ביוראָ־מיטגליד ער איז געווען לאַנגע יאָרן; „אונדזער וואָרט", וואָס ער האָט געשטיצט מיט אַלע כוחות; זיינע חברים צו וועלכע איך און מיין פרוי האָבן געהאַט די זכיה צו געהערן, ווייל עס האָט אונז געבונדן אַן אומבאַגרענעצטע און טיפע פריינטשאַפט.

איבערגעגעבן זיין משפחה, וואָס האָט נישט קיין גלייכן, בפרט צו זיין קראַנקער פרוי. א מענטש מיט אויסערגעוויינלעכע מעלות, וואָס גייט אוועק און מען קען וועגן אים זאָגן, אז צדק לפניו יהלך — א געררעכטער פאַר זיך. א גערעכטער פאַר זיין ארום, שאַפט ער א בלויז, וואָס וועט זיך א סך לאָזן פילן.

מיין טייערער חבר שמואל, דו גייסט אוועק אין דער אייביקייט און מיר איז שווער, זייער שווער זיך צו געזעגענען מיט דיר. איז עס טאַקע די טרויעריקע ווירקלעכקייט?

בלייבט אונדז איבער צו טרויערן נאָך דער גרויסער אבידה. מיר וועלן נישט פאַרגעסן, אז ס'איז געווען א ייד, וואָס האָט געהייסן שמואל שפּיראָ און וואָס האָט פאַשריבן א ספּעציעל בלעטל אין דער געשיכטע פון יידיש־רעדנדיקן ישוב אין פראַנקרייך.

**מרדכי לערמאַן**

**(פונעם הספד ביים אָפענעם קבר).**

# מדינת ישראל איז געווען א טייל פון זיין נשמה

מיטן אוועקגיין אין דער אייביקייט פונעם פאָרזיצער פון דער לובלינער געזעלשאַפט אין פראַנקרייך, שמואל שפּיראָ, זענען אונדזערע לאַנדסלייט אין פּאַריז שטאַרק פאַריתומט געוואָרן. אין די ערשטע טעג נאָך זיין פּטירה, ווען דאָס הארץ איז אָנגעווייטיקט, מ'זאָל קאָנען ארויסברענגען אלזייטיק די דאָזיקע פּערזענלעכקייט, וועלכע דער גאַנצער יידיש־ריידנדיקער ישוב האָט אָנגעווירן, און גאַנץ באַזונדערס — די לובלינער געזעלשאַפט, איז אָבער דאָס נאָך ווייטיקלעכער פאַר דער נאָענטסטער משפחה, אין דער ערשטער ריי די קראַנקע פרוי געניע, די טאָכטער, איידעם און אייניקלעך. זיין אוועקגיין האָט געשאַפן א חלל, די ליכט און וואַרעמקייט וועלכע ער האָט געשאַפן ארום זיך — זענען פאַרשוווּנדן.

ווען א מענטש שטאַרבט, גייט ער נאָר אוועק פיזיש און זיין גייסטיקע ירושה בלייבט און גייט איבער צו צווייטן, דריטן און אפילו ווייטערדיקע דורות. דערפאַר איז דאָס פיזישע לעבן זיינס פאַרפולט מיט געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע שאַפונגען. ביי שמואלן איז די דאָזיקע קייט קיינמאָל נישט געוואָרן איבערגעריסן — ביזן לעצטן אָטעם. זיין זאָרג פאַרן אונדזער פאָלק, די מדינה, ווי פאַרן יידישן ישוב אין פּאַריז און פאַר דער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט — איז געווען א שם־דבר. דערפאַר איז ער געווען אזוי באַליבט און געשעצט פון אַלעמען, ווי דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אינעם מאַסן־אָנטייל אין זיין לוויה.

אין דער אלטער היים, אין לובלין, האָט ער ביז 18 יאָר געלערנט און געפּאָרשט דעם ים התלמוד. אָבער נאָך זיצנדיק אויף דער ישיבה־באַנק, האָט ער ארויסגעוויזן גרויס פאַראינטערעסירונג מיט אנדערע יידישע פּראָבלעמען, און באַזונדערס — די לאַגע פון יידן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. אַלץ צוזאַמען האָט אים געגעבן א שטויס צו ווערן אַקטיוו אויסער דער ישיבה. ער רייסט איבער דאָס לערנען און מיט זיין גאַנצער יוגנטלעכער ענערגיע און ברען שליסט ער זיך אָן צו די לינקע פּועלי־ציון. ער ווערט אויך אַקטיוו אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג — אין שטריקער־פאַראיין און אָרגאַניזירט די זאָקן־אַרבעטער, דערהויבט זייער קולטורעלן ניוואָ. פאַר זיין פּאָליטיש־דערציערישער אַרבעט, ווערט ער אַרעסטירט, הגם די פּאַרטיי איז פאָרמעל געווען לעגאַל.

סוף 1931, פאַרלאָזט ער פּוילן און קומט קיין פּאַריז. בעת דער היטלער־אינוואַזיע אויף פראַנקרייך, שליסט ער זיך פריוויליק אָן אין דער אַרמיי, פאַלט אריין אין געפאַנגענשאַפט און ווערט באַפרייט ערשט מיטן פאַרענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה. אין די יאָרן 1945־1946 שטעלט ער אויף צוריק די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט, צוזאַמען מיט לייבעלע עדעלשטיין, צדוק פעפער, זאַנדמאַן, גאָלדאַדלער, וואָס זענען שוין אוועק אויפן עולם האמת. זיי אלע האָבן געהאָלפן אויפנעמען די אָפּגעראַטעוועטע שארית הפליטה פון לובלינער יידנטום. (161 יידן פון לובלין זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון פּאַריז און געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן קדושים). שמואל מיט די אנדערע האָבן געזאָרגט אויפצושטעלן א בכבודיקע מצבה לזכר דעם פאַרשניטענעם יידישן ישוב אין לובלין; ער האָט געהאָלפן זאַמלען די נייטיקע פאָנדן, כדי "דאָס בוך פון לובלין" זאָל דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1952; אויך אויפן פּאַריזער בית עולם באַניע, איז אויפגעשטעלט געוואָרן א מצבה לזכר די קדושים פון לובלין; ער האָט אויך מיטגעהאָלפן, אז דאָס לובלינער יזכור בוך זאָל דערשינען אין עברית אין תל־אביב, אין די ראַמען פון דער "אנציקלופדיה של גלויות".

שמואל האָט דער לובלינער געזעלשאַפט אין פּאַריז אריינגעגעבן א נאַציאָנאַלן גייסט און אינהאַלט, נאָר געמוזט דערפאַר שטאַרק קעמפן, ווייל די אָנפירונג פון יידישן ישוב איז געווען באַהערשט פון קאָמוניסטן.

שמואל איז געווען דער איניציאַטאָר פון צאָלרייכע קולטור־אונטערנעמונגען. צו די 35 יאָר עקזיסטענץ פון דער סאָסייעטי, דערשיינט א געדרוקטער ביולעטין מיט א באַגריסונג פון דעם גרויסן פּאָעט יעקב גלאַטשטיין. אים איז געווען צו פאַרדאַנקען דער געלונגענער אָוונט צום דערשיינען פון משה שולשטיינס "ביים פּנקס פון לובלין", ווי דאָס שאַפן די פינאַנסיעלע מיטלען ארויסצוגעבן אויף יידיש דאָס בוך פון אונדזער בת־עיר, אננא לאַנגפוס "זאַלץ און שוועבל", וואָס האָט באַקומען די גאָנקור־פּרעמיע.

נאָר די קרוין פון זיין טעטיקייט איז געווען — העלפן פינאַנסיעל מדינת ישראל. נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען עס ווערט געשאַפן דער פאַראייניקטער אַפּיל און דער פאָלקס־קאָמיטעט פון אלע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס, ווערט שמואל שפּיראָ אויסגעוויילט אויפן פאָרזיצער־אַמט פון דעם קאָמיטעט. מיט זיין מיטהילף, האָט די לובלינער געזעלשאַפט אין פּאַריז פאַר נומען תמיד איינעם פון די ערשטע ערטער אין די זאַמלונגען פאַרן מגבית.

איז נישט איבערגעטריבן, ווען מיר זאָגן, אז דאָס יידישע פאָלק און מדינת ישראל, איז געווען א טייל פון זיין נשמה — און דאָס באַגלייט אים אין דער אייביקייט.

**משה זאַלצמאַן**

**(פון א רעדע אויפן יזכור־אָוונט).**



## חנה אכטמן ז״ל

שיבוא לספוד לשרה ולבכותה
(בראשית כג, ב)

חנה אשתי נ״ע, תושבת עירנו לובלין, נולדה בשנת 1907. כאחת מניצולי השואה, שפקדה את עמנו, נשארה בחיים רק דרך נס, בחיותה כנוצריה: "אננה מריה זבדזקה", עם תעודת זהות מזוייפת.

עם תום המלחמה, באה ארצה בשנת 1949. פה התחילה את השכלתה בציורים, אצל מורים שונים וסיימה את לימודיה בבית־ספר לציור ופיסול של עיריית בת־ים.

חנה, כציירת, ערכה תערוכות קבוצתיות וגם יחידות. כמו־כן השתתפה בכל התערוכות הכלליות של אגודת הציירים והפסלים, שנערכות כל שנה מטעם עירית בת־ים. בשנת 1989, בחודש אפריל, חנה ז״ל, השתתפה בתערוכה קבוצתית של אגודת הציירים, שנערכה ע״י עירית בת־ים, עם תמונתה "המרוץ" ועליה קיבלה דברי שבח והערכה. אולם, לצערי, כבר בהעדרה, בהיותה עקב מחלתה רתוקה למיטה.

1. בשנת 1965, קיבלה חנה פרס שני של דעת הקהל, בתערוכה ארצית של ציורים ופסלים, בבית ציוני אמריקה של עירית תל־אביב, אגף התרבות.

2. בשנת 1971 השתתפה עם ציוריה בבאזאר של הסתדרות נשים ציוניות "ויצו" בת״א.

3. בשנת 1973, נערכה תערוכתה באולם בני ברית, בתל־אביב, לציון 25 שנה למדינת ישראל, ולרגל (73 — 1948) כנס הלובלינאים.

4. בשנת 1984 השתתפה בבאזאר השנתי (עם ציירים אחרים) של אגודה לעזרת

5. בתאריך 28.3.87, בהגיע לגבורות, נערכה תערוכה של עבודות ציור של חנה ז״ל, מלאות רגש לציבור הצופים .בה, עם 20 תמונות שונות, ובעיקר — נופים בארץ (צפת, ירושלים, יפו וכד׳), במוזיאון בת־ים.

מאז שנת 1986, חנה אשתי חלתה וסבלה ממחלת לב קשה וקוצר נשימה. עברה גם ניתוח כריתת כליה בשנת 1960, כתוצאה מהסבל והיסורים בזמן השואה. חנה, לאחר שברחה מעיר לובלין לוורשה, למקום שלא מכירים אותה כיהודיה, נאסרה ע״י הגסטפו ושם ספגה מכות רצח, שתודה שהיא יהודיה, לא נוצריה. שוחררה לזמן קצר, רק בכדי להמציא עוד אישורים נוספים על נוצריותה. חנה לא חזרה יותר לגסטפו, ברחה לעיר ׳ב, שלא ליפול שנית בידי הרוצחים. וכך עברה ממקום למקום. הפחד והתנאים הבלתי־אנושיים, עם רעב וקור, השפיעו על בריאותה ונשארה נכה כקורבן השואה.

בשנת 1986 חנה נכנסה לאישפוז (ויצאה) 8 פעמים לבית־חולים וולפסון בחולון, עקב מחלתה. בפעם האחרונה נכנסה לשם בחודש מרץ 1989. לאחר אישפוז והטיפול בה פרחה נשמתה בחודש 23.9.89, בחצות, נקרעה בנוכחותי.

חנה ז״ל אהבה את הציור, את עליזות החיים, את האדם, קרובים וידידים. עם כל הלב מסורה לאומנות, צמאה היתה ליופי. תמונות אלה לקחה חנה לקבר, את כל ההנאה והשלוה ולשמחה תמיד ולתמיד.

"וי להיא שופרא דבלי בארעא"
"אוי ליופי זה שמרקיב באדמה."
שיהיה זכרונה החרוט בליבי לנצח.

**בעלה יוסף**

חנה יקרה,

באנו על קברך הרענן: אהוביך המשפחה, החברים, הידידים ובני עיר לובלין. את אנשים אלה אהבת, באשר הם. והמלחמה שניצחה את הגוף, לא יכלה לנפש עירנית ורגישה, כפי שראינו אותך בשנים אחרונות. רצון עז היה לך לדעת, לעקוב אחרי המתרחש בארגוננו. השתתפת כמעט בכל האירועים.

רוב הזמן היית מציירת ובעלך יוסף, שיבדל לחיים ארוכים, עזר לך רבות בארגון תערוכות מעבודתך בציורים: רשום, שמן, גואש, צבעי מים — תמונות נהדרות.

בכנס עולמי של יוצאי לובלין, שהתקיים באולמי בני ברית בתל־אביב היה לי הכבוד לעזור לארגן את התערוכה המוצלחת. כמו כן ברכתי אותך בפתיחת התערוכה תחת חסותה שלעירית בת־ים, בהשתתפות קהל רב.

בתקופת השואה, חיית בפולין, בעיר וורשה, בתור נוצריה וכך עלה בגורלך להציל את נפשך מציפורני הנאצים. אלה הם רק נתונים קצרים על חייך ופעולתך, ואין בהם מספיק, כדי לתאר את דמותה של אישיותך הבלתי שיגרתית: צנועה, תרבותית, בעלת כבוד עצמי מפותח. אוצר רגשות אנושיים ולאומיים, שסייעו לך לשמור על אצילות רוחה גם ברגעים הקשים ביותר.

יוצאי לובלין בישראל ובתפוצות מרכינים את ראשיהם על קברך. תהיה נשמתך צרורה בצרור החיים.

**מתתיהו הורן**
(דברים על קברה).



## זאב אלבלינגר

(בעלה של בת־עירנו שרה רפופורט־אלבלינגר יב״ל)

הסופר זאב אלבלינגר נפטר בתל־אביב, בגיל 84. זאב אלבלינגר נולד בווארשה בשנת 1904, והיה מראשוני החברים בקן השומר הצעיר שם. הוא נימנה על ׳שבעת המופלאים׳, שבעה מחברי ׳השומר הצעיר׳, שיצרו באותן שנים את ׳קבוצת אריאל׳, שנחשבה אז כתנועת הנוער הקטנה ביותר בעולם.

זאב אלבלינגר עלה ארצה כאיש העלייה השלישית, והיה חבר ההכשרה השלישית, וחבר ההכשרה בקיבוץ בית־אלפא. מן הארץ נסע ללמוד אגרונומיה באלג׳יר, ומאז סיימו את לימודיו חי ברחובות, בה עסק בחקלאות ובכתיבה ספרותית. הוא כתב ותירגם סיפורים, שירים ומחזות משש שפות. מבין ספרי־הילדים שכתב היו הספרים ׳רק אני וגם אני׳, שראה אור בהוצאת תמוז ו׳מזל של כלב׳ שיצא לאור בהוצאת כתר. השאיר אחריו אשה, הפסיכולוגית ורה רפופורט־אלבלינגר, בן הפזמונאי דן אלמגור, בת, ברכה לבב, וארבע נכדות.

**אילן שיינפלד**



## פנחס בלטמן ז״ל

ב־12 בנובמבר השנה נפטר דודי פנחס בלטמן, בן דב ויהודית. נולד בלובלין ב־1909. גם הוריו היו ילידי לובלין. המשפחה התגוררה ברחוב לוברטובסקה 32. הבית היה מסורתי ופנחס ז״ל למד בילדותו בחדר. בהמשך, למד בבית סֶלֶפּן, השתלם בקורסים של „אורט״ ובערב למד סריגה ב„אורט״. שב ללובלין ועבד במקצוע זה — עד 1935. ב־1935 עלה ארצה, יחד עם רעיתו לעתיד בת־עמי מבית גְבֶרץ, תבדל לחיים ארוכים. תחילת דרכו בארץ הובילה לירושלים, שבה חי אחיו מנחם ז״ל (אביו של יונה בלטמן, פרקליט המדינה לשעבר). אחרי עבודה בבנין בירושלים, עבר הזוג לחולון. כאן עבד פנחס בבית־חרושת „לודזיה״. תחילה — במקצועו ובמשך הזמן שימש כמחסנאי.

ב־1953 עבר לעבוד ב„צינקל״. גם שם שימש כמחסנאי. פנחס בלטמן היה אדם נוח לבריות, נעים הליכות. הוא היה אהוב מאד בקרב משפחתו, חבריו וכל מכיריו. אבא וסבא מסור ללא גבול. צנוע, בעל חוש הומור מבריק. כל מכריו אהבו מאד לשמע את בדיחותיו. השאיר רעיה נאמנה בת־עמי תבדל לחיים ארוכים. בת עופרה ושתי נכדות, ובני משפחה אבלים. יהיה זכרו ברוך.

**אירית גוטליב**

„יהי חלקי עִמָּכֶם, עֲנוּיֵי עולם, אִלְמֵי נפש,
רוקמי חייהם בסתר, צנועי הגות ועלילה״ ...

כך בקש ביאליק לתאר את יְפֵי־נפשם של הצנועים ואת אצילות הליכותיהם, וכך ראיתי תמיד את אבא, והאמנתי כי אליו כיוון המשורר. בספר זכרונות של ילדה בת 6 כתב לי: „הֱיִי מחוננת בכשרון להבחין בין טוב ורע — בחרי בטוב! אבא״.

ואני רק מקוה, שהצלחתי להסב לו אשר בדרכים שבחרתי. גם בנכדותיו, שזכה לראותן גְדֵלות ובוגרות, הבחין בניצני התום והיושר שנטעה אשיותו ואהבתו הגדולה. אהבה ללא גבול — לאמא לי ולאיצ'ה ולבנותינו.

לא נוכל למלא את החלל שנותר בלבבות, רק נשתדל להמשיך בדרכו: בחיוך הטוב, ביד המושטת באהבה ובכבוד לכל אדם.

ט״ו חשון תש״ן — עפרה (בלטמן) שריד

## גרעין נתנאל־טוני (גרין) ז״ל

עתונאי, נשיא כבוד של התאחדות עולי צרפת וצפון־אפריקה, יו״ר עמית ארגון ותיקי המחתרת היהודית בצרפת. נולד ב־20.2.1921 בלובלין. חבר מזכירות הפדרציה העולמית של ותיקי המחתרת, הפרטיזנים ולוחמי הגיטאות, אביר לגיון הכבוד הצרפתי, אביר לגיון הכבוד חוף השנהב, אות הלוחמים בנאצים, עיתור לוחמי המדינה.

עלה ארצה ב־1957 מצרפת. בוגר ביה״ס „תרבות״ בלובלין, תיכון „רמב״ם״ בפריס, מדעי הטבע באוניברסיטת פריז פ.ס.ב. נשוי



לשרלוט, מבית האוסמן. חבר מערכת ״לעצטע נייעס״ / ״יידישע צייטונג״, מייסד ועורך ״אונדזער וואָרט״ בפריס; מזכ״ל הפדרציה הציונית בצרפת, מייסד ועורך ״ל'אינפורמסיון ד'ישראל״ בתל־אביב, שגריר ישראל בניג'ר וברואנדה, מנהל הסברה של הסוכנות היהודית במערב אירופה, דובר מרכז השלטון המקומי בישראל.

## טאָני גרין

נאָך לאנגע און שווערע ליידן, איז אין עלטער פון 68 יאָר געשטאָרבן אונדזער מיטארבעטער, דער באַקאַנטער זשורנאַליסט רעדאקטאָר טאָני גרין.

טאָני גרין האָט געהאט הינטער זיך אַ רייכע פאַרגאנגענהייט פון געזעלשאפטלעכער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט. גאָר יונג איז ער מיט זיינע עלטערן ארויסגעפאָרן פון לובלין קיין פראנקרייך, ווו ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע און איז געווען אקטיוו אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין די מלחמה־יאָרן, האָט ער אין דער פראנצויזישער אונטערגרונט געקעמפט קעגן די נאַציס און זיך אויסגעצייכנט מיט מסירות־נפשדיקער העלדישקייט: באזונדערס ביים ארויסראַטעווען יידישע קינדער. נאָך דער מלחמה, האָט ער געארבעט אלס זשורנאַליסט אין דער יידישער און פראַנצויזישער פרעסע. קומענדיק אין 1957 קיין ישראל, איז ער געווען שעף־רעדאקטאָר פון דער טאָג־צייטונג אין פראנצויזיש ״אינפאָרמאַסיאָן״.

דערנאָך איז ער נאָמינירט געוואָרן אלס ישראל־אמבאסאדאָר אין אן אפריקאַנער לאַנד, וואָס האָט אָבער ווי אלע אנדערע אפריקאנער לענדער, איבערגעריסן אין 1967 די באציאונגען מיט ישראל.

זיין ליבשאפט צו יידיש לשון האָט אים געפירט צו דער רעדאקציאָנעלער מיטארבעט אין ״לעצטע נייעס״ און אין ״יידישע צייטונג״.

מיט זיין אוועקגיין אין דער אייביקייט, האָט די יידישע פרעסע פארלויכן א טאלאנטירטן און איבערגעגעבענעם זשורנאַליסט. מיר, זיינע חברים, מיטארבעטער פון דער צייטונג, האָבן פארלוירן אן אומפארגעסלעכן, געטרייען חבר, מיט זעלטענע מענטשלעכע און קאָלעגיאַלע מעלות.

כבוד זיין אָנדענק!

## דוד גליקשטיין ז״ל

דעם 6סטן פעברואר 1989, איז נפטר געוואָרן מיין פעטער דוד גליקשטיין. געבוירן אין לובלין, אין יאָר 1908 און פיל יאָרן געארבעט אלס אָנגעשטעלטער אין א מאנופאקטור־געשעפט אויף דער פּאָקסאלנע גאס (שפּעטער — 1טע מאי גאס). מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה,



איז ער אנטלאָפן קיין סאָוויעט־רוסלאנד און נישט באוויזן מיטצונעמען זיין פרוי. האָט מען אים פארשיקט אין די לאגערן, ווו ער איז פארווונדערט געוואָרן אין א פוס. נאָך דער באפרייאונג, האָט ער געוואָלט עולה זיין קיין ישראל, נאָר די ענגלענדער האָבן פארכאפּט די שיף מיט הונדערטער עולים און ער איז פארשיקט געוואָרן קיין קפריסין. ערשט פון דאָרט איז אים געלונגען אָנצוקומען אין לאנד, ווו ער האָט שווער געארבעט — ביזן ארויסגיין אויף פענסיע.

נאָך א קורצער צייט, איז ער קראנק געוואָרן און ניט קענענדיק זיך אליין אויסהאלטן, איז ער אוועק אין אן עלטערן־היים אין גבעת השלושה, ווו ער איז אָפּגעווען 15 יאָר. לעצטנס איז ער קראנק געוואָרן און זיין שווער לעבן פארענדיקט אין א שפּיטאָל.

כבוד זיין אָנדענק.

**משה אלסטער**



## זעליג (דזשאָרזש) גורפינקעל ז״ל

מיין קוזין, דער טייערער, הארציקער ייד, איז נפטר געוואָרן אין ישראל דעם 21סטן דעצעמבער 1988. געבוירן אין קראָשניק, אָבער עטלעכע יאָר געארבעט פאר דער מלחמה אין לובלין און אין די לעצטע 20 יאָר, הגם ער איז געווען וויצע־פרעזידענט פון דער קראָשניקער לאנדסמאנשאפט אין פאריז און אויך פרעזידיום־מיטגליד פון קאָמבאטאנטן־פאראיין אין פראנקרייך, האָט ער תמיד ארויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו דער לובלינער אָרגאניזאציע אין ישראל, ווי אין פראנקרייך. גאנץ אָפט זיך באשטייערט פארן אירגון יוצאי לובלין און בעת זיינע אָפטע וויזיטן אין לאנד, האָט ער נישט פארפעלט קיין איין לובלינער אונטערנעמונג אין תל־אביב.

זעליג גורפינקעל האט זייער מקיים געווען די מצווה פון הכנסת אורחים און פון ביקור חולים. פאר אים איז טאקע געווען גילטיק דער פסוק פון דער הגדה "כל דכפין ייתי וייכל". ווי נאָר ס'איז ווער פון די פריינט, לאנדסלייט צי באקאנטע געקומען קיין פאריז, האָט ער און זיין פרוי פאני — איר צו לאנגע יאָר, געזאָרגט זיי אויפצונעמען, איינאָרדענען, העלפן און ארומפירן מיט זיין אויטאָ. תמיד ארויסגעוויזן א ליבן שמייכל, א גאסטפריינטלעכע פארבעטונג, הארציקייט און ווארעמקייט צו מענטשן, און גאנץ באזונדערס — צו זיינע לאנדסלייט. ער האָט פאריתומט זיין פרוי, טאָכטער, איידעם און אייניקל.

זאָל אים די ערד גרינג זיין.

**נחמן גורפינקעל**

## רחל (רעיטשל) הערצמאן ז״ל

געבוירן אפריל 1904 אין פארטשעוו, פוילן, געשטאָרבן אפריל 1986 אין מאָנטרעאל, קאנאדע. אין יאָר 1929, איז זי אוועק פון לובלין קיין מאָנטרעאל, קאנאדע.

אין חודש מאי 1933, איז צו איר געקומען יצחק הערצמאן און זיי האָבן אויפגעשטעלט א היים. זי איז געווען טעטיק אין מאָנטרעאלער



ארבעטער־רינג, ווו זי איז געווען סעקרעטאר אין משך פון איבער 30 יאָר.

זי האָט איבערגעלאָזט איר מאן, איינאיינציקן זון און 4 אייניקלעך.

כבוד איר אָנדענק.

## שמואל וינוגרד ז״ל

אבא נולד ב־13.3.1913 בלובלין. בצעירותו היה מפעילי הנוער הציוני. בסוף 1934, יצא לקיבוץ ביל"ו בלודז' ושם שהה עד פרוץ מלחמת העולם השניה. בתקופת המלחמה נאלץ לברוח, חצה גבולות רבים ולבסוף הגיע לארץ־ישראל ב־1941.

מכל משפחתנו הקרובה, נותרה בחיים רק



האחים וינוגרד ז״ל

אבי ואחיו הצעיר — מתתיהו, שגם הוא עלה בדרך לא דרך לארץ.

בארץ הקים אבא בית חרושת לייצור מגבות מטבח ואני ממשיך את דרכו. כיום מייצר מפעל "וינוגרד" מגבות ומוצרי מגבות במגוון רחב ביותר.

אבי היה אדם בעל שכל חריף, נאמן לדרכו, איש הגון וטוב לב. בחייו זכה להערכה רבה מכל הסובבים אותו, הכל אהבוהו בזכות יושרו, חריצותו, רצינותו ואמינותו.

בעשור השישי לחייו, החלה בריאותו להידרדר ובשנותיו האחרונות נזקק פעמים רבות לטיפול בבתי־חולים. במאי 1989 הובהל שוב לבית החולים, ממנו לא יצא עוד — וב־2.8.1989 נפטר.

זכרו ישאר עימנו לעד.

**האם – חנה.**
**הבן והכלה – אברהם ופנינה.**
**הנכדים – גיא, רונן, יניב.**



## סענדער וויינבערג ז״ל

מיין מאן סענדער איז געבוירן אין לובלין, אין יאָר 1915. זייענדיק א קינד, זענען זיינע עלטערן אריבערגעפאָרן קיין גליסק און דאָרט געוווינט. אָבער סענדער האָט אלע יאָרן געארבעט אין לובלין, ווו איך האָב אים באקאנט אין יאָר 1939. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה, זענען מיר אנטלאָפן קיין



teatrnn.pl

סאָוויעט־רוסלאַנד און אדורכגעמאכט דאָס אַלץ וואָס אונדזערע יידן האָבן געהאט אויסצושטיין אין יענעם גרויסן לאַנד, אין די יאָרן 1940 — 1945.

אין יאָר 1946 זענען מיר צוריק געקומען קיין פוילן מיט דער רעפּאַטריאַציע, אָבער געמוזט ווייטער נעמען דעם וואנדער־שטאָק אין האנט און שמוגלען די גרענעץ קיין עסטרייך, ווו מיר האָבן געלעבט אין די לאַגערן רידנבורג און זאלצבורג. ערשט אין יאָר 1949, זענען מיר געקומען קיין ישראל, ווו מיין גאָטזעליקער מאַן האָט שווער געארבעט ביי בנין. א סך יאָרן געווען קראַנק, געהאט די פּארקינסאָן־קראַנקהייט און איז נפטר געוואָרן אין חודש יוני 1988.

סענדער האָט איבערגעלאָזט אין טיפן טרויער די פרוי, א טאָכטער און פינף אייניקלעך.

מיר וועלן תמיד געדענקען דעם גוטהארציקן מאַן, פאָטער און זיידע.

כבוד זיין אָנדענק.

**זיין פרוי פון דער היים גאָלדמאַן**
**(געוווינט אויף קראַוויעצקא 22).**

## בעלא ווייס ז״ל

געבוירן אין לובלין, אין יאָר 1924, די טאָכטער פון דער משפחה פילעבאום. נפטר געוואָרן דעם 20סטן יאַנואַר 1989.

בעלא האָט געוווינט אויף דער באָניפראַטע־רסקע גאַס, צוזאַמען מיט אירע עלטערן און צוויי ברידער. אויף דעם הויף האָט זיך געפינען דער לאָקאַל פון דער אָרגאַניזאַציע פון הנוער הציוני און אַלע מיטגלידער האָבן גוט געקענט בעלאן.

בעת דער מלחמה, האָט מען די גאנצע פאַמיליע אוועקגעשיקט קיין שעדלישטש, אויפן טייך וויעפּש. נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין דעם שטעטל, איז זי, מיט א חברטע טראַנספּאָרטירט געוואָרן אינעם טויטן־לאַגער אין סאָביבור. מיטן אויסברוך פון אויפשטאַנד, געלונגט איר צו אנטלויפן אין וואַלד, מיט נאָך עטלעכע יידן. בעלא האָט נישט אויסגעזען ווי א יידישע און א דאנק דעם וואָס אין דער היים האָט מען גערעדט פּויליש, פלעגט זי ארויסגיין פון וואַלד אין די נאָענטסטע דערפער, ווו זי האָט איינגעקויפט עסן פאַר די אויסבאַהאַלטענע יידן.

איינמאָל, צוריק גייענדיק פון דאָרף אין וואַלד, האָבן זי אָפּגעשטעלט צוויי מענער און אָנגעהויבן פאַרשן אין דער דייטשישער שפּראַך. זי האָט זיי דערציילט דעם אמת און צוגעזאָגט אוועקצופירן צו דער



באַהעלטעניש. ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס זענען געווען צוויי סאָוויעטישע אָפיצירן, קריגס־געפאַנגענע, וועמען ס'איז געלונגען צו אנטלויפן פון לאַגער. זיי זענען שוין פאַרבליבן אין וואַלד און געהאָלפן אדורכפירן אַן איבערפאַל אויף א דייטשישן אויטאָ, פון וועלכן ס'איז געלונגען צוצונעמען שפּייז, א ביסל געווער און דערהרגענען די צוויי זעלנער. דאָס געווער האָט געגעבן א שטויס צו שאַפן א פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג, וועלכע האָט פאַרצייכנט א שיין קאַפּיטל אינעם אנטי־היטלעריסטישן קאַמף.

נאָך דער באַפרייאונג, איז בעלא געבליבן אין דער רויטער ארמיי און דערגאַנגען צום ראַנג פון לייטענאַנט. ווען איר איינהייט האָט סטאַציאָנירט אין טשעכאָסלאָוואַקיי, האָט זי באַקאַנט איר צוקונפטיקן מאַן יושקאָ ווייס. אין יאָר 1949, זענען זיי געקומען קיין ישראל און זיך באַזעצט אין כפר אחים, ווו מ'האָט באַארבעט די ערד. אין די לעצטע יאָרן, האָבן זיי געפירט א רעסטאָראַן ביי דער בענזין־סטאַציע אין מסמיה, אויפן קרייצוועג קיין ירושלים.

אויף בעלאן האָט מען געזאָגט, אַז זי איז א "חברהמאַנטע". זי איז געווען באַליבט און געשעצט פון די אַלע, וואָס האָבן זי געקענט און איר טויט האָט ארויסגערופן אויפריכטיקן טרויער. כבוד איר אָנדענק.

**סאָלאָמאָן קליינמאַן**, נתניה

## פליציה (פלה — "פייגוניה") סלושני (מבית שטרנפינקל)

ב־12 במאי 1989, הלכה לעולמה אמי היקרה פלה סלושני. נולדה בלובלין בשנת 1911, למשפחה יהודית מסורתית. זכרונותיה מבית זה מלאו את ילדותי ונעורי בתודעה והזדהות חזקה עם העם היהודי, למרות שהותינו בפולין.

היא למדה בתיכון לבנות יהודיות והיתה תלמידה מצטיינת בלימודים הומניים. גדלה רגישה לבעיות חברתיות ולזכויות האישה. לקראת פרוץ מלחמת העולם השניה, קשרה את גורלה, מתוך אהבה גדולה, עם אבי היקר יהושע סלושני ז"ל — ועמו נדדה ברחבי רוסיה בכל שנות המלחמה. עובדות רבות מעידות על תושיה, אומץ לב, חום אנושי ומסירות שלה בתקופה זו.

ואחר כך, בשנת 1945, חזרה לפולין. תחילה — לעיר מולדתה לובלין, בה לא מצא אף אחד מקרוביה שניספו כולם, ואחר כך — וולבזיך, וורוצלב ובעשרים שנים אחרונות, לפני עלייתה ארצה — וורשה.

אחרי מלחמה חיפשה את עצמה ורצתה לממש את כשרונותיה ההומניים והספרותיים. את המימוש העצמי מצאה כעתונאית



פלה סלושני־שטרנפינקל ז"ל

מוכשרת, תמיד עסוקה בנושאים חברתיים ובשאיפה לשלמות בכתיבתה.

בשנת 1968 עלתה ארצה, השתלבה בחיי המדינה. עשרים שנות חייה בארץ עברה בחיפה.

ליבה נפגע עמוק עם מות בעלה היקר יהושע סלושני. מאז מותו, לא מצאה לעצמה מנוחה והלכה אחריו שלוש שנים מאוחר יותר. היתה אם וסבתא אוהבת, חכמה, מסורה ודואגת.

ת.נ.צ.ב.ה.

**הבת דנה איזנברג**

## בראָניע עקהאוס־וואסערמאַן ז"ל

מיטן אוועקגיין אין דער אייביקייט פון בראָניע עקהאוס־וואסערמאַן, האָט די נישט גרויסע לובלינער קאָלאָניע אין מעלבורן,



גועהאט איינעם פון אירע שווערע פארלוסטן. מ'האָט אויף איר געזאָגט, אז זי איז דער ענטוזיאסטישער כוח פון די לובלינער אין דער גרויסער, אויסטראלישער שטאָט. א טרייַע חברטע און פריינדין צו יעדן איינעם, נישט נאָר צו אירע לאנדסלייט. זי האָט מיט הארץ און נשמה זיך איבערגעגעבן דער אנטוויקלונג פון דער לובלינער סאָסייעטי און א סך מי און כוח אוועקגעגעבן פארן האָלאָקאָסט־צענטער אין מעלבורן. די לובלינער אין אויסטראליע באטייליקן זיך אינעם צער און טרויער פונעם זון ריטשארד, זיין פרוי און אייניקלעך, וואָס מעגן זיין שטאָלץ מיט דעם ליכטיקן אָנדענק, וועלכן ס'האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט די הארציקע בראָניע.

**מאָטל טרייסטמאַן**

## די איידעלע בראָניע

ס'איז גענונג געווען דאָס ערשטע באקענען זיך מיט דער דאָזיקער פרוי, כדי גלייך זיך איבערצייגן, אז מען האָט פאר זיך אן איידעלע, אינטעליגענטע און קולטורעלע פרוי, פאר וועלכער ס'איז אויך גילטיק די באצייכענונג — א צארטע נשמה. בעת אונדזערע צוזאמענטרעפן אין מעלבורן, אין תל־אביב און רמת־גן, האָב איך נישט אויפגעהערט צו באוואונדערן, ווי אזוי בראָניע, וואָס האָט אדורכגעמאכט דעם נאציזשן גהינום מיט אלע זיינע גרוילטאטן, איז געבליבן פעלזן־פעסט מיט איר כאראקטער, מענטאליטעט און צוגאנג צו מענטשן. מעגלעך דערפאר, ווייל איר האָט אָפּגעגליקט אין דער שואה. דער מאַן, מעכל עקהאוס ז"ל, האָט זיך געראטעוועט אין ראטן־פארבאנד און דער זון, איבערגעגעבן צו א קריסטין און אויך "אונטערגעוואָרפן", האָט נאָך דער מלחמה זיך אַפּגעפונען. א דאנק דעם האָט די לובלינער יידישע טאָכטער, וואָס האָט אין די יאָרן 1939־1945 אויסגעטראָגן אויף אירע שוואכע פלייצעס די דייטשישע ברוטאלקייט און סאדיזם, געווען מסוגל צוריק אויפצושטעלן איר משפחה.

אינעם יזכור־בוך אָסטרוב לובעלסקי (פון וואנען ס'האָט געשטאמט איר מאן), איז באשריבן אין ענגליש די העלדישע עפּאָפּייע פון אירע איבערלעבונגען אונטערן נאצישן שטיוול. נאָך דער באפרייאונג, האָט זי אלץ געטאָן, דורכן אינטערנאציאָנאלן רויטן קרייז און פארשידענע קאָמיטעטן, אויסצוגעפונען די פוילישע פרוי פון קאָוועל, וואָס האָט געראטעוועט איר קינד. און דאָס איז איר געלונגען. האָט זי שוין געזאָרגט, כדי איר אָפּצודינען מיט דאנקבארקייט.

בראָניע איז נישט איינמאָל אויפגעטרעטן אויף צוזאמענטרעפן פון לובלינער אין תל־אביב. טאקע נישט קיין רעדנערין, אָבער וויפל הארץ, נשמה און געפיל האָט זיך געטראָגן פון יעדער וואָרט אירס. א סברה, אז דער טויט פון איר באליבטן מאן מעכל עקהאוס מיט העכער א יאָר צוריק, האָט אויך צוגעאיילט איר פטירה — און מיר האָבן פארלוירן איינע פון די ליכטיקע געשטאלטן פון די לובלינער יידישע פרויען.

די איידעלע בראָניע וועט מען תמיד געדענקען.

**דוד שטאָקפיש**



יוסף פינקעלשטיין ז"ל, געב. אין לובלין, 1917, געשטארבן אין טאראנטא 10.5.88. כבוד זיין אנדענק

## צבי פלומנקר ז"ל

בעלה של יוכבד פרייד תב"ל מלובלין. נולד בוורשה ב־1918, בה סיים את בית־ספר תחכמוני. נפטר בתל־אביב ב־13.3.89. בשנות המלחמה היה ברוסיה. עלה ארצה עם אשתו



יוכבד, במרץ 1949. השאיר: רעיה, בן, כלה, בת, חתן, 3 נכדים ואח.

בזמן אחרון חלה ואחרי הניתוח הראשון, ביקר בפולין עם אשתו ובנם. המצבה לזכרם של לוחמי הגיטו בוורשה, הוקמה ליד הבית שלהם בבירת פולין, רחוב זמנהוף 32.

★

אבא,  
על קברך הרענן פזורים פרחים,  
ומסביב ניצבים אנו אבלים ושחוחים,  
מחרישים ודוממים  
כמו היינו אלמים,  
עצבות שרויה על פנינו,  
וחרש, שוב שואלים אנו  
אלוהים, האם זו אגדה, או שאתה עדין עמנו?  
אבא, אציל נפש היית בחייך וכך גם במותך,  
אוהב האדם ואהוב הבריות  
וזאת חשנו מכל המבקרים אשר באו מאז יום פטירתך וביטאו את הערכתם ואהבתם אליך.  
הרבה דברים לא ידענו בחייך, כי צנוע היית בדרכך.  
תמיד שליו, וותרן. אמא ואנו ידענו זאת בחייך, הקלת על כולנו ככל האפשר.  
ידעת להעריך את פעולותיה של אמא למען הזולת ותמיד עודדת אותה, כי ידעת מה גדולה תרומתה בעבודה זו.  
אני מקווה, כי אנו, ילדיך ונכדיך, ממשיכי הדור, נדע ללמוד מתכונותיך החיוביות ותהיה תמיד נר לרגלינו.  
יהא זכרך ברוך.

**הבת שרית ברויש**  
**הבן חנן פלמור**

## בערנארד פרום ז"ל

פון לאָס־אנזשעלעס איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן טויט פון בערנארד פרום, וואָס איז נפטר געוואָרן ערב ראש השנה און פאריתומט זיין פרוי און קינדער. ער האָט זיך באטייליקט אין אלע אונטערנעמונגען פון די

לובלינער און אויך געשטיצט פינאנסיעל. בערנארד איז געווען דער זון פון נאפט־סוחר אויף קאָוואלסקע 5, ביים בארג אראָפּ פון דער גראָדזקע גאס.

כבוד זיין אָנדענק.



## סארא קארפענשיף ז״ל

מיט א שווער הארץ און געמיט שרייב איך די ווייטערדיקע שורות צום אָנדענק פון מיין ליבער פרוי סאַראַ (פון דער היים ערלינגער), וואָס איז געשטאָרבן אין ליאָן, פראנקרייך, דעם 14טן פעברואר 1989. מיר האָבן פיל מיטגעמאכט אין לעבן, באזונדערס אין די מלחמה־יאָרן, ווען מ'איז געווען צומערשט פארשיקט אויף סיביר, דערנאָך אין אוראל און צום סוף — אין אוזבעקיסטאן. אזוי 6 יאָר כסדרדיקער נע־ונד און צרות.

סוף דעצעמבער 1945, זענען מיר צוריק געקומען קיין לובלין פון לעמבערג, ווו מיר איז געלונגען צו קויפן א "פראָפּוסק" צו קענען ארייַנפאָרן קיין פוילן. אין לובלין האָבן מיר געזען, אז פון דער אמאָליקער יידישער שטאָט, זענען נאָר געבליבן חורבות. איז מען ווייטער געפאָרן — קיין וואלבזשיך, פון דאָרט קיין דייטשלאנד, אין אן אונרר"א־לאגער אויף דער אמעריקאנער זאָנע, ווו מיר זענען געבליבן א יאָר צייט. מיין פרויס שוועסטער וואָס וווינט אין פראנקרייך, האָט געפאָדערט מיר זאָלן קומען צו איר. איין זון איז אונדז געבוירן געוואָרן אין רוסלאנד, דער אנדערער — אין דייטשלאנד. די קינדער האָבן אונדז געבראכט אויף דער וועלט 4 אייניקלעך.

סארא ז"ל האָט געלערנט אין דער פּאָווזשעכנע־שול פון דער דירעקטאָרין מאנדעלקערן, שפּעטער — אין דער הומאניסטישער גימנאזיע. פיל יאָרן איז זי געווען א חברטע אין השומר הצעיר. אירע עלטערן האָבן געהאט א פאבריק פון שאָקאָלאד אויף דער לובארטאָווסקע גאס.

כבוד איר אָנדענק. אברהם קארפענשיף



## יוכבד (יולקא) קאפלאן (ראָזענבערג) ע״ה

(צו דער צווייטער יאָרצייט)

דעם 30טן אָקטאָבער 1987, איז אוועק אין דער אייביקייט, נאָך א לאנגער, שווערער קראנקייט, מיין אומפארגעסלעכע פרוי יוכבד און פאריתומט אונדזער זון ראָמעק מיט זיין פרוי דאָריס, א טאָכטער מינא און איר מאן דזשערי קליין, און 6 אייניקלעך.

געקומען נאָך דער מלחמה פון רוסלאנד קיין פוילן, אדורכגעגאנגען שווערע צייטן. אין 1948, קומט זי קיין מאָנטרעאל, קאנאדע, צו אירס א שוועסטער חוהלע גאָלדשטיין ע"ה. מען אָרדנט זיך א ביסל איין און איז באלד טעטיק אין געזעלשאפטלעכן לעבן, ווערט אויסגעוויילט אלס פרעזידענטין פון אורה טשאפטער ביי "הדסה", ווי אויך געווען אלע יאָרן, ביז צו איר קראנקייט סעקרעטארין פון דער ליידיס אָקזילערי ביי דער לובלינער לאנדסמאנשאפט אין מאָנטרעאל.

כבוד איר אָנדענק.

יוסף קאפלאן



משה ראָטענבערג ז"ל, געבוירן 1919 אין לובלין, געשטארבן אין טאראנטא, אפריל 1989. כבוד זיין אנדענק.

## מניה רודזינסקי ז"ל

מניה נולדה כבת בכירה לאביה ר' ישראל ניישטיין ז"ל, לפני 81 שנה. עוד כילדה הוכיחה פקחות ואינטליגנציה, והיתה משעשעת את סביבתה בחוכמותיה והמצאותיה. מסלול השכלתה עברה ללא בעיות, בהצטיינות גמרה את לימודיה התיכוניים בגימנזיה ע"ש שפר. עז היה רצונה להמשיך את לימודיה, אולם המגבלות השונות שהטילה הממשלה הפולנית על הנוער היהודי וגם נסיבות בלתי צפויות, לא איפשרו לה לקיים שאיפותיה.

באותה העת הוזמנה מניה ע"י "הפרויען־פאראיין" לעבוד במוסדות "טאָז", שנמצאו בהנהלת הגברות בלה דובז'ינסקי, כצנלכוגן, רחל ניסנבוים, גליכטר ואחרות. שם היא הוכיחה את יעילותה וכושר אירגון. ב"טאָז" עבדה עד לעליתה ארצה, בשנת 1933.



מניה רודזינסקי־ניישטיין ז"ל

בבואה לארץ, מצויידת במיטב המלצות ממרכז "טאָז", החליטה לא להתחיל בעבודה, עד שלא תשפר את שפתה עברית, וכך עשתה. אבל עוד לפני שסיימה את המשימה, נישאה למשה רודזינסקי, קבלן לעבודות חשמל בחיפה.

מניה השתייכה לנוער האידאליסטי והערכי בזמנים ההם. היתה חברה פעילה ב"השומר הצעיר" המקורי, שהיה ארגון צופים, לפני שנהפך לארגון פוליטי.

פוליטית ואידאולוגית, השתייכה מניה — מתוך פעילות אקטיבית — למפלגת "הציונים הכלליים", לפלג "על המשמר" והיתה מתומכי הנלהבים של יצחק גרינבוים המנוח.

כשנפטר בעלה לפני 10 שנים, נשארה מניה בודדה בדירתה ומצב בריאותה החל

להידרדר, אז אילצוה בתה היחידה רבקה וחתנה יצחק פרל, שהיה לה כבן, לעבור לגור בביתם והקיפוה כולם במסירות, באהבה ובפינוק, שאין כדוגמתה.

בביקורי אצלה אמרה לי, כאילו בסוד: "היו לי חששות פן אפריע, אולם, התמזל מזלי. עם ילדים ונכדים כאלה, אני מעוררת קנאה".

האהבה והמסירות היקלו עליה במידת מה את מכאוביה שהתייסרה בהם בשלושת החודשים לפני פטירתה. רבים ליווה בדרכה האחרונה, שכן ידיד המשפחה, הספיד אותה ונפרד ממנה במילים נרגשות. ידידיה הרבים יזכרוה זמן רב.

יהיה זכרה ברוך.

**ליאון נוישטיין**

## משה רון ז"ל

השנה הלך מאתנו בן לובלין שורשי, חברי משה רון ז"ל.

את משה רושגולד הכרתי במדים של הצבא הפולני. הוא היה חבר תנועת השומר הצעיר ולאחותי הנקה הייתה חברה ללימודים, קאלצ'יה בלומנפלד ז"ל, אף היא חברת שומר הצעיר — והיא הכניסה אותו לביתנו. למרות שבנות ארליכמן היו חברות "גורדוניה", נשמר קשר חזק בין חברות של תנועות נוער הציוניות, שלמדו בבתי־ספר הפולניים, שבהם היתה אסורה, באיסור מוחלט, השתייכות לתנועות פוליטיות.

ביתנו היה בית ציוני פתוח. הורינו היו שותפים לשיחה ויכוח. אווירה חגיגית שררה במיוחד בלילות שבת. הצעירים היו שרים שירי עם ומולדת ואבינו היה מצטרף בקולו היפה והערב. ואז, אמי חייכה מרוצה ואמרה: אם הבנות שמחה.

משה היה בין באי ביתנו. עם הזמן קנה לו מנהג לבוא כל ליל שבת, אחרי ארוחת ערב, לביתנו, בשכונה מרוחקת. הוא היה בן־בית חביב על כולנו ובאופן מיוחד — על אמנו ועל אחותי הקטנה. בכניסתו הביתה, חיכתה לו בת־הזקונים שלנו, יוסטינקה, עם השאלה הנצחית: "אדון משה, יש לך בריחה בשבילי"? ולמשה תמיד היתה בריחה עבורה. ועוד דבר היא אהבה: לסרק את שערו — ומשה היה נכנע לה בחיוך. לא פעם כעסנו על הקטנה, שהצליחה לתפוס מקום ראשון בין חברנו.

עם שיחרורו מצבא, עבד משה בדפוס של העתון "לובלינר טוגבלט" ואף חטא בכתיבה. גם בעבודה היה בא במגע עם אנשים רבים והיה אהוב עליהם בגלל כושר הקשבה, חיוכו הטוב ונכונות לעזור.

בשנת 1939, האווירה בפולין היתה מתוחה, הרגשנו שמשהו מתקרב. לחצנו על משה שיעלה ארצה. משה התנגד, כי לא רצה להשאיר את אחותו החולה. אני זוכרת, איך בערב אחד יצאנו שנינו לטייל ועד שעות מאוחרות השתדלתי לשכנעו, אם המצב יחריף, הוא כבוגר צבא, ייקרא לדגל הראשון. עדיף לצאת את פולין. ואם העולם יימשיך להתקיים, יהיה ביכולתו לעזור למשפחתו. משה שוכנע והבטיח לי חגיגית, שיפעל למען נסיעה בעליה ב'. אנחנו יצאנו לחופשת קייץ לעיירה אופולה ומשה היה אמור להצטרף אלינו אחרי סידור ענינים, הקשורים בעליה. כעבור כמה ימים קבלנו ממנו מכתב ובו כל התמונות שלנו. במכתב כתב, שהצליח להשיג מקום בעליה ב', הוא יוצא ארצה ואינו רוצה בדרך בלתי לגאלית לסחוב אתו תמונות. משה הגיע ארצה באחד בספטמבר 1939, יום פרוץ המלחמה.

בשנות המלחמה לא פעם חשבתי, שיש לרשום לזכותי שמשה הצליח לעלות ולחסוך מעצמו את הצרות שפקדו אותנו.

בשנת 1945 בהגיעי ארצה, התפרסם בעתון בארץ מאמר של הסופר יואל מאסטבאום: "החברה מלובלין". אני את המאמר לא הייתי מסוגלת לקרוא, אבל משה כן קרא, השיג את כתובתי ובא בעקבותיו אלי, לרמת־דוד. מאז חודש הקשר. ביקרתי אצלו בקבוצת יד מרדכי. בחתונתי, משה היה השושבין הראשי. אחרי שנים, שנינו עזבנו את הקיבוצים שלנו. אנחנו — לעפולה ומשה השתקע בתל־אביב. הוא עבד בקואופרטיב "הנגב", ברח' המסגר. לא פעם הייתי מבקרת אצלו. אנשים רבים היו באים ולכל אחד בעיה שלו. משה, במזגו הטוב, פתר הכל בבדיחות דעת, שאל לשלומם של חברים במשק וכולם יצאו מלווים, בבדיחה יהודית טובה וד"ש לחברים בקיבוץ.

משה אהב בני אדם ומוכן היה תמיד לעזור. אחרי נשואיו ליהודית, החליף את מקום עבודתו והיה ל"עצמאי". נולדו ילדים. הזמן הפנוי הצטמצם. משה היה בעל ואב מסור ואת מרבית זמנו הפנוי הקדיש למשפחתו. בימים של שמחה או סתם ביקור בתל־אביב, היינו מבקרים בביתם ובהחלט הרגשנו בני בית במשפחה קצת מורחבת.

עם הגיל ובואם של הנכדים, המרחק בין עפולה ותל־אביב "גדל", אבל כל הזמן שמרנו על קשר טלפוני.

מחלה קשה פגעה במשה, הוא עבר סבל רב ולצדו יהודית המסורה וילדיו. המחלה נצחה ומשה אחי ורעי איננו עוד.

**סויקה ארליכמן־בנק**



## יצחק רייכענשטיין ז"ל

דאָס רייכע, געזעלשאַפטלעכע לעבן פונעם פאַרשטאָרבענעם, וועמענס מצבה מיר אנטהילן איצט צו די שלושים פון זיין פטירה, לאָזט זיך פאַרטיילן אין דריי תקופות: אין פאַרמלחמהדיקן לובלין, אין נאָכמלחמהדיקן לובלין און אין מדינת ישראל. אין אַלע צייטן, ביי אַלע באַדינגונגען, איז ער געווען דער זעלבער יצחק רייכענשטיין. א קעמפּעריש נאַטור, א גרויסער מאמין אין א חלוצישער מדינה און אַן אמתדיקער פּאַטריאָט פון זיין געבוירן־שטאָט. שילדערן די פּערזענלעכקייט פון פאַרשטאָרבענעם, איז נישט אזוי ווי א פּערזאָן, א יחיד, ווייל גיכער פּאַסט יזך פאַר אים די באַצייכענונג מוסד, וואָס מיינט א גאַנצע אינסטיטוציע, וועלכע פּאַרקערפּערט אויפטוען אויף פאַרשידענע געביטן.

פאַרן גרויסן חורבן, האָט מען באַווונדערט יצחקן, וועָס הגם פיזיש באַגרענעצט, האָט ער געשלעפּט מיט זיך א שווערן, געזעלשאַפטלעכן וואָגן: סעקרעטאַר פון ספּאָרט־קלוב "הפועל", וועלכער האָט פאַרשריבן א הערלעכן בלאַט אין דער געשיכטע פון פיזישער דערציאונג צווישן דער יידישער יוגנט אין לובלין; פאָרזיצער פונעם דרוקער־פאַראיין — דער איינציקער פּראָפעסיאָנער פאַראיין אין לובלין, ווו דער "בונד" האָט געהערשט אין דער גאַנצער פּראָפעסיאָנער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס; קאָמיטעט־מיטגליד און איינער פון די אָנפירנדיקע חברים פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי (צ.ס.). און די דאָזיקע פאַרצווייגטע, אחריותפולע טעטיקייטן האָט ער באַוויזן צו פירן גלייכצייטיק מיט זיין באַשעפטיקונג — א זעצער אין "לובלינער טאָגבלאַט". אַלץ

צוזאמען איז ביי אים ארויסגעקומען גאנץ, הארמאָניש, וואָס האָט געשאפן פאר אים א סך אָנזען, ליבשאפט און פארערונג.

נאָך דער באפרייאונג טרעפן מיר ווידער רייכענשטיינען אויף א גאָר הויכן שטאפל פון באנייטן יידישן לעבן, נאָך דעם גרויסן חורבן. ווי א פרעזידיום־מיטגליד פון יידישן קאָמיטעט, פעלן אים נישט אויס קיין פראָבלעמען, ענינים (און צרות), וועלכער ער איז גובר א דאנק זיין געזעלשאפטלעכן סטאזש, איבערגעגעבנקייט און פאראנטוואָרט־לעכקייט. אויף זיין איניציאטיוו, ווערט ארומגעצוימט דער צעשטערטער בית הקברות אויף דער אוניצקע גאס; ער אָרגאני־זירט א בכבודיקע פייערונג צום פראָקלאמירן די אנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה אין מאי 1948 — און אין קעגנזאץ צו א סך ציוניסטן, קומט ער צום אויספיר, אז ס'איז געקומען די צייט אויך עולה צו זיין, וואָס ער איז מקיים אין יאָר 1949.

אין לאנד נעמט ער זיך צוריק צו זיין פאך און מיר טרעפן אים אין דער מלוכהשער דרוקעריי (המדפיס הממשלתי) ביי זיין באליבטער פראָפעסיע — הבחור הזעצער. א געוויסן טאָג מעלדעט ער זיך, אז ער וויל אויך מיטארבעטן אין קאָמיטעט פון דער לובלינער לאנדסמאנשאפט, וואָס מיר האָבן אויפגענו־מען מיט פרייד, ווייל מ'האָט געוווסט זיינע פעיקייטן און מעגלעכקייטן. פאר די עטלע יאָר פון זיצן מיט אונדז אין קאָמיטעט, האָט מען תמיד זיך צוגעהערט אויפמערקזאם צו זיינע פאָרשלאגן, וואָס זענען געקומען פון אַ דערפארענעם געזעלשאפטלעכן טוער. נאָך ווען די פרוי איז געוואָרן קראנק און ער אליין האָט אָנגעהויבן פילן די עלטער, האָט יצחק זיך ניט געשעמט און געבעטן צו באפרייען אים פון קאָמיטעט.

איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן זיינע ווערטער, וועלכע דארפן אויך דינען ווי א ביישפיל פאר פיל אנדערע עסקנים:

— איך וויל נישט זיצן אין אונדזער קאָמיטעט ווי א סטאטיסט — אליין גאָרנישט טאָן און באגנוגענען זיך מיט קריטיקירן די וואָס טוען יאָ. עס קומט א צייט, ווען יעדער געזעלשאפטלעכער טוער דארף זאָגן "גענוג". איך וויל נישט פארנעמען דאָס אָרט, אפשר פון א יונגערן, וואָס איז פעיק און גערנוויליק אויפצוטאָן מערער פון מיר.

און ער האָט אונדז פארלאָזט, מיינענדיק אפשר, אז "מען שטייט אין דער ריי" צו נעמען אויף זיך די אומדאנקבארע אויפגאבע פון א שליח ציבור.

יצחק האָט אויך געשריבן פארן "קול לובלין", צוגעשטעלט אינטערעסאנטע און באלערנדיקע זכרונות, ארטיקלען און אויך — פאָלעמיקס. אויב אים איז עפעס נישט געפעלן געוואָרן אין אונדזער אויסגאבע, האָט ער רעאגירט ווי ס'געהער צו זיין.

מיטן טויט פון יצחק רייכענשטיין, איז אוועק אויפן עולם האמת א מענטש, וואָס האָט נישט געוואָלט לעבן נאָר פאר זיך און מיט זיך, נאָר פרייוויליק גענומען אויף זיך דער עול פון אן אמתדיקן שליח ציבור.

כבוד זיין אָנדענק.

**דוד שטאָקפיש**

**(פון דער רעדע בעת דער אנטהילונג פון דער מצבה צו די שלושים)**



**ישעיהו מאיר מאנדעלמילך** און רבקה מאנדעלמילך ז"ל (פון דער היים לובעלסקי), אומגעקומען אין לובלין, בעת דער דייטשישער אָקופאציע. כבוד זייער אָנדענק!

Halbersberg did not belong to any political party but he soon beame involved, and we see him as one of the most political activists in the Unit. "It's a war against Hitler and Mussolini," he argued, and with conviction made every effort to clarify the situation for the soldiers and strengthen their battle fervor.

***His political maturity as well*** as his military skill grew in the fire of combat. In the great Ebro offensive he became a lieutenant. When the commander of the Botwin Company was called away, Halbersberg was chosen to replace him and when his political commissar was wounded in battle, Halbersberg was given this important function also.

In a heavy, hard-fought battle, Halbersberg, at the head of his unit, captured the town of Corbera, but the bitter struggle continued. Two days after capturing Corbera, on July 30, 1938, in the battle for Gandesa, Israel Halbersberg, the legendary commander of the Botwin Company, fell heroically. Near Gandesa, not far from Tortosa, where, in the dark Middle Ages, Spanish Jews conducted the famous dispute with the corrupt Catholic hierarchy, his comrades brought him to his eternal rest.

Halbersberg had a faithful liason officer, the son of a peasant of the Almeria region by the name of Sanchez Aron. When Sanchez Aron was fatally wounded, he crawled over with his last strength to his beloved commander to bid him farewell. The farewell was not for long. On the Spanish soil, side by side, there lie the son of the Almeria region and the son of Jewish Lublin, Captain Israel Halbersberg (he was raised to the rank of captain posthumously).

It was a long journey Israel made from the Polish market fair to the battlefields of Spain. A journey of suffering and combat, finished in honor and glory. ■

# From a Polish Market Fair to Spain

*By BENJAMIN LUBELSKI*

WHEN I think of Eliezer Halbersberg, I see Lublin — its streets and stores, and especially the market square during the days of the market fair. Yes — I still see that fair, I can hear it and feel it to this day — the peasant wagons all around the square, the booths and stalls loaded with clothing, shoes, foodstuffs. On wire grills above a fire, frying kolbasi dripping fat. The din and clamor — noises rising in the air merging with the smells of onions and garlic, of stewed chicken and liver.

Most of the booths belonged to the Poles, but here and there a Jew had his place also. That's where Halbersberg's father had his business: earthenware pots of all sizes, for milk, for cheese, for flowerpots. Halbersberg's tales about his father always carried me back to this Polish marketplace and its surrounding streets.

Eliezer (Lazer) Halbersberg's father was a religious and strictly observant Jew. He was a family man with eight sons, of whom Eliezer was the seventh. He earned his livlihood selling earthenware for all purposes and was very happy when young Jews and youths bought utensils in his shop order to paint on them. Still, despite his so religious home and his education in the "heder", Eliezer turnde towards socialism and became a communist. Many young Jews were swept away at that time by the communist ideas and ideals. These were unliked and persecuted by the police, who even came to Eliezer's home seeking incriminating material and the young communist. This so hurt the father, who could not bear the shame, that he took his youngest son and emigrated to Eretz Israel.

From there Halbersberg began his wanderings in the crisis days of May, 1929. First from Lublin to Germany, where conditions were bad also--millions of unemployed, sharp social conflicts, bitter fighting between socialists and communists and nazis. One could still hear the sound of shooting which the police had let loose upon the barricades of Red Wedding [a workers' district in Berlin]. The Weimar constitution had guaranteed full democratic freedom and the Brown Battalions took full advantage of it. They were preparing for the devil's game. Hitler's slogan was Bismarck's "iron and blood"! No place nor time here to look for work and security. After a short stay in Berlin, Halbersberg took off, without a visa, without a passport, for Paris.

The freedom in France was like a flash of lightning before his eyes. The glitter and beauty of Paris, its wealth, cast a magic spell over him. But, as an illegal immigrant with empty pockets, he found that his step became heavier every day. The economic crisis in France worsened. The small Jewish factories and workshops were gasping for breath. Halbersberg could find no work here. He felt persecuted by a torturing enemy, and in that he was not alone. Among these desperate ones, the French Foreign Legion found its victims.

A poster of a healthy, sun-tanned man in a Legionnaire's cap announced, "The Foreign Legion offers you an interesting, worthwhile life." Everything was promised--good pay, clothing, adventure and, at the end, French citizenship and a lump sum of five years' accumulated pay. So many good things appealed to the homeless and hungry. Membership in the Foreign Legion was open to all in good health. One's parentage, origin, nationality, age were of no concern. Everyone was accepted.

***What could a youth from Lublin*** know about what was behind such a poster urging one to join the Legion? Halbersberg fell into the trap and was carried off to Morocco.

From this human material, the French, with murderous discipline, in the scorching Sahara sun, fashioned, in its own interest, the Legion units, and instilled in them a contempt for death.

They were difficult years--years of pain, drunkenness, battle in hot sand. The sturdy Halbersberg endured it all. After five inhuman, horrible Legion years, he returned to the boulevards of Paris with a French passport and money in his pocket.

But he did not find a paradise in France. It was 1937. Cries of horror and murder reached him from Hitler's suffered it in real, bloody form, a war against fascism and anti-Semitism. His newly acquired French passport and the money he had saved lost all meaning for him. From France into Spain was only a step--already in March, 1937 he was there.

The attitude of the International Brigade towards former soldiers of the Foreign Legion, as to political strangers with an obscure past, was one of suspicion and distrust. But it did not take long for Halbersberg to develop a close and cordial relationship with all his fellow-fighters. He was a well-trained soldier with an iron discipline. The newly formed Spanish people's army did not have many such soldiers.

In the Polish Dombrowski Battalion he soon became a model of military know-how and courage. He quickly advanced to the rank of sergeant. When, toward the end of Dec., 1937, a separate Jewish unit (the Naftali Botwin Company) was formed, he was transferred to it and was given command of a platoon. Early in 1938, during the first battle of the Unit, deep in enemy lines at Sierra Quemada, he exhibited wonderful strength. The small unit under his command took captive an enemy battery with its commander and men. It was a bitter battle. The units, ill-prepared, not hardened in battle, suffered heavy losses. In these battles, Halbersberg's vast military knowledge spared his unit many casualties.

Yet the transition from the Foreign Legion to the International Brigade was not easy for him. It was an entirely different military setup. He had to overcome habits which were not appropriate to this new situation.

"No more whisky!" he decided one day, and with his strong will he put an end to a habit that had been an important component of his lifestyle in the Foreign Legion for five years.

→

---

BENJAMIN LUBELSKI *appeared here in June with another section of his book,* Yiden in Spanishen Birgerkrieg, *issued in Tel Aviv in 1984 by the H. Leivik Publishing House. He was a political commisar in a Polish unit of the International Brigades fighting Franco in Spain. In 1965 he settled in Jerusalem, where he now lives. The trnaslation from the Yiddish is by Rebecca L. Soyer.*

**המערכת – רעדאקציע:**
ד"ר נתן בן־טובים, אירית גוטליב, צפורה דסקל־וייסלפיש, ד"ר אלחנן הורביץ, מתתיהו הורן, אברהם לסקובסקי, מאיר שילדקרויט, אלכסנדר שריפט.
**העורך – רעדאקטאָר:** דוד שטוקפיש
✦
**כתובת המערכת – אדרעס פון רעדאקציע:**
"קול לובלין", תל־אביב, דיזנגוף 158
**"Kol Lublin", Tel-Aviv, Dizengof 158, Israel**
✦
**"הדפוס החדש", תל־אביב**



teatrnn.pl